STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10819

A SHPATSIR MIT FARGENIGN UN NIT ON MORAL

Taras Shevchenko

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יוביליי-אויסגאבע
1814
1939

Кабінет по вивченню
єврейської радянської літератури, мови та фольклору
Академії Наук УРСР

ТАРАС ШЕВЧЕНКО

ПРОГУЛКА С УДОВОЛЬСТВИЕМ И НЕ БЕЗ МОРАЛИ

Переклав Д. Гофштейн

★

Державне Видавництво Національних Меншостей УРСР
Київ — 1939

קאבינעט פאר דערלערנענ
די ייִדישע סאָוועטישע ליטעראטור, שפראכ אונ פאָלקלאָר
פונ דער וויסנשאפט־אקאדעמיע אוססר

טאראס שעווטשענקאָ

א שפאציר מיט פארגעניגנ
אונ ניט אָנ מאָראל

ייִדיש ד. האָפשטיינ

★

מעלוכע־פארלאג פאר די נאציִאָנאלע מינדערהײַטנ אינ אוססר
קיִעוו — 1939

14977

ערשטער טייל

I

האָט זיכ מיר פארוואָלט פאראיאָרנ באגעגענענ אונדזער ווונדערלעכנ אוקראיִנישנ פריִלינג ערגעצ ווײַט פונ שטאָט, ווײַט אפילע פונ אזא שטאָט, ווי אונדזער גאָלדקעפיקער קיִעוו, וואָס איז באדעקט מיט סעדער.

דער פריִלינג אינ שטאָט פארלירט ניט זײַנ שיינקײַט, נאָר ס'איז אָבער פאָרט שטאָט, אונ מיר האָט זיכ פארוואָלט אנ אָפגעזונדערט שטיל ווינקעלע.

אָט דער פּאָעטישער געדאנק איז אופגעקומענ בא מיר אינ אָנהייב אָדער אינ מיט אפרעל. גוט געדענק איכ ניט. איכ דערמאנ זיכ נאָר, אז דאָס איז געווענ פונקט דאנ, ווענ ארום־אונ־ארום צעפליסט זיכ אונדזער באוווּסטע אוקראיִנישע בלאָטע.

מע האָט געקאָנט אביסל צווואַרטנ: פריִלינג טריקנט די בלאָטע גיכ אויס. אָבער קוים איז מיר געקומענ אפנ געדאנק, זאָל זײַנ די אומדערגרייכבארסטע זאכ, איז מאכ פונ זיכ, נאָר דערלאנג.

אין דעם זין בין איך זייער ענלעך אף מײַנע אײַנגעשפּארטע לאַנדסלײַט. בא אונדזערע שרײַבער און ביכלאַל בא אָנשטענדיקע מענטשן הייסט עס א שטארקער ווילן, אָבער מע קען עס אויך פּאָשעט אָנרופן אָקסענע אײַנגעשפּארטקײַט, — דאָס איז אי שענער, אי אויסדריקלעכער.

לאַנג האָב איך אין געדאַנק איבערגעקליבן מײַנע גוטעפרײַנט, וואָס האָבן זיך פארשטעקט אין שאָטן פון אָפּגעזונדערטקײַט, דאָס הייסט, זיי האָבן זיך געווידמעט דער סאמע עכטער אומטעטיקײַט.

נאָך א פלײַסיקן איבערקלײַבן האָב איך זיך אָפּגעשטעלט אף איינעם א געוועזענעם הוסאר, וועלכער האָט מיך געהאלטן פאר זײַנעם א קאָרעוו. איך האָב קעגן דעם גאָרניט ניט דערווי־דערט.

געוווינט האָט ער, אָדער, ווי מע דריקט זיך אנדערש אויס, ער איז געווען פארוואָרפן אין איינעם פון די שענסטע ווינקעלעך פון קיִעוושטשינע, א ווערסט דרײַ פון שטעטל ליסיאנקע. אף אָט דעם קאָרעוו איז געפאלן מײַן אויסוואל.

מיט א טרויקע גוטע פּאָשטט-פערד, מיט טראָכימען און מיט א טשעמאָדאן בין איך גאנצפרי ארויסגעפאָרן פון קיִעוו. ביז דער ערשטער סטאנציע וויטע זײַנען מיר דורכגעפאָרן אָן באזונדערע געשעענישן, און אויך וויטע דורכגעפאָרן בעשאָלעם, נאָר איינמאָל סאמע אנטקעגן בעלאָקניאזשער פעלד, נאָך פאר דער „קאפליצע", האָבן זיך בא דעם לינקן צוגעשפּאנטן פערד איבערגעריסן די פּאָסט־ראָמקעס. געמיינט האָבן מיר ווי ס'ניט איז זיך דערשלעפּן ביז וואסילקאָוו, אָבער ווו? די בלאָטע איז ביז די קלעצלעך, און אונדזער פור רירט זיך ניט פון אָרט. אף אונדזער מאזל האָט א פויער געפירט לאָזעס אף פלעכטן א פארקן. מיר האָבן בא אים אויסגעבעטן, ניט אָן מי, א פּאָר פרוטיקלעך און האָבן ווי ס'ניט איז צוגויפגעדרייט די פּאָסטראָמקעס.

אין וואסילקאָוו האָבן מיר מיט טראָכימען איבערגעביסן גע־פילטע שטארק געפעפערטע יידישע פיש און זיך געלאָזט ווײַטער. ס'האָט אָנגעהויבן גיין א דריבנע, שטיל רעגנדל. נאָכדעם — אלץ שטארקער און שטארקער, און צום סאָף — א גאָס געטאָן, ווי פון אן עמער. מע האָט געקענט געוועט פארפאָרן אין א מיטניצער קרעטשמע און איבערוווארטן דעם רעגן, נאָר איך האָב באשלאָסן, אז כ'וועל זיך אין ערגעץ ניט אָפּשטעלן ביז בעלעצערקאָוו. און אזוי האָב איך געטאָן. אין בעלעצערקאָוו זײַנען מיר אָנגעקומען שוין באנאכט. אויסגעווייקט זיך מיט טראָכימען, האָבן מיר באַשלאָסן איבערנעכטיקן אין דער פּאָטשט־סטאנציע, און האָבן גוט געטאָן, וואָס מיר האָבן אזוי צוגעטראכט, ווײַל אנדערש, קאָן זײַן, וואָלט מיר קיינמאָל ניט אויסגעקומען שרײַבן וועגן דער דאָזיקער רײַזע, און אײַך, מײַנע געדולדיקע לייענער, וואָלט ניט אויסגע־קומען זי לייענען, ווײַל דער קנופּ פון דער דאָזיקער געשעעניש, וועגן וועלכער איך שרײַב, האָט זיך פארבונדן פּונקט טאקע אין דער מערקווירדיקער נאכט, אָבער ניט אפ דער פּאָטשט־סטאנציע, ווי עס טרעפט זיך מערסטנס, נאָר... צוליב וואָס אָבער זאָל איך פארלויפן אפריער?

באשלאָסן נעכטיקן אפ דער סטאנציע, האָב איך א פרעג גע־טאָן דעם אופזעער:

— איז פאראן בא אײַך א צימער פאר רײַזנדע?

— פאראן צוויי, — האָט ער געענטפערט, — נאָרביידע זײַנען פארנומען. עפּעס א פריצטע, ווײַזט אויס, מיט א טאָכטער האָבן פארנומען ביידע צימערן.

א פריצטע מיט א יונגער טאָכטער! — האָב איך א טראכט געטאָן.

עך, פארדריסלעך, וואָס איך בין ניט קיין הוסאר אָדער כאָטש פּאָשעט א מיליטער־מאן — איך וואָלט שוין געוווּסט, וואָס דאָ צו

טון. פּאָשעט, לויט די געזעצן וועגן פּאָרן צוליב מעלוכישע באַדערפענישן (א מיליטער־מענטש פּאָרט נישט מיט פּאָטשט צוליב אייגענע באדערפענישן), וואָלט איך פארפּאקעוועט די מאמע מיט דער טאָכטער אין איין צימער, און אליין וואָלט איך זיך וויל באזעצט אין דעם צווייטן און אף דער פרײַ זיך פארנומען מיט באאָבאכטונגען דורך דער שפּארונע פון שלאָס.

אָט איז אײַך אן אָנהייב פון א ראָמאן אין ריין הוסארישן שניט. מע דארף זיך מוידע זײַן, אז איך בין שוין גרייט געווען... אָבער, ניין, ס'האָט בא מיר ניט געקלעקט קיין מוט. מע זאָגט, אז וועמען ס'איז ניט באשערט זײַן קיין מיליטער־מאן, דער מעג אפילע אף אן ארשין די לענג פארלאָזן זיך וואָנצעס, און ער וועט אלץ זײַן א ציווילער פארשוין.

ביזן שטעטל איז געבליבן א גוטער ווערסט, און ביז צום יידישן אײַנפאָר, ווו מיר האָבן באשלאָסן איבערנעכטיקן, ניט ווייניקער ווי צוויי. ניטאָ וואָס צו טאָן. מיר האָבן זיך אוועקגעשלעפּט אונטער א שלאקסרעגן צו דעם יידישן אײַנפאָר. טראָכים, ניט אינגאנצן צופרידן פון מײַן באשלוס, האָט אָנגעהויבן עפּעס דערווידערן, האָב איך א מאך געטאָן מיט דער האנט, און מיר זײַנען אוועק ווײַטער. אין א שאָ ארום זײַנען מיר געווען בא דעם אָנגעמערקטן אָרט.

איך וואָלט געקאָנט אויסנוצן די געלעגנהײַט און אײַך אויסמאָלן דעם בעלעצערקווער אײַנפאָר מיט אלע זײַנע שמוציקע איינצלהײַטן, נאָר די פלעמישע מאָלערײַ האָט זיך מיר ניט אײַנגעגעבן, און דאָ איז דאָס אומבאדינגט נייטיק. איך וועל פאָרלויפיק באמערקן, אז, ערשטנס, איז קיינער מיך ניט ארויסגעגאנגען באגעגענען, ווי ס'איז אָנגענומען אין רוסישע אײַנפאָרן. אָבער די סיבע דערפון האָט געקאָנט זײַן די פינצטערע רעגנדיקע נאכט, א סיבע א וויכטיקע פאר דעם סאמע דרייסטן העלד; צווייטנס,

ווען מיר זײַנען מיט די גליטשיקע טרעפּ אַרײַנגעקראָכן אין פינצ־טערן קאָרידאָר, האָב איך זיך אָנגעשטויסן אַף עפּעס אײַזערנס, און אַזוי פויגלדיק, אַז כ'האָב זיך שיר דעם קאָפּ ניט צעקלאַפּט. גאַנצפרי האָב איך שוין דערזען, אַז דאָס איז געווען אַ סנאַסט מיט רעסאָרן פון עפּעס אַ וואָגן. אַזאַ איז געווען מײַן אָנקום אין דער גאַסטפרײַנטלעכער ייִדישער היים! אין צימער האָט מיך באַ־געגנט אַ ייִד מיט אַ גאַנץ פײַנעם אויסזען. ער האָט מיר גע־האָלפן אַראָפּשלעפּן פון די אַקסל דעם פּיטש־נאַסן רעגנמאַנטל און מיט האַכנאָע אַ פרעג געטאָן:

— וואָס וועט דעם פּאָרעצס פאַרלאַנג זײַן?

— טיי און אַ צימער, — האָב איך געענטפערט.

— זאַראַז, — האָט געענטפערט דער ייִד און זיך באַהאַלטן הינ־טער דער טיר.

וואַרטנדיק אַף יענעם „זאַראַז", האָב איך זיך געוואַרעמט און אויסגעגלײַכט די ביינער, אַרומשפּאַנענדיק הין און צוריק איבער דער שטוב.

דער צימער איז געווען, ווי אַ קלייט, מיט שאַפעס באַ די ווענט און מיט אַ גלעזערנעם קאַסטן אין דער ברייט פון שטוב. ס'האָט אויסגעזען ווי אַ שענקוואַס. לעבן דעם קאַסטן האָב איך זיך אָפּגעשטעלט און צווישן די גאַלאַנטעריי־קלייניקײַטן האָב איך דערזען — וואָס וואָלט איר געמיינט? — אַ בוך אין געלע טאָוולען.

איך האָב נאָרוואָס געוואָלט זאָגן טראַכימען, אַז ער זאָל אַרויס־באַקומען אַ בוך פון טשעמאָדאַן, און דאָ — קריכט אַ בוך גאָר אַליין אין די הענט, און מע דאַרף טראַכימען ניט מאַטריען זײַן. איך נעם פון טיש די ליכט און לייען דאָס קעפּל, דאַכט זיך, מיט סלאַוויאַנישע אויסיעס: „אוקראַיִנישע פּאָעזיע" — ט. פּאַדוראַ". קום נאָר, טראַכט איך, ליבינקער, אַהער! לאַנג האָב איך דיך ניט געזען. אָבער דער קאַסטן איז געווען פאַרשלאָסן.

כ'האָב א רוף געטאָן דעם באַלעבאָס, אָבער אָנשטאָט אים האָט זיך באוויזן עפּעס א ייִד מיט א געל בערדל. איך האָב אים גע־בעטן מיר ארויסבאַקומען דאָס בוך. אָבער ער האָט געענטפערט, אז ער איז גאָר א מעקלער, און ניט דער באַלעבאָס פון קלייט. דאַן האָב איך געהייסן א רוף טאָן דעם באַלעבאָס. ס'איז געקו־מען דער באַלעבאָס, דער זעלבער פײַנער ייִד, וואָס האָט מיר גע־האָלפן אראָפּציִען דעם רעגנמאַנטל. כ'האָב געבעטן מיר געבן דאָס בוך. ער האָט אים ארויסגענומען פון קאסטן און, דערלאַנגענדיק אים, געזאָגט:

— צען זלאָטעס.

— און אויב נאָר דורכלייענען, — האָב איך געפרעגט, נעמענ־דיק דאָס בוך, — איז וויפל וועט דאַן קאָסטן?

— פינף זלאָטעס, — האָט געזאָגט דער ייִד, קלינגענדיק מיט די שליסל.

ניטאָ וואָס צו טאָן. איך האָב געגעבן די פינף זלאָטעס און געבעטן א מעסער אפ צעשנײַדן דאָס בוך, אָבער דאָס איז גע־ווען איבעריק — דאָס בוך איז געווען צעשניטן און אפילע אויס־געשמירט. כוץ פעטע פלעקן האָב איך דערזען אפ די בּרעגן אי גלײַכע ליניעס, אָנגעקארבט מיט א נאָגל צי מיט א בלײַער, אי אויסרופצייכנס, אי פרעגצייכנס, אי דער רועך וויס וואָס.

אײַ, אײַ! — האָב איך א טראַכט געטאָן, — דו ביסט שוין גע־ווען אין די הענט בא אונדזערע לײַט די קריטיקער.

שרײַבן מיט א בלײַער אָדער מיט א נאָגל אפ א פרעמדן בוך — דאָס איז א זאַך אַן אומדערלאָזבארע, אָבער פּאָרט איז אין דעם דאָ עפּעס א געדאַנק, אז אָט, ווי איינער רעדט: איך האָב גע־לייענט אָט דאָס בוך און געפינ, אז דאָס איז שלעכט און דאָס איז גוט אין אים. כאָטש דאָס איז ניט קיין בארעכטיקונג פאר דעם לייענער, וואָס שעדיקט פרעמדן אייגנטום, אָבער מיט וואָס

בארעכטיקן זייער אופטו די, וואָס שעדיקן די שויבן אפ די פּאָטשט־סטאנציעס מיט זייערע טײַערע דימענטן, ווען זיי מאָלן אפן גלאָז זייער קונציקן ווענזעל, פונקט ווי מע טוט עס אפ א וויכטיקן דאָקומענט, דײַטלעך און אויסדריקלעך? — צוליב וואָס טוען זיי עס? עפּעס א געדאנק דארף דאָך זײַן אין די דריידלדיקע ווענזעלס און צייכענונגען. שוין־זשע ניט מער, ווי נאָר דאָס, מע זאָל וויסן, אז אזעלכער און אזעלכער, וואָס פארמאָגט א דימענטענעם רינג, איז אָט דאָ דורכגעפאָרן? מיר שײַנט, אז נאָר דאָס און מער גאָרניט. וואָס פאר א קליינלעכע נישטיקע גײַווע! מע זאָגט אפילע, אז ניט אנדערש דער וועלטבארימטער לאָרד בײַראָן האָט אָנגעצייכנט ערגעץ אין גריכנלאנד אפ א פעלדז זײַן בארימטע פאמיליע. שוין־זשע איז אויך אָט דעם גרויסן מענטשן ניט פרעמד געווען אָט די קליינלעכע, נישטיקע גײַווע? מעגלעך, אז אויך מיך (און ניט מיך אליין) צווינגט די זעלבע קליינלעכע גײַווע קוקן, — פארשטענדלעך, ווען כ'האָב ניט וואָס צו טאָן, — אפ די צעקרעלטע שויבן און ווידער איבערלייענען א לאנג־באקאנטן בוך, וואָס איז פארדראקעט מיט בלײַערס און נעגל.

אָט איצטערט האָט מיט מיר פּאסירט דאָס זעלבע. די פּאָעזיע פון פּאדורא איז מיר באוווסט, און נאָך ווי באוווסט, און איך האָב באצאָלט פאר איר פינף זלאָטעס, גלאט אזוי פון א פרימכע וועגן, איך זאָל זיך אביסל פארווײַלן. און ווען כ'האָב דערזען די דריידלעך אפ די בּרעגן, האָב איך אָנגעהויבן לייענען, פונקט ווי א קיינמאָל ניט געלייענטן בוך.

אפ דער ליד, וואָס רופט זיך „די זאפּאָראָזשער ליד", איז געווען זייער דײַטלעך אָנגעשריבן: „סקאלקאָווסקי לײַגט!" וואָס אזוינס האָט באטײַט אָט די ניט־העפלעכע באמערקונג? איך האָב איבערגעלייענט די ליד. די ליד הייבט זיך אָן אזוי: „היי, קאָזאטשע, אין נאָמען פון גאָט". וואָס פאר א שײַכעס האָט דאָס צום

געלערנטן אוטאָר פון „געשיכטע פון נײַעם קאָש"? איך פאַר־שטיי ניט.

באַ! כ'האָב זיך דערמאנט: אָט די זעלבע ליד לייגט אַרײַן דער זעלבער פאָרשער פון זאפּאָראָזשער לעבנשטייגער אין מויל פון די ריטערס פון זאפּאָראָזשיע. ערע און רום דעם געלערנטן מאַן! ווי טיף ער האָט אויסגעשטודירט אָט די זאַך, וועגן וועלכער ער שרײַבט. וווּנדערבאַר! און עפּשער האָט ער פּאָשעט געוואָלט אויסלאַכן אונדזער ברודער, דעם אוקראַיִנער, און מער גאָרניט? גאָט ווייס אים. נאָר אָט די וואָלין־פּוילישע ליד איז פּונקט אזוי ענלעך אַף אַ ליד פון די באַדניעפּערישע ריטערס, ווי איך אַף אַ כינעזישן באָגדיכאַן.

— און וואָס הערט זיך וועגן טיי און וועגן אַ צימער? — האָב איך אַ פרעג געטאָן, פאַרמאַכנדיק דאָס ביכל.

— זאַראַז,— האָט געענטפערט דער געלער ייִד, וואָס איז גע־שטאַנען אין אַ ווינקל און איז אַרויסגעגאַנגען אין צווייטן צימער.

— אַך, איר אַזעלכע און אַזעלכע! — איך האָב שוין דאָס גאַנצע בוך איבערגעלייענט, און זיי האָבן אפילע קיין טראַכט ניט געטאָן מאַכן טיי!

אין אַ ווײַלע אַרום האָט זיך דער ייִד אומגעקערט און זיך ווידער צוגעשפּאַרט אין ווינקל.

— און וואָס הערט זיך וועגן טיי? — האָב איך געפרעגט.

— באַלד וועט פאַרזידן,— האָט געענטפערט דער ייִד.

— וואָס־זשע טאָפּטשעסטו זיך דאָ? — האָב איך אַ פרעג גע־טאָן באַם ייִד, וואָס איז גרייט צו דינסט.

— איך בין אַ מעקלער. עפּשער פאַרלאַנגט עפּעס דער פּאַן, וועל איך באַלד פאַר אים אַלץ קריגן,— האָט ער צוגעגעבן מיט אַ כיטרע שמייכעלע.

— גוט! — האָב איך געזאָגט. — זאָגסטו, הייסט עס, אַז דו

װעסט אַלץ קריגן פֿאַר מיר, װאָס איך װעל נאָר פֿאַרלאַנ־
גען?

— כ׳װעל קריגן אַלץ, — האָט ער גלײַך געענטפֿערט.

װאָס פֿאַר אַן אױפֿגאַבע פֿאַרגיט מען עס אים, עפּעס אַזױנס
אין פּאַן טװאַרדאָװסקיס שניט? — האָב איך אַ קלער געטאָן און
אין אַ װײַלע אַרום געזאָגט:

— דו װײסט װעגן דעם ענגלישן פּאָרטער אונטערן נאָמען
בראַונסטוט בערקליי פּערקענס און קאָמפּאַניע?

— כ׳װײס, האָט געענטפֿערט דער ייִד.

— איז קריג מיר אײן פֿלעשל, — האָב איך געזאָגט מיט
זעלבסטצופֿרידנקייט.

— זאַראַז, — האָט געענטפֿערט דער ייִד און איז פֿאַרשװוּנדן
הינטער דער טיר.

נו, האָב איך אַ טראַכט געטאָן, — זאָל ער זוכן. איצט קען
מען אָט דעם פֿײַנטלעכן פּראָדוקט אַפֿילו אין הױפּטשטאָט ניט
קריגן און ניט נאָר אין בעלעצערקאָװו.

כ׳האָב ניט באַװיזן אַזױ אַ טראַכט צו טאָן, װי דאָ האָט זיך
באַװיזן מײַן ייִד מיט אַ פֿלאַש עכטן בראַונסטוט. כ׳האָב אַ קוק
געטאָן אױפֿן יאַרליק פֿון דער פֿלאַש, אַ קנײטש געטאָן מיט די
פּלײצעס, ניט אַרױסװײַזנדיק דאָך, אַז עס װוּנדערט מיך זײער.
דער ייִד האָט אָװעקגעשטעלט די פֿלאַש אױפֿן טיש און, װי ס׳װאָלט
גאָרניט ניט געשען, זיך װידער געשטעלט אין װינקעלע און נאָר
אָפּגעװישט דעם שװײס מיט דער פּאָלע פֿון פֿאַרשמאָלצעװעטן
מאַנטל. זײ שאַפֿן װוּנדער, אָט די פֿאַרפֿלוכטע מעקלערס!

— זאָג מיר דעם עמעס, — האָב איך זיך געװענדעט צום מעק־
לער, — װיאַזױ אַרום האָט זיך עס דער ענגלישער פּאָרטער פֿאַר־
װאַלגערט באַ אײַך אין בעלעצערקאָװו?

— דורך אונדזער שטאָט, — האָט געענטפֿערט דער ייִד, —

פירט מען פונ סעוואסטאָפּאָל די געפאנגענע ענגלישע לאָרדנ, איז צוליב זיי האלטנ מיר עס אָט דעם פּאָרטער.

— גוט, — האָב איכ געזאָגט. — הייסט עס, די זאכ איז גאנצ פּאָשעט.

— עפשער ווילט איר נאָכ עפּעס, וועל איכ אייַכ קריגנ אפּ באנאכט? — האָט געפרעגט דער מעקלער.

— ווארט, ברודערקע, כ'וועל א טראכט טאָנ, — האָב איכ געזאָגט אונ האָב גענומענ טראכטנ, וואָס נאָכ פאר א קנופּ פארבינדנ, אז דער פארפלוכטער מעקלער זאָל עס מיט די ציינ ניט צעקניפּנ, אונ גוט באטראכטנדיק, האָב איכ אזוינס פארקלערט, איינגאנצנ אינ פאנ טווארדאָווסקיס גוסט.

— אָט וואָס, ליבער באלמויפעס, — האָב איכ געזאָגט, ווענדנדיק זיכ צום נעבעכדיקנ מערקורי. — וויבאלד דו האָסט מיר געקראָגנ פּאָרטער, טאָ הער, בא אייַכ אינ שטאָט איז פאראנ א ביכער־קראָם?

— קיינ ביכער־קראָם איז בא אונדז אינ שטאָט ניטאָ, — האָט ער געענטפערט.

— גוט, טאָ קריג־זשע מיר א נייַ, נאָכ ניט צעשניטנ בוכ, אונ דאנ וועל איכ גלייבנ, אז דו קענסט אלצ קריגנ.

— זאראז, — האָט רויִק געזאָגט דער געלער מערקורי; ער האָט זיכ אויסגעקערעוועט אונ איז ארויסגעגאנ.

II

— היי, באלעבאָס, ווי האלט עס מיט טיי? — האָב איכ א געשריי געטאָנ העכער ווי געוויינלעכ, אויסדרייענדיק זיכ צו דער אָפענער טיר.

— זאראז, — האָט פונ דריטנ צימער געענטפערט א פרויענשטים.

— איר זאָלט זיכ אזוי דערוואַרטנ אפ אײַער מאָשיִעכנ, ווי איכ קאָנ זיכ ניט דערוואַרטנ אפ אײַער טיי! — האָב איכ צו זיכ געזאָגט אונ ניט באַוויזנ אַרויסרייִדנ אָט די בייזע פראַזע, ווי אפ דער טיר האָט זיכ באַוויזנ א קוטשעראַווע, שוואַרצהאָריקע, שטאַרק שיינע יִידישקע, אָבער אזא פאַרשמירטע, אז ס׳איז אומעגלעכ געווענ קוקנ אפ איר.

— אונ ווו איז די טיי? — האָב איכ געפרעגט בא דער פאַרשמירטער העבּע.

— בא אונדז איז קיינ טיי ניטאָ. אויב איר ווילט...

— וואָס הייסט ניטאָ! אונ ווו איז דער באַלעבאָס? — האָב איכ דער פאַרשמירטער העבּע איבערגעשלאָגנ די רייד.

— דער באַלעבאָס איז אַוועק שלאָפנ, — האָט זי ניט דרייסט געענטפערט.

— אויב איר האָט ניט קיינ טיי, איז וואָס איז בא אײַכ יאָ דאָ? — האָב איכ געפרעגט מיט פאַרדראָס.

— געפילטע פיש, העכט, אונ...

— אונ מער גאָרניט, — האָב איכ זי איבערגעשלאָגנ, אונ מיכ האָט אינ דער זעלבער צײַט איבערגעשלאָגנ דער מעקלער, אַרײַנקומענדיק אינ שטוב מיט צוויי נײַיִנקע ביכער אינ די הענט. איכ האָב זיכ פאַרכידעשט, אָבער זיכ באַלד באַהערשט אונ געהייסנ דערלאַנגענ דעמ העכט, דערנאָכדעמ ערשט זיכ געווענדעט צומ מעקלער אונ גלײַכגילטיק גענומענ בא אימ די ביכער. איכ קוק — די ביכער זײַנענ בעעמעס נײַע, ניט צעשניטענע.

כאָטש איכ, ווי א דערצויגענער מענטש, בינ געוווינט באַהאַלטנ מײַנע געפילנ, אָבער דאָ האָב איכ ניט אויסגעהאַלטנ, האָב א געשריי געטאָנ אונ האָב געזאָגט, אז דער יִיד איז אנ עכטער דינער פונ דעמ פאַנ טוואַרדאָווסקי. דער יִיד האָט א שמייכל געטאָנ, אונ איכ האָב אפ דער הילע איבערגעלייענט

„Морской сборник“ פון 1855 יאָר №1. איך האָב זיך נאָכאמאָל פארכידעשט און, זיך ווענדנדיק צום מעקלער, בא אים געפרעגט:

— זאָג מיר, אין נאָמען פון אײַער מאָשיעך, מיט וואָס פאר א קראפט שאפסטו עס אזעלכע וווּנדער, און דערצייל, וויאזוי און דורך ווּעמען האָסטו געקראָגן אָט די ביכער?

— אָ! אָט די ביכער קאָכטן טײַער, אויב דערציילן אײַך זייער געשיכטע, — האָט געזאָגט דער ייִד און האָט א פיר געטאָן מיט די פינגער איבערן קאָפּ, גלײַך ער וואָלט פאריכט די יארמעלקע.

— פיל מיר אויס די לעצטע דינסט, — האָב איך ווייך געזאָגט מײַן געלן מערקורי, — דערצייל מיר די געשיכטע פון די דאָזיקע טײַערע ביכער.

דער ייִד האָט אין פארלעגנהײַט זיך א קראצ געטאָן הינטערן אויער. איך האָב אים צוגעזאָגט א זלאָטע אפּ ביר. דאָס האָט אים אביסל דערמונטערט, ער האָט העפלעך געבעטן דערלויבן אים זיך זעצן און נאָכאמאָל זיך א קראצ געטאָן הינטערן אויער. ער האָט מיר דערציילט אזא דראמע, אז ווען ניט זײַן דעקלאמאציע, וואָלט איך אומבאדינגט זיך צעוויינט. דער אינהאלט פון דער דראמע איז זייער א פּאָשעטער און אזא געוויינלעכער, אז ניט ווילנדיק ווערט שווער אפן הארצן.

אָט איז די געשעעניש. פון סעוואסטאָפּאָל איז אין סמאָלענסקער גובערניע געפאָרן עפּעס א פלאָט־אָפיצער. גאָט ווייס אים, צי איז ער געווען פארווונדעט אָדער פּאָשעט קראנק. ער איז געפאָרן מיט צוויי קליינע קינדערלעך און מיט זײַן ווײַב. ס'איז געווען אום ווינטער אָדער סאָפּ ווינטער; דער וועג האָט אים אזוי, נעבעך, אויסגעמאטערט, אז ער האָט געמוזט זיך אָפּשטעלן אין בעלעצערקאָוו אפּ א פּאָר טעג זיך אָפּרוען. די קרענק האָט זיך

פֿאַרערגערט און ער איז געבליבן ליגן צו בעט. וואָס האָבן זיי געקאָנט טאָן? זיי זײַנען געבליבן זיצן אין א יידישער אומריי־נער שטוב און האָבן געוואַרט אַף עפּעס אַן אויסוועג. ס'האָט זיך אָנגעהויבן די אָדליגע. די וועגן זײַנען קאליע געוואָרן. אלץ איז טײַערער געוואָרן. קיין אייגן געלט איז ניט געווען. ער האָט אויסגעגעבן די וועג־הויצאָעס, צולעצט זײַנען אויך די וועג־הויצאָעס אויסגעגאנ, און דער קראנקער איז ניט אופגעשטאנען. עפּעס א דורכפאָרנדיקער דאָקטער האָט אים באזוכט און האָט נאָר א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, מער גאָרניט. קיין רעצעפּטן איז ניט געווען וואָס צו שרײַבן, ווײַל וואָס פאַר אן אפּטייק איז עס פאראן אין שטעטל? אפן צווייטן טאָג נאָכן וויזיט פון דאָקטער איז דער קראנקער געשטאָרבן, איבערגעלאָזט די אלמאָנע מיט צוויי קינדערלעך, ווי מע זאָגט, אָן א קאָפּעקע געלט. וואָס האָט זי נעבעך געקאָנט טאָן אין אזא ביטערער לאגע? זי האָט אָנגע־שריבן א בריוו צו דעם מאנס קרויווים אין סמאָלענסקער גובער־ניע, און, ווארטנדיק אף ענטפער, האָט זי אָנגעהויבן אויספאר־קויפן פאר האלב־אומזיסט דעם מאנס זאכן און אנדערע זאכן פון פארמעגן, קעדיי באפרידיקן די סאמע נייטיקסטע באדערפענישן. די אָרעמע אלמאָנע האָט אלץ פארקויפט, אפילע דאָס נייטיקסטע, אויב ס'האָט נאָר אוועלכע ס'ניט איז ווערט אין די אויגן פונעם קוינע דעם ייד.

די ביכער, וואָס דער אלצווייסנדיקער מעקלער האָט מיר גע־בראכט, האָט ער גענומען בא איר און, ווײַזט אויס, פאר א גאָר־ניט. אין דער באלעבאטישקײַט פון דער אלמאָנע זײַנען זיי גע־ווען איבעריקע זאכן, און דער פארשטאָרבענער, ווי עס זעט אויס, האָט ניט זייער שטארק געשעצט די געדרוקטע טוירע — די ביכער זײַנען געווען ניט צעשניטן.

נו, ווי ס'איז דאָרטן ניט געווען, אָבער איך בין געווען טיף

פֿאַרוווּנדערט און דערפֿרייט פֿון אַזאַ אויסערגעוויינלעכער גע־שעניש.

— וואָס־זשע האָסטו באַצאָלט פֿאַר די ביכער? — האָב איך געפֿרעגט דעם מעקלער, צעשניידנדיק דעם ערשטן נומער.

— צוויי רובל, וויייניקער וויל זי ניט, — האָט ער געענטפֿערט, שטאַמלענדיק.

— לייגסט, געלטגיריקער פֿאַרשוין, — האָב איך אַ טראַכט געטאָן, און דערווייַזן עס איז ניטאָ מיט וואָס.

— גוט, — זאָג איך אים, — געלט וועל איך דיר צושיקן מיט מייַן יינגל מאָרגן, דו וועסט אים נאָר אָנווייַזן די קוואַרטיר.

— איך האָב שוין דאָס געלט באַצאָלט; זי האָט אַפֿ באָרג ניט געגלייבט, — האָט ער געזאָגט און דערבייַ אָפּגעווישט זייַן אויסגעשמירטן הוט.

— אַ שאָד! איך וועל מער ווי אַ האַלבן רובל דיר פֿאַר די בי־כער ניט געבן.

— פֿאַרוואָס־זשע האָט איר אַ טעל געמאַכט דאָס ביכל? — האָט ער געזאָגט קימאַט כּוצפּעדיק.

— מיט וואָס האָב איך עס אַ טעל געמאַכט? — האָב איך גע־פֿרעגט.

— אינגאַנצן מיטן מעסער צעשניטן. איצט וועט זי עס ניט נעמען צוריק.

— За моє жито, мене-ж і бито,—

האָט ער געזאָגט זייער שטיל און איז אַנשוויגן געוואָרן.

— נו, מירן זען, — האָב איך געזאָגט, — גיי שלאָפֿן, און מאָרגן וועלן מיר זיך צערעכענען. — ער האָט זיך פֿאַרנויגט און איז אוועק.

אַז דער מעקלער איז אוועק, האָב איך אופּגעוועקט טראַכימען, וואָס איז געשלאָפֿן מיט אַן אומשולדיקן שלאָף לעבן טשעמאָדאַן

אין זײַן דורכגענעצטן אָנטון. כ׳האָב אים געהייסן אביסל זיך אויסטון, אַליין בין איך ארויס אין צווייטן צימער און האָב געזאָגט גענוג הויך, קימאט א געשריי געטאָן:

— און וואָס איז מיטן העכט?

— זאראז, — האָב איך דערהערט די פריַערדיקע פרויען־שטים, און אין א מינוט ארום האָט זיך געוויזן די זעלבע פארמורוזעטע קוטשעראווע ייִדישקע.

— שטעל־זשע אוועק די פיש אפן טיש און פארגעס ניט קיין בראָנפן שטעלן.

די ייִדישקע איז ארויסגעגאנגען און באַלד זיך אומגעקערט מיט דעם העכט און מיט אן אכטקאנטיקן שטאָף פול מיט ברוינרויטלע־כן בראָנפן.

איך האָב זיך גענומען צום העכט, און ניט געקוקט דערויף, וואָס ער איז געווען שטארק צוגעווירצט מיט פעפער און מיט נעגעלעך, האָב איך מיט אזא אפעטיט אים באארבעט, אז ווען טראַ־כים זאָל זיך געווען פארהאלטן מיט זײַן אויסטון נאָך א מינוט־קעלע, וואָלט אים געבליבן נאָר דער קאָפּ און דער וויידל. אָבער ער האָט זיך צוגעײַלט און האָט פארכאפט נאָך א באַדײַטנדיקע פּאָרציע. נאָך דעם העכט האָב איך געפרעגט בא דער פארמור־זעטער העבע, צי ס׳איז ניטאָ מיט וואָס פארשלאָגן דעם פעפער מיט די נעגעלעך.

זי האָט געענטפערט, אז היַינט האָט מען מער גאָרניט גע־קאָכט. איך האָב באפוילן דערלאנגען א גראפין מיט וואסער און א גלאָז. דערנאָך האָב איך זיך אויסגעצויגן אף א סקריפּענדיקער באנק, עפּעס א מין קאנאפּע. טראָכים האָט אָפּגעגעסן דעם העכט, אָפּגעזאָגט זײַן טפילע און אויך זיך באלייגט לעבן אויוון אפן דיל אף עפּעס א מאטראץ.

אין דער ייִדישער היים האָט אָנגעהויבן הערשן א שטיל־

קייַט. אָפּגעשנוצט די ליכט, האָב איך אָנגעהויבן איבערמישן דעם „Морской сборник“ נומ. 1.

III

איך האָב מאַשינעל געמישט דאָס בוך און האָב שוין אַפילע אָנגעהויבן דרעמלען. כ'האָב אופגעהויבן די האַנט צום צווענגל, קעדיי אויסלעשן די ליכט און אַנשלאָפן ווערן. אָבער ס'איז פאָרגעקומען גאָר עפּעס אַנדערש. צופעליק האָב איך אַ קוק געטאָן אופן רעיעסטער פון די פאַרוווּנדעטע סאָלדאַטן, פון די געזונט־געוואָרענע און פון די, וואָס זייַנען ניט פייִק ווייַטער פאָרצוזעצן זייער דינסט. כ'האָב גענומען לייענען, און וואָס האָב איך איבערגעלייענט? כ'האָב דאָ איבערגעלייענט אַזוינס, וואָס כ'האָב ניט געלייענט אין קיין איין געדרוקט ביכל.

די זאַך באַשטייט אָט אין וואָס. אין אָנוועזנהייַט פון קאָמיטעט פון די פאַרוווּנדעטע האָט מען אויסגעפרעגט אָט די אַלע צענעריקטע, אומגליקלעכע פאַרשוינען, ווער וואָס פאַר אַ לוין וויל באַקומען דערפאַר, וואָס זיי האָבן טרייַ געדינט דעם קייסער און דעם פאָטערלאַנד. אין אָנהייב האָבן זיך די אַלע אומגליקלעכע אָפּגעזאָגט פון וואָסער ניט איז לוין, אַבי מע זאָל זיי אָפּלאָזן אַהיים. אָבער דער קאָמיטעט האָט זיך געהאַלטן באַ זייַנס, אַז יעדער פון זיי זאָל פאָדערן, וואָס ער דאַרף. אייניקע האָבן געבעטן אַ געלט־באַלוינונג, אַנדערע — מע זאָל זייערע קינדער באַפרייַען פון קאַנטאָניסטן, און דער לעצטער פון זיי, אַ יונגער מאַטראָס, האָט מיט טרערן אין די אויגן געבעטן, אַז מע זאָל באַפרייַען זייַן לייַבלעכע שוועסטער פון לייַבקנעכטשאַפט. אָט די גרויסמוטיקע באַקאָשע פון דעם דאָזיקן פּאָשעטן מענטשן האָט מיך אַזוי פאַרוווּנדערט, אַז איך האָב מער ניט געקענט לייענען דאָס ביכל, כ'האָב עס פאַרמאַכט און אויסגעלאָשן די ליכט.

אָבער שלאָפנ האָב איכ שוינ ניט געקענט. דער מאטראָס האָט צערודערט מײַנ פאנטאזיע אונ האָט אוועקגעטריבנ דעמ גאָט פונ שלאָפ — מאָרפײ. די פּאָשעטע אונ נאטירלעכע טאט פונ אָט דעמ פּאָשעטנ מענטשנ האָט מײַנ פאנטאזיע געשילדערט מיט בונטע אונ העלע פארבנ. ווײַזט אויס, אז מײַנ הארצ איז שטארק פאראָרעמט געוואָרנ, אז מיכ האָט געקענט אזוי טיפ אָנרירנ אזא געווײנלעכע דערשײַנונג. געשיקט זיכ, אז צוזאמענ מיט דער ציוויליזאציע קלעפּט זיכ צו צו אונדז אזא עגאָיִזמ, אז מיר, דאָס הייסט איכ, קאָנ קוימ גלייבנ אינ אזא אָנייגננוצלעכקײַט? ווײַזט אויס, אז ס'איז אזוי. אונ אינדערעמעסנ דארפ זײַנ נישט אזוי: די בילדונג דארפ בארײַכערנ אונ נישט בארויבנ דאָס מענטשלעכע הארצ. אָבער דאָס איז, צומ באדויערנ, א טעאָריע. אָט די דאָזיקע געדאנקענ, וואָס האָבנ צו גאָרנישט ניט געבראכט, האָבנ מיכ ניט געלאָזט אײַנשלאָפנ, אונ וואָס מער כ'האָב זיכ פארטיפט אינ די דאָזיקע געדאנקענ, אלצ דערהויבענער אונ אָרנטלעכער האָט מיר אויסגעזוענ די טאט פונעמ פארוואונדעטנ מאטראָס. ער האָט אלצ אָפּגעגעבנ זײַנ שוועסטער, אונ זיכ האָט ער גאָרנישט ניט איבערגעלאָזט, אכוצ א טאָרבע פונ א בעטלער אונ א קוליע. ווי איר ווילט זיכ, אָבער די איידלטאט איז גאָרניט קיינ געווײנלעכע. וואָס וואָלט געווענ, — האָב איכ א טראכט געטאָנ, — ווענ מיר גיט זיכ אײַנ אָט דעמ פּאָשעטנ סיוזשעט געבנ א פאָרמ פונ א הערויִשער פּאָעמע, אָדער... אָבער ניינ, קיינ שומ אנדערע פאָרמ פונ פּאָעזיִע, אכוצ א פּאָעמע, גייט ניט צו צו אָט דעמ סיוזשעט. א פּאָעמע אָדער גאָרנישט. אונ איכ האָב גענומענ פארפאסנ א פּאָעמע.

אינ די פארגאנגענע טעג פונ אומשולד, ווי עס זאָגט דער פּאָעט, האָב איכ אינ דער שטיל געדראטשקעט לידלעכ. אונ ווער פונ אונדז האָט זיי ניט געדראטשקעט? הייסט עס, אז אָט די

האנטארבעט איז מיר געווען אביסל באקאנט; ס'איז געבליבן צו־צוטראכטן די האנדלונג, די סוויווע, דאָס אָרט פון דער האנד־לונג — דער שרעקלעכער פערטער באסטיאָן אין סעוואסטאָפּאָל, נאָך שרעקלעכער איז דער דאָרטיקער לאזארעט, און צום שלוס — אן אוקראַיִניש דאָרף, באדעקט מיט בלִיענדיקע ווײַנשל־סעדער. און אינמיטן גאס פון אָט דעם וואונדערלעכן דאָרף באגעגנט די באפרײַטע שוועסטער איר גרויסמוטיקן ברודער דעם קאליקע. די קאנווע איז גרייט, מע דארף נאָר צוקלײַבן פארבן און זיך נעמען פאר דער ארבעט. איך האָב שוין אפילו אָנגעהויבן פאנאנדער־לייגן די פארבן, האָבנדיק אין אויג דעם אלגעמיינעם עפעקט. איך הער זיך אײַן — אין צימער שעפּטשעט עמעצער. עפשער כאָלעמט זיך טראָכימען דער יִדישער העכט — האָב איך א טראכט געטאָן. איך הער זיך אײַן — ס'איז ווירקלעך טראָכים, אָבער נישט פון שלאָף, ער שעפּטשעט אין דער וואָר:

— הא!... ס'ווילט זיך א טרונק טאָן, אָבער ס'ווילט זיך נישט אופשטיין.

אין א ווײַלע ארום האָט ער נאָכאמאָל שוין העכער איבער־געכאזערט זײַן ווילן, און שפּעטער א ווײַלע געזאָגט עס קימאט אין דער הייך.

— טראָכים! — האָב איך א זאָג געטאָן אין דער הייך.

טראָכים שווײַגט.

— טראָכים! — האָב איך איבערגעכאזערט מיט דעם זעלבן טאָן.

— וואָס אזוינס? — האָט ער זיך אָפּגערופן ווי פון שלאָף.

— דערלאנג מיר דעם גראפין מיט וואסער.

טראָכים האָט טיף און דויערנדיק א זיפץ געטאָן, זיך פויל אופגעהויבן פון געלעגער, אינדערפינצטער אָנגעטאפּט דעם גראַ־פין און אים דערלאנגט מיר.

— טרינק דו אליין! — האָב איך אים געזאָגט, — און איך וויל ניט טרינקען.

טראָכים האָט זיך אָנגעטרונקען, אוועקגעשטעלט דעם גראפין אפן אָרט און האָט א זאָג געטאָן:

— א גרויסן דאנק אײַך!

— אָט אזוי, טיפּעש איינער — האָב איך אים געזאָגט אָנשטאָט א באמערקונג, אָבער איך צווייפל, צי ער האָט עס געהערט, ער איז שוין געשלאָפן.

ער איז א גרויסער אָריגינאל, אָט דער טראָכים. איך וועל אים באשרײַבן ערגעץ אין א מער פּאסיק אָרט, און איצטער וועל איך פאָרזעצן מײַנע אייגענע פּאסירונגען.

איך האָב זיך ווידער געוואָלט פארנעמען מיט דעם איבער־געריסענעם פאָדעם פון מײַן פּאָעמע, אָבער דער פרײַנט מאָרפיי האָט אראָפּגעלאָזט דעם פאָרהאנג, און די קוימבאמערקבארע און פּרעכטיקע דעקאָראציע איז פארשוווּנדן פון מײַנע אויגן.

אפן צווייטן טאָג, שוין גאָרנישט פרי, האָבן מיר פארלאָזט די שטאָט בעלעצערקאָוו. דאָס איז דערפאר, וואָס אנשלאָפן גע־וואָרן בין איך ערשט פארטאָג: אין אָנהייב האָט מיך דער מאטראָס באומרויִקט, און דערנאָך די פליי. — דער וועג איז געווען ניט בעסער ווי נעכטן, אויב ניט ערגער: פון דעם לאנגדויערנדיקן רעגן איז די געדיכטע בלאָטע פארוואנדלט גע־וואָרן אין אן עמעסער קוואשע, ווי ס'האָט זיך אויסגעדריקט דער אומצופרידענער טראָכים. אגעוו, האָט מיך דער וועג זייער ווייניק באומרויִקט, איך האָב אים קימאט נישט באמערקט. מיך האָט, אויב מ'קען זיך אזוי אויסדריקן, איינגאנצן פארכאפּט מײַן פּאָעמע. איך האָב אלץ אופגעשטעלט די איינצלהייטן פון דער האנדלונג און איך בין אזוי פארכאפּט געוואָרן דורך די קליינִיקייטן, אז איך האָב שוין אָנגעהויבן אימפּראָוויזירן לידער. אָבער מײַן אימ־

פּראָוויזאציע איז איבערגעריסנ געוואָרנ דורכ א ניט קיינ גאנצ געוויינלעכער פּאסירונג. אונדזערע פערד האָבנ זיכ אָפּגעשטעלט פאר א בערלינ אָדער פאר א דאָרמעז, וואָס איז ביזנ סאמע קויש איינגעזונקענ געוואָרנ אינ בלאָטע. פיר פּאָר גוטע אָקסנ האָבנ אימ קוימ געשלעפּט פאָרויס, אונ פיר פּאָטשט־פערד אינגאנצנ פאר־פּינעט, האָבנ גערוט אפ יענער זייט הרעבליע. „צי איז עס ניט די נעכטיקע פּריצטע מיט איר טאָכטער, וואָס רייזט ארומ מיט אזא קאָמפּאָרט?״ — האָב איכ באַ זיכ געפרעגט אונ צופעליק א קוק געטאָנ אפ טראָכימענ. ער האָט געהאט אזא זויערע, אומצופרידענע צורע, אז איכ האָב זיכ צעלאכט. ער האָט ווי נישט באמערקט מיינ געלעכטער אונ האָט דערפאר אויסגעזוען נאָכ קאָמישער.

— וועגנ וואָס האָט איר זיכ אזוי פארטראכט, טראָכימ סידאָראָוויטש? — האָב איכ ענדלעכ מיט א שפּאס אימ געפרעגט.

טראָכימ מיינער האָט א זיפצ געטאָנ, זיכ אויסגעקערעוועט מיטנ פּאָנעמ צומ דאָרמעז אונ האָט א וואָרטשע געטאָנ עפּעס אזוינס, וואָס איז ענלעכ געווענ אפ א זידלעריי.

— צי זאָגט איר דאָרט ניט קיינ „Отче наш“? — האָב איכ געפרעגט קוימ איינהאלטנדיק זיכ ניט צו לאכנ.

— יאָ, — Отче наш! — האָט ער געזאָגט דורכ די ציינ.

— פאר וועמעס זשע נעשאָמע? — האָב איכ אימ געפרעגט לאכנדיק.

— פארנ רועכס, — האָט ער מיר געענטפערט מיטנ זעלבנ טאָנ אונ, אויסקערעווענדיק זיכ צו מיר, האָט ער געזאָגט:

— ריכטיק האָט געזאָגט דער ייִד, באַ וועלכנ מיר האָבנ גע־נעכטיקט, אז איר זיינט ניט ענלעכ ניט נאָר אפ א פּאָרעצ, נאָר אפילע אפנ פּאָשעטסטנ שליאכטיטש א נאק...

דאָס לעצטע וואָרט האָט ער ניט דערזאָגט אונ זיכ ווידער אָפּגעקערעוועט פונ מיר.

איז אָט דאָס איז די סיבע, וואָס דער בעקאָוועדיקער ייִד האָט אי נעכטן אי הײַנט מיך ניט באַדינט, ווי זיי טוען עס, דעריקער די אייגנטימער פון די אײַנפאָרן און די אויגערופענע אויעזדנע שענקען! און איך האָב שוין געטראַכט, וואָס זאָל דאָס הייסן, וואָס דער באַלעבאָס האָט מיך אַזוי גלײַכגילטיק אופגענומען, אַפילע ניט געפונען פאַר נייטיק מיך מעכאַבעד זײַן מיט טיי. אָט אין וואָס ס'באַשטייט דער סאָד. אינטערעסאַנט צו וויסן, פאַר וועמען האָט ער מיך אָנגענומען.

— פאַר וועמען־זשע האָט ער מיך אָנגענומען? דער ייִד האָט דיר ניט געזאָגט? — האָב איך געפרעגט בא טראָכימען.

— אַזוי, זאָגט ער, — ניט דאָס און ניט יענץ, — און עפּעס צוגעגעבן א וואָרט אַף זײַן שפּראַך, איך האָב ניט פאַרשטאַנען, נאָר, ווײַזט אויס, עפּעס ניט קיין גוטס, ווײַל נאָכדעם, ווי ער האָט עס געזאָגט, האָט ער אויסגעשפּיגן.

— אַך, פאַרפלוכטער מעקלער! און נאָך אויסגעשפּיגן! נו, און דו ווי מיינסט, טראָכים, איך בין ענלעך אַף א פּאָרעץ, כאָטש פון דער זײַט? — האָב איך מיט א שפּאַס אים געפרעגט.

— ניט פון א זײַט, ניט פון פאָרנט, — האָט ער געענטפערט ניט קלערנדיק. ער האָט זיך אָפּגעקערעוועט פון מיר און פאָרגעזעצט מיט א האַלבער שטים:

— ניט נאָר א פּאָרעץ, אַן אָנשטענדיקער פּויער וועט אין אַזא וועטער קיין הונט פון שטוב ניט אַרויסטרײַבן, און ער פאָרט זיך צוגאַסט — זייער א וויכטיקער איניען, און וויל נאָך, אַז די ייִדן זאָלן אים רופן פּאָרעץ. נישקאָשע, די ייִדן וויסן, וועמען וויאַזוי זיי זאָלן רופן.

דאָס לעצטע וואָרט האָט ער שוין געזאָגט שטילערהייט. איך האָב אין זיך געלאַכט איבער דעם פאַרדראָס פון דעם אופגעבראַכטן טראָכים. אין דער זעלבער צײַט האָט זיך הינטער אונדז

דערהערט א פּאַטשט־גלעקל. איך האָב זיך אומגעקוקט: אין א האלב ווערסט פון אונדז האָט זיך איבער דער בלאָטע געשלעפּט א טרויקע, פּונקט אזעלכע, ווי אונדזערע.

— אדאנק דיר, גאָט! — האָט אויסגעצויגן טראָכים און זיך איבערגעציילעמט.

— וואָס אזוינס? — האָב איך בא אים געפרעגט.

— ארויס פון דער בלאָטע, — האָט ער פריילעך געענטפערט.

דער דאָרמעז איז געשטאנען אין בלאָטע איבער די קלעצ־לעך, און די אָקסן, נאָכדעם ווי זיי האָבן אָפּגעטאָן זייער העלדנ־טאַט, זיינען זיי פּאַרלעכוויַיז ארויסגעקראָכן פון דער בלאָטע אף א מער טרוקן אָרט. דאָס גלעקל, וואָס האָט זיך געהערט פון־דערווייַטנס, האָט זיך שוין צעזונגען הינטער מיַינע פּלייצעס. איך האָב זיך ווידער אויסגעקערעוועט. אכוץ דער טרויקע און דעם אָנטרייַבער האָב איך אין פור דערזען א פיגור אין א שווארצער בורקע און אין עפּעס א מאָדנער היטל. אין א מינוט ארום איז די טרויקע, די בריטשקע און די פיגור, וואָס איז אין איר, שוין געווען לעבן סאמע פענצטער פון דאָרמעז. אף א ווייַלע האָט זיך די פיגור אָנגעבויגן צום פענצטער, ווי זי וואָלט געפרעגט וועגן געזונט פון די שיינהייַטן, וואָס זיַינען פּארשפּארט אין דעם בא־וועגלעכן צימער. דערנאָך האָט זיך די פיגור אין בורקע און אין היטל אופגעהויבן און מיט א הייזעריקער שטים געגומענע שרייַען אף די אָנטרייַבערס, זיי זאָלן וואָס גיכער איַינשפּאנען די פערד. איך האָב געגומענע באטראכטן די פיגור. מיט וואָס טראָכים איז געווען פארנומען ווייס איך ניט, דער אָנטרייַבער האָט אָנגעפּילט זיַין ליולקע מיט טאבאק, און די פערד האָבן אראָפּגעלאָזט די מאָר־דעס אין קאליוזשע און זיך פארטראכט וועגן עפּעס.

— וואָס־זשע פאָרסטו נישט? — האָב איך געפרעגט באם אָנ־טרייַבער.

— און איך האָב געמיינט, אַז ביז דער סאַמע סטאַנציע וועלן מיר שוין פאָרן נאָך זיי, — האָט געענטפערט דער אָנטרייַבער און ניט ארויסגענומען די ליולקע פון מויל.

— אַך, דו פארשוין! ווי שלעכט האָסטו געטראַכט. ריר זיך נאָר, און שנעלער! — האָב איך א זאָג געטאָן, און מיר האָבן פארלאָזט די פיגור אין בורקע און דעם דאָרמעז.

ווען מיר זיינען פארבייַגעפאָרן דעם דאָרמעז, האָב איך אריינגעקוקט אין פענצטער, און פאר מיר האָט א שוועב געטאָן אַן אויסערגעוויינלעך שיין פרויִיש קעפּל, וואָס איז געווען איינגעהילט אין עפּעס שווארצס; ס׳האָט מיר ווי מיט א האמער א קלאפּ געטאָן דאָס הארץ און ביז דער סאַמע סטאַנציע האָב איך שוין מער גאָרניט ניט געזען אַכוץ אָט דעם צויבערהאפטן קעפּל.

— א סאַמאָוואר איז פאראַן? — האָב איך געפרעגט באַם אופזעער פון סטאַנציע, ארויסקריכנדיק פון בריטשקע.

— פאראַן! — האָט ער געענטפערט.

— און אויב ס׳איז פאראַן, איז הייסט אים אונטערוואַרעמען. — איך האָב זיך געווענדעט צו טראַכטן און צוגעגעבן:

— ניטאָ קיין אנדער אייַזע, מע דארף צעבינדן דעם טשעמאָדאַן, אַניט וועלן מיר אומקומען אָן טיי.

— צי דען איז אַייך די יִדישע טיי ניט געפעלן געוואָרן? — האָט ער געזאָגט מיט א איראָניע און האָט ארויסגענומען דעם טשעמאָדאַן פון בריטשקע.

דעם עמעס זאָגנדיק, איז די טיי געווען נאָר אַן אויסרייד, און די ווירקלעכסטע זאַך איז געווען די צויבערהאפטע פרוי, וואָס איז געווען פארשפּארט אינעם באַוועגלעכן פּאַלאַץ. מיר האָט זיך געגלוסט כאָטש אפּ א ווײַלע א קוק טאָן אפּ אָט דעם וואונדערלעכן קעפּל. ס׳האָט זיך מיר געדאַכט, אַז איך האָב גוט פארקלערט: ביז מע וועט פאר זיי איבערשפּאַנען די פערד, וועלן זיי זיכער

אַרײַנגײן אין צימער, און איך... ס׳קען זיך אַלץ טרעפֿן. איך קען האָבן דאָס גליק איר פֿאַרלײגן אַ גלאָז טײ. וואָס קען דאָ זײַן פֿאַר אַ צערעמאָניעס אונטערוועגנס? ביז איך האָב אַזוי געקלערט, האָט דער סאַמאָוואַר שוין געזאָטן אויפֿן טיש, און טראַכים האָט אויסגעווישט דעם שוואַרצן לײמענעם טשײַניק און די גרינלעכע שענק־גלעזער. אָבער וויאַזוי וועל איך איר אין אַזאַ גלאָז פֿאַרלײגן טײ? אַ בזיון און... איך האָב נאָך געוואָלט עפּעס אַ טראַכט טאָן, נאָר די טיר האָט זיך צעעפֿנט און ס׳איז אַרײַן די פֿיגור אין בורקע און אין דער מאָדנער היטל. ניט אַראָפּגענומען די היטל, האָט די פֿיגור מיט אַ הײזעריקן באַס געפֿרעגט דעם אופֿזוער:

— פֿאַראַן פֿערד?

— פֿאַראַן! — האָט מיט אָפּשײַ געענטפֿערט דער אופֿזוער.

— איך דאַרף האָבן אַכט פֿערד, — האָט אַ זאָג געטאָן די פֿיגור.

— אַכט פֿערד וועט אויך זײַן, — האָט מיטן זעלבן טאָן געענטפֿערט דער אופֿזוער.

די פֿיגור האָט אַ וואָרף געטאָן די פּאַדאַראָזשנע אויפֿן טיש און, באַמערקנדיק נאָך אַ מענטשן, דאָס הײסט מיך, האָט זי אונטערגעהויבן די היטל און אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ. איך האָב געטאָן דאָס זעלבע, אָבער באַשײדענער, און פֿאַרגעלײגט דער פֿיגור אַ גלאָז טײ. די פֿיגור האָט זיך ניט אָפּגעזאָגט, זי האָט נאָר באַדויערט, אַז אַפֿילו אין קיִעוו קען מען ניט קריגן קײן אָנשטענדיקן אַראַק. איך האָב ניט דערווידערט און אונדזער שמועס האָט זיך דערמיט געענדיקט. די פֿיגור האָט ניט דערטרונקען די טײ און איז פֿאַרשוווּנדן פֿון יענער זײַט טיר. אַזוי־ווי דער דאָזיקער סוביעקט שפּילט, אָדער וועט שפּילן ניט קײן קלײנע ראָל אין אונדזער דערצײלונג, שטערט ניט אים באַשרײַבן מיט אײניקע פּראָטים.

דער עקס־ראָטמיסטער פון גוואַרדיע, דער גוטבאַזיצער קורנאַטאָווסקי, — אַזוי איז געווען געשריבן אין פּאָדראָזשנע, וואָס איך האָב מיט נײַגער איבערגעלייענט. וועגן די אײנצלהײטן פון דער פיגור פונעם עקס־ראָטמיסטער קען איך גאָרניט זאָגן באַשטימט, ווײַל זי איז געווען אײַנגעהילט אין בורקע. און דאָס פּאָנעם? דאָס פּאָנעם איז געווען א גאַנץ געוויינלעכס. ס'האָט גאָרנישט אויסגעדריקט. אַזעלכע פּענעמער קען מען באַגעגענען אפן פערדיאַריד אין בערדיטשעוו אָדער אין פּאָלטאַווע צווישן די רעמאָנטערן. א גרויסע נאָז — אַן אומגעלומפּערטע און א רויטע, די אויגן אויך רויטע, אויסגעראַטשעטע, גראָבע ליפּן, דעריקער די אונטערשטע, די וואָנצעס שטאַרק שוואַרצע און גרויסע; וועגן די האָר אפן קאָפּ קען איך אויך גאָרניט זאָגן, ווײַל ער האָט ניט אראָפּגענומען זײַן מאָדנע היטל. אָט איז אײַך די גאַנצע באַשרײַבונג. ווען מע זאָל זיך אײַנקוקן אופמערקזאַם, וואָלט מען מעגלעך געפונען נאָך באַזונדערקײַטן, אָבער איך האָב ניט באַוויזן עס טאָן און אויספירלעכער וועל איך אין א צווייטן סעאַנס דערציילן.

— ווידער אַוועק מיט אָקסן! — האָט געזאָגט טראָכים, ארײַנגייענדיק אין צימער.

— הייס דערגיסן דעם סאַמאָוואַר און אונטערוואַרפן קוילן, — האָב איך אים געזאָגט און בין ארויס פון צימער.

— וואָס ס'זאָל ניט זײַן, נאָר איך וועל זיך דערוואַרטן אף איר, — האָב איך געזאָגט צו זיך און געקוקט אף דער אומענדלעכער הרעבליע, איבער וועלכער פיר פּאָר אָקסן האָבן קוים געשלעפּט דעם באַקאַנטן דאָרמעז. א שאָ, אויב ניט מער, האָב איך געוואַרט אף דעם געגאַרטן דאָרמעז.

ענדלעך האָט ער זיך אָפּגעשטעלט פאַרן טויער פון פּאָטשטסטאַנציע.

— צי וועלן אײַערע דאַמעס ניט אויסטרינקען א גלעזל טיי פון וועג? — האָב איך ניט דרייסט געפרעגט.

דער ראַטמיסטער האָט א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און איז צו צום פענצטער פון עקיפּאַזש. אין א מינוט ארום האָט א שטארק גרויסער לאַקיי אראָפּגעלאָזט טרעפּלעך, אופגעעפנט דאָס טירל און פון באַוועגלעכן פּאַלאַץ ארויסגעפירט... וועמען, אשטייגער, מיינט איר? וועמען? אַנשטאָט דער וואונדערלעכער צויבערלעכער שיינהייט — א באַבע־יאַגע, וואָס איז געווען אײַנגעהילט אין עפּעס שווארצס. אַן אויסדרייסעניש אף דיר! — האָב איך א טראַכט געטאָן; און דער לאַקיי האָט דערווייל צונויפגענומען די טרעפּלעך און פארמאַכט דאָס טירל.

— נו, און די פּאַנע העלענע? — האָט אף פּויליש דער ראַטמיסטער געפרעגט בא דער אַלטער.

— זי שלאָפט, — האָט געענטפערט די אַלטע און זיך אוועקגעשלעפּט אין צימער. דער שטארק גרויסער לאַקיי האָט זי אונטערגעהאַלטן.

דער ראַטמיסטער האָט פארויכערט א שטארק גרויסן טראַבוקאָס־סיגאַר און איז אוועק אין שטאַל זען, וואָס פאַר א פערד מע וועט אים אײַנשפּאַנען. איך האָב אומעטיק א קוק געטאָן אכן עקיפּאַזש, ווי א פוקס אף ווײַנטרויבן, און מיט א פארקלעמט הארץ בין איך אוועק מעכאַבעד זײַן די אַלטע מיט טיי. אומזיסט האָב איך זיך באַמרויקט, זי האָט זיך אַליין מעכאַבעד געווען, און ווען איך בין אריין אין צימער, האָט זי אפילע קיין קוק ניט געטאָן אף מיר. איך האָב געזאָגט טראַכימען, ער זאָל זיך אָנגיסן א גלאָז טיי און זאָל צונויפלייגן דעם טשעמאָדאַן. די אַלטע האָט דאַן א קוק געטאָן אף מיר און באַלד זיך אָפּגעקערעוועט. איך בין ארויס פון צימער, ווי ניט באַמערקט איר בליק. פערד זײַנען שוין גרייט געווען פאַר מיר, איך האָב געוואַרט ביזוואַנען טראַכימ

איז אַרויס מיטן טשעמאָדאַן, דערנאָך האָב איך נאָכאַמאָל אַ קוק געטאָן אויפֿן פֿאַרבלאָטיקטן דאָרמעז, זיך אַרײַנגעזעצט אין ברישקע און אַוועקגעפֿאָרן מיט פֿולער האָפֿענונג זען די געהיימניספֿולע שיינהײַט אויף דער צווייטער סטאַנציע, ד.ה. אין דער שטאָט טאַראַשטשע.

טאַראַשטשע — אַ שטאָט! איך פֿאַרשטיי ניט, צוליב וואָס האָט מען געגעבן אַזאַ הויכן נאָמען אָט דער שמוציקער סלאָבאָדע. מע קען זיכער זאָגן, אַז דער פֿאַרשטאָרבענער גאָגאָל האָט אַפֿילע מיט איין אויג ניט געזען אָט די אויסערגעוויינלעך שמוציקע שטאָט, אַניט וואָלט זײַן אייגענער מירגאָראָד אויסגעזען אין זײַנע אויגן, אויב ניט ווי אַן עמעסע שטאָט, איז יעדנפֿאַלס, ווי אַ שיין דאָרף.

אין מירגאָראָד איז פֿאָרט דאָ אַ ווײַסינקער שטיינערנער קלויסטער, כאָטש ניט פֿון דער פּרעכטיקער ראַסטרעליעווער אָדער טאָנעווער ביזאַנטישער אַרכיטעקטור, כאָטש אַ קליינער ווײַסער פֿלעק אויף דעם טונקעלן גרינס, און דאָס מאַכט אַן אָנגענעמען עפֿעקט אין דעם איינטאָניקן פּייזאַזש. אין טאַראַשטשע איז דאָס אויך ניטאָ. עס שטייט זיך אויפֿן בערגל איבער דער טוכלער בלאָטע אַן אַלטער טונקעלער קלויסטער, דער אַזויגערופֿענער קאָזאַקישער, ד.ה. אַ געבײַדע פֿון די קאָזאַקישע צײַטן. דרײַ אַכטקאַנטיקע קאָנישע קופּאָלן מיט אײַנגעוואַלגערטע שוואַרצע אײַזערנע צלאָמים און מער גאָרנישט. און דאָס אַלץ איז אַזוי אומגעלומפּערט, אַזוי גראָב, אומעטיק, ווי אומעטיק ס'איז די געשיכטע פֿון זײַנע אומרויִקע בויערס. קוים־קוים צו אָוונט־צו האָבן מיר זיך דערשלעפּט צו דער אַזויגערופֿענער שטאָט. וועגן פֿאָרן ווײַטער האָט מען אַפֿילע ניט געקאָנט טראַכטן, וועגן דאָרמעז און דער שלאָפֿנדיקער שיינהײַט — אויכעט. הייסט עס, אַז איך קען רויִק אויסנוצן דעם איין־און־איינציקן צימער אויף דער פּאָטשט־

סטאַנציע. איך האָב טאַקע אַזוי געטאָן. טראָכימען האָב איך גע־הייסן געבן פאַראָרדענונגען וועגן וועטשערע; נאָר ווי פליַיסיק ער האָט ניט באַמיט זיך, איז אונדזער וועטשערע באַשטאַנען נאָר פון אַ פּאָר טרוקענע קאָרעסן מיט אַ שטיקל שוואַרץ ברויט און אַ קעלישעקל שטינקענדיקן בראָנפן. טראָכים איז געווען אופגע־ליַיגט און האָט געשפּאַסט איבער אונדזער מאָנאַכישער וו ע־ט ש ע ר ע — אַזוי האָט ער גערופן אונדזער אָוונטברויט. געשפּאַסט האָט ער אייגנטלעך ניט איבער דער וועטשערע, נאָר איבער מיר, ווי איינער זאָגט, ס'איז זייער אָנגענעם צו רייַזן אין אַזאַ טיַיערן וועטער. מיר אַליין איז אויך געווען פאַרדריסלעך, נאָר איך האָב געשוויגן. איך האָב זיך געצוווּנגען נישט טראַכטן וועגן וועטער, נאָר וועגן עפּעס אַנדערש. אָבער דאָס האָט זיך מיר ניט איַינ־געגעבן, איך האָב זיך דערמאָנט וועגן מאַטראָס, און שטעלט זיך פאָר מיַין פאַרדראָס: כ'האָב זיך דערמאָנט, אַז מיר האָבן פאַר־געסן דעם „Морской сборник“ אין בעלעצערקאָוו. איך פרעג באַם אופזעער, צי ס'וועט זיך צווישן די אָנטריַיבער ניט געפינען אַ באַלן צו פאָרן רייַטנדיק אין בעלעצערקאָוו. אַ באַלן האָט זיך געפונען, און איך האָב אים דערציילט אין וואָס עס האַנדלט זיך. ער האָט באַ מיר פאַר דער נעסיִע געבעטן דריַי רובל; איך האָב זיך ניט געדונגען און געגעבן אַן אַדעראָפּ. דער אָנטריַיבער האָט זיך גליַיך געלאָזט אין וועג אַריַין, און מיר מיט טראָכימען האָבן אָפּגעזאָגט אַ טפילע און אונדזערע מידע קערפּערס געבראַכט אין אַ האָריזאָנטאַלן צושטאַנד: ער — אויף אַ באַנק און איך אויך אויף אַ באַנק, וואָס איז געווען אַרומגעגרויזט פון דריַי זיַיטן מיט עפּעס אַ פאַרענטשע, און דאָס האָט זי געמאַכט ענלעך אויף אַ טשוכאָ־נישן שליטן.

IV

דער „Морской сборник“ האָט מיך געקאָסט נישט ביליק, און דאָס אינטערעסאנטע, וואָס איז אין אים געווען, רעכן איך, איז טאקע בלויז דער מאטראָס. אגעוו, כ'האָב אים נאָך ניט גוט איבערגעקוקט. אָבער די זאך איז ניט אין דעם, צי ער איז אינטערעסאנט דער „סבאָרניק“, צי ניין, נאָר אין דעם, אז איך האָב מיט זיך מיטגענומען נאָר צוויי אָדער דרייַ ביכער און איך ווייס אפילע ניט וואָס פאר א ביכער. אויך דאָ האָט א באלעבאטעווע געטאָן טראָכים. און זאָגן דארף איך אייַך, אז ביכער זייַנען פאר מיר מאמעש ווי ברויט. זיי זייַנען מיר נייטיק, און די צוויי וואָכן, וואָס איך האָב גערעכנט פארברענגען בא מייַנע קרויוים, וואָלטן אָן א ביכל מיר אויסגעזען אומענדלעך. דערפאר טאקע האָב איך געשעצט דעם „Морской сборник“, און אויך דערפאר, וואָס דער קאָרעוו מייַנער, א מענטש ניט אָן בילדונג, האָט פאר א ביכל מוירע געהאט, ווי פאר א פעסט, אזוי אז אויסרעכענען אף זייַן ביבליאָטעק איז ניט געווען וואָס. מאָדנע און אומנאטירלעך זעט אויס בא אונדז, שריפטקענעוודיקע, א מענטש, וואָס לעבט אָן א ביכל; נאָר אויב מיר וועלן זיך אופמערקזאם צוקוקן צו אָט דעם מאָדנעם מענטשן, וועט ער אונדז אויסזען גאנץ נאטירלעך. מייַן קאָרעוו, לעמאָשל, האָט אָנגעהויבן זייַן בילדונג אין א קאדעטישן קאָרפוס, און זי פארענדיקט אין די קאזארמעס און אין די לאגערן. איז ווי־זשע און ווען האָט ער זיך געקענט צוגעוווינען צו א ביכל? א באגנעט און א ביכל — דאָס איז די סאמע ווילדסטע דיסהארמאָניע. און ס'באקומט זיך, אז מייַן קאָרעוו איז דער נאטירלעכסטער מענטש, און נאָך מער נאטירלעכער דערמיט, וואָס ער מאכט זיך ניט, אז ער לייענט ביכער, ווי עס טוען עס אנדערע זייַן גלייַכן און ווי עס טוט עס

זײַנ האַרציק־געטרײַע פרוי און מײַנ שײנע קרױװע, אָדער קלאָ־
רער — מײַנ קוזינע. איר גאַנצע ביבליִאָטעק באַשטײט פונ
„Опытная хозяйка“, װאָס א האַלבער אמאָרעצ א פראַפּאָר־
שטשיק האָט עס איבערגעשריבנ, און װענ זי הײבט אָנ רעדנ
װעגנ ליטעראַטור, איז עפנ די אױערנ און הער. אַנ אַנדערער
װאָלט עפשער... אָבער װאָס דאַרפ מענ דאָ רײדנ װעגנ אַנ אַנ־
דערנ, איכ אַלײנ האָב אינ אָנהײב צעעפנט מױל און אױערנ, און
ערשט דערנאָכ זיכ א כאַפּ געטאָנ. איכ װיל אײַכ, מײַנע לעזער,
כאָטש אביסל באַקאַנענ מיט מײַנ קוזינע, מיט דער דאָזיקער שײנ־
הײַט, עמעס, ניט פונ ערשטער יוגנט. מיט אַזעלכע סוביעקטנ, װי
זי, שטערט ניט אמאָל זיכ באַקענענ. איכ אַלײנ האָב זיכ באַקענט
מיט איר, װענ זי איז געװענ מײַנ קאָרעװס קאַלע, און, דעמ
עמעס געזאָגט, כ׳האָב זיכ שיר ניט אײַנגעליאַפּעט אינ איר מיטנ
גאַנצנ לײַב און לעבנ. אַנטשולדיקט פאַרנ אױסדרוק. קײנ אַנדערנ
ניט געקענט געפינענ. דאַנ איז זי געװענ װוּנדערלעכ שײנ. און
ס׳איז שוינ באַװוּסט, אַז אױב א פרוי איז װוּנדערלעכ שײנ, הײסט
עס שוינ, אַז זי איז גוט און קלוג און געבילדעט, און האָט ניט
קײנ אײגנשאַפטנ פונ א מענטשנ, נאָר אײגנשאַפטנ פונ א מאַלעכ.
אַזױ פירט זיכ עס שוינ. און אינדערעמעסנ איז א פרוי, װאָס
שענער זי איז, אַלצ מער איז זי ענלעכ אַפּ א באַװעגלעכער שײ־
נער, אָבער טױטער קוקלע. דאָס זאָג איכ לױט מײַנ אײגענער
פּיליאָריקער דערפאַרונג. די שײנהײַטנ זײַנענ נאָר אינ די ראָמאַ־
נענ פאַרקערפּערט אינ מאַלאָכימ, און אינ דער װירקלעכקײַט זײַ־
נענ זײ אױטאָמאַטנ, אָדער פּאָשעטע גיפּסענע פיגורקעס.

און די קוזינע מײַנע האָט אינ יענער צײַט אױסגעזענ װי א
מאַלעכ פונ באַשײדנקײַט און א מוסטער פונ דערצױגנקײַט. איכ
האָב זיכ ניט נאָכגעשלעפּט נאָכ איר, דאָס איז נישט אינ מײַנ
נאַטור, נאָר איכ האָב זי אינ דער שטיל פאַרגעטערט. דאָס איז

אנ אלגעמיינער שטריכ פונ אנ אנטימיליטערישנ כאראקטער. אינגיכנ האָט זי כאסענע געהאט פאר מײַנ קאָרעוו אונ איז אוועקגעפאָרנ מיט אימ אינ דאָרפ. פאר די צוויי יאָר, וואָס מיר האָבנ זיכ ניט געזענ מיט איר, האָט זיכ אביסל אָפּגעקילט מײַנ טיפּע אונ באשיידענע ליבע צו איר, אונ דערנאָכ האָב איכ זיכ געזענ מיט איר גאנצ אָפט, אָבער שוינ ניט ווי קיינ הייסער פארערער, נאָר פּאָשעט ווי אנ אלטער באקאנטער אונ דערצו א קאָרעוו. אונ דאָ האָב איכ זיכ אָנגעהויבנ אופמערקזאמער צוקוקנ צו מײַנ געוועזענעמ אָפּגאָט. עפּעס איינמאָל איז פארגאנגענ א שמועס (דאָס איז געווענ אינ דאָרפ) וועגנ דער דײַטשישער פּאָעזיע. כוצ געטע אונ שילער האָט זי מיט אנטציקונג גערעדט וועגנ קערנערנ. דאָס איז מיר געפעלנ, אונ איכ, טיפּעש, האָב אויסגעשריבנ אנ עקזעמפּליאר פונ קערנערס ווערק אונ אוועקגעשיקט אינ דאָרפ. אינ א יאָר ארומ אָדער מער איז מיר פארבײַפאָרנדיק אויסגעקומענ אראָפּכאפּנ זיכ צו זיי, אונ... ווי מיינט איר? מײַנ קערנער וואלגערט זיכ אונטערנ דיוואנ אונ איז אפילע ניט צעשניטנ. דאָס האָט מיכ געצווונגענ צווייפלענ אינ דער אופריכטיקער ליבע פונ מײַנ קוזינע די שיינהײַט צו דער דײַטשישער פּאָעזיע. פארוואָס־זשע איז זי אזוי שטארק אנטציקט געווענ פונ קערנערנ? געשיקט זיכ, אז אָט די אויסרופנ אונ טרערנ אינ די אויגנ זײַנענ געווענ פאלש? צומ באדוירענ, נאָר ס'איז אזוי. ווי כ'האָב זיכ נאָכדעמ דערוווּסט, האָט זי פארגעטערט אלצ, וואָס האָט געהאט כאָטש א קליינע ענלעכקײַט אפּ מיליטערישעס, אָנהייבנדיק פונ א באשיידנ געלערנט קענטעלע ביז דעמ פּרעכטיקנ קאוואלערישנ שטאנדארט, אונ וועגנ אקסלבאנטנ איז שוינ ניטאָ וואָס צו רעדנ: אקסלבאנטנ זײַנענ פאר איר געווענ העכער פונ אלצ. אָט אינ וואָס ס'באשטייט דער סאָד: אינ דער בערלינער אויסגאבע פונ קערנערס ווערק, וואָס זי האָט ערגעצ געזענ, איז בײַגעלייגט

געווען א פּאָרטרעט פון דיכטער אין א מיליטערישן אָנצוג, און מײַן עקזעמפּליאר איז געווען פון אַן אנדער אויסגאַבע און אָן א בילד, האָט זי אים א שלײַדער געטאָן אונטערן דיוואַן. אָט האָט איר אײַך דעם גאנצן סאָד. ביכער האסט זי פּאָשעט, און ווען זי וואָלט געווען עפּעס א מארקגרעפן פון גוטענבערגס צײַטן, וואָלט זי זיך ניט פארטראכט צו ברענגען אפן שײַטער דעם באַוווּסטן טיפּאָגראַף. דאָס איז ריכטיק. דערפאר וואָלט זי באַשאָטן מיט גאָלד דעם דערפינדער פון טײַז, מעלאָכים, דאמעס, וואַלעטן א. אז. וו. מיט איין וואָרט, דעם דערפינדער פון קאָרטן; זי וואָלט אופגעשטעלט א געץ און זי וואָלט צו אים זיך געווענדעט מיט טפילעס ווי צו גאָט, דעם אופקלערער פון דעם מענטשן. פון וואָס פאר א בלאָטע שטאמט עס און אנטוויקלט זיך אזוי ברייט אָט די מיִעסע ליידנשאפט אין אזא ווייכן, צארטן הארצן פון א פרוי? — די פראגע איז ניט קיין שווערע. פון דער בלאָטע פון ליידיקגייערשאפט און פון דעם זומפּ פון מאָראַלישער פּוסטקײַט. אײַנגעבוירענע אזעלכע העסלעכע פייִקײַטן אנערקען איך נישט אפילע אין א רעמאָנטער. וועגן א שיקער, א גאנעוו, און אַן אנדער קינסטלער פון דעם מין, זאָגט מען בא אונדז, אז ער איז שוין, נעבעך, אזוי געבוירן געוואָרן. א שטארק נאַיִווע פאָרשטעלונג. און ווען מע זאָל פרעגן בא דעם באַוווּסטן אַנטראָפּאָלאָג לאַפּאטער, וואָלט ער אויך אוועקגעלייגט די האנט אפן הארצן און געזאָגט: זייער א נאַיִווע פאָרשטעלונג. אליין שפּילן אין יעראלאַש, אין נאָסקי א. ד. גל., דאָ איז נאָך פאראַן א פארגעניגן, פארשטייט זיך, א פארגעניגן ניט קיין עסטעטישער, אָבער דאָך א פארגעניגן, יעדנפאלס, די לאנגע מינוטן פון דעם פּוסטן לעבן ווערן קירצער; אָבער וואָס פאר א מאָראַלישער פארגעניגן איז אָפּזיצן בא דעם טיש פון קאָרטנשפּילער ביז דרײַ אזייגער באנאכט און שווײַגנדיק ציילן די געווינסן און פארלוסטן פון די

שווײַגנדיקע קאָרטנשפּילער ? דאָס פאַרשטײ איך אינגאַנצנ ניט !
אונ מײַנ וווּנדערבאַרע קוזינע געפינט א גרויסנ פאַרגעניגנ אינ
אָט דעמ באַאָבאַכטנ ; זי איז גרייט א וואָכ צײַט ניט עסנ, ניט
טרינקענ, אַבי זיצנ ווי אַנ אווטאָמאַט אונ קוקנ, ווי מע שפּילט
יעראַלאַש אָדער אַפילע אינ דרײַ בלעטעלעכ, אונ ווענ זי אַליינ
קאָנ צושטיינ צו דער יעראַלאַש־פּאַרטיע, איז זי גרייט ווי איליא
מוראָמעצ גאַנצענע כאַדאָשימ אונ יאָרנ זיצנ בא די קאָרטנ אָנ א
שטיקל ברויט אונ אָנ א גלאָז וואַסער. צי דענ ווירקט אַזוי שלעכט
אַפּ א פּוסטער שיינהײַט די אָפּוועזנהײַט פונ א האַמוינ פאַרע־
רער, — איר איינציקע וויכטיקע שפּײַז ? ס׳איז ווירקלעכ אַזוי. איכ,
יעדנפאַלס, ווייס ניט קיינ אַנדער סיבע. די שיינהײַטנ אינ דער
געזעלשאַפט זײַנענ פאַרנומענ מיט א זאַכ, דאָס הייסט — מיט קאָ־
קעטירנ ; אָבער אינדערהיימ, דערצו נאָכ אינ דאָרף, וואָס זאָל
זי טאָנ ? זי וועט זיכ דאָכ ניט פאַרבנ אונ שמירנ פאַר איר מאַנ
דעמ בער. אָבער דאָס אַלצ איז גאָרניט, דאָס איז נאָר העסלעכ,
ביטער איז אָט וואָס. בא מײַנ וווּנדערבאַרער קוזינע וואַקסט א
וווּנדערבאַר קינד, א מיידעלע פונ א יאָר פיר, אָדער ווייניקער,
א לעבעדיקע, א ליבע, אַנ עמעסער מאַלעכ, וואָס איז אַראָפּ פונ
הימל. אונ אָט דער מאַלעכ, אָט דאָס וווּנדערבאַרע באַשעפעניש
האָט מענ אָפּגעגעבנ אינ די הענט פונ א שמוציקער דאָרפישער
באָבע. אונ די צאַרטע מאַמעשי שנורעוועט זיכ אונ מאַכט זיכ
פּאַפּיליאָטקעס אַפילע אַפנ האַלדז־אונ־נאַקנ אונ וויל מער פונ גאָר־
ניט וויסנ. איינמאָל האָב איכ געבראַכט פאַר נאַטאַשענ (אַזוי
הייסט דאָס קינד) אַנ אַזבוקע אונ א ביכל פונ נאַטורוויסנשאַפט
פאַר קינדער, מיט בילדער. מע האָט באַדאַרפט זענ, מיט וואָס
פאַר א ניט־קינדערשער אַנטציקונג האָט זיכ דאָס קינד געפרייט
מיט מײַנ מאַטאָנע אונ מיט וואָס פאַר א נײַגער האָט זי פאַנאַנ־
דערגעפרעגט איר מוטער די שיינהײַט וועגנ דעמ באַטײַט פונ

יעדער בילדל. אָבער די מאמאשע — ס'איז א בושע צו דערציילנ! זי האָט זיכ געווענדעט צו מיר, אָדער גאָר געשיקט דאָס קינד צו דער ניאניע, ס'זאָל זיכ שפּילנ מיט ליאלקעס. מיר איז געוואָרנ זייער אומעטיק אונ איכ האָב אָנ ווײַטע אָנצוהערענישנ גלײַכ פארפירט א שמועס וועגנ די פליכטנ פונ א מוטער. אינ אָנהייב האָט מיכ די קוזינע אויסגעהערט, אָבער ווענ איכ בינ ארײַנגעגאנגענ טיפער אינ איניענ אונ האָב גענומענ לעבעדיק אונ רעליעפ שילדערנ איר די הייליקע פליכטנ, האָט זי מיט א האלבער שטימ אָנגעהויבנ זינגענ:

„Не шей ты мне, матушка, красный сарафан“!

— קלאפּ זיכ קאָפּ אינ וואנט, — האָב איכ א טראכט געטאָנ אונ כ'האָב שיר ניט ארויסגעוואָרפנ א שפּיצל, דאָס הייסט געוואָלט א שפּײַ טאָנ אונ אוועקגיינ; דאָכ האָב איכ זיכ אָפּגעהאלטנ, כ'האָב נאָר פארויכערט א סיגארע אונ בינ ארויס אינ צווייטנ צימער.

צוליב וואָס האָבנ זיי קינדער, די דאָזיקע אמפיביעס, אָט די קאלטע אווטאָמאטנ? מיט וואָס פאר א ציל האָבנ זיי כאסעגע, אָט די טויטע יעפּייפּיעס? קעדיי מאכנ א קאריערע, ווי ס'דריקט זיכ אויס מײַנ קוזינע. אונ די קינדער, — דאָס זײַנענ שוינ אומפארמײַדלעכע פאָלגנ פונ דער קאריערע אונ נישט מער. אומגליקלעכע, פארדאָרבענע מוטערס! אײַער כויוו, אײַער הייליקע פליכט גיט איר איבער דער געדונגענער גווערנאנטקע, אונ אָפט נאָכ ערגער — א דאָרפּישער אומקולטורעלער באבע, אונ וואָס פאר א כידעש איז, אז די ראסע פונ שיינע קוקלעס פעלט זיכ בא אונדז ניט! אונ צי וועט אמאָל א סאָפּ זײַנ צו אָט דער ראסע? איכ צווייפל, זי געראָט גאנצ גוט אפּ אונדזער פעטנ פארלאָזטנ באָדנ.

אָבער צי איז ניט צײַט פארלאָזנ אונדזער קרויווע, די פינצטערע שיינהײַט, אונ זיכ ווענדנ צו מער ליכטיקע זאכנ?

אפנ צווייטנ טאָג אינדערפרי איז דער אָנטרײַבער מיט די ביכער געשטאנענ פאר מיר פיקס אונ פארטיק. איכ האָב זיכ מיט אימ צעצאָלט אונ געפרעגט, צי האָט ער ניט געזענ אפנ וועג דעמ דאָרמעז.

— ער נעכטיקט אינמיטנ הרעבליע אינ קאָושאָוואטי, — האָט ער געזאָגט אונ איז ארויסגעגאנ.

הייסט עס, אז איכ וועל זיי מער ניט זענ, — האָב איכ א טראכט געטאָנ אונ געהייסנ דעמ סטאראָסטע איינשפאנענ די פערד.

אינ א פאָר מינוט ארומ זײַנענ די פערד גרייט געווענ, די ביכער האָט מענ באהאלטנ אינ טשעמאָדאנ, מיר האָבנ אָפּגעזאָגט א טפילע אונ זיכ בעשאָלעמ געלאָזט אינ וועג.

א מאָדנער מענטש איז דער דאָזיקער פארפאסער, — ווערט א טראכט טאָנ דער גוטמוטיקער לייענער. זידלט אפ וואָס די וועלט שטייט זײַנ קרוויווע אונ פאָרט צו איר צו גאסט. דאָ איז עפעס ניט אזוי. — ס'איז פאָרט אזוי, וועל איכ ענטפערנ דעמ ליבנ לייענער, אונ לויט מײַנ מיינונג דארפ אזוי זײַנ: „עס ברויט מיט זאלצ, אונ באמ עמעס האלט זיכ אלצ", — זאָגט דאָס ווערטל, אונ דאָס דאָזיקע ווערטל זאָגט ריכטיק אונ אָרנטלעכ. ווענ ניט נאָר מיר, פארפאסער, נאָר אלע אָרנטלעכע מענטשנ ביכלאל זאָלנ נישט קוקנ ניט אפ פרײַנטשאפט, ניט אפ קרוויוועשאפט, אונ גלײַכ, אָרנטלעכ טײַטנ מיט די פינגער אפ דעמ קאָרעוו דעמ ליידיקגייער, אפ דעמ רויבער דעמ באלטויוועניק, וואָלטנ אָט די מיִעסע באשעפעניש, יעדנפאלס באטאָג, ניט געראבעוועט אונ ניט ארויסגעוואָרפנ קיינ מיִעסע שטיק. אָבער דאָס איז אומעגלעכ, ווען זאָגנ אָרנטלעכע מענטשנ ביכלאל אונ די שרײַבער ביפראט. וואָס גייט אונדז אָנ זײַנ וירטשאפט, זײַנע מיטלענ אונ זײַנע האכנאָסעס? ער פירט זיכ גוט, אויסערגעוויינלעכ גוט אונ אכוצ דעמ שטיצט ער נאָכ

אבילע... אפילע... קינסטלער. וואָס־זשע ז'אַרפן מיר מער? און דער קאָרעוו? נו, זאָל ער זיך גיין, אויב ער איז אַן אָנשטענדיקער מאַן! זאָל ער זיך מאַכן שטיק, צו געזונט אים, און וואָס איז עס אונדזער אייסעק? און אויב ער איז נאָך דערצו אַ רייַכער מענטש, איז עס שוין גאָר אַן אַנדער זאַך, דאָ איז שוין ניט קיין אומגליק, אַז מיר אַליין וועלן אַביסל אַ שווינדל טאָן; דאָ קען מען אַפילע זייער אַ שווינדל טאָן: דאָס איז ניט גאָט ווייס וואָס פאַר אַן אומגליק. און אויב מ'קען אַפּ קיין סאַך ניט אויסרעכענען, איז יעדנפאַלס קען מען כאָטש ווי ס'באַדאַרף צו זייַן אָפּעסן. דאָס איז דאָך עס, אַז יעדער פון אונדז איז מער אָדער ווייניקער אַ פּיקסל מיט פוך אין פּיסקל.

דאָס איז אַלץ אַזוי, דאָס איז אַלץ אין אָרדענונג, — וועט זאָגן דער אָרנטלעכער לייענער, אָבער וויאַזוי פאָרט מען עס צו גאַסט אַ שטרעקע פון צוויי הונדערט ווערסט צו מענטשן, וואָס געפעלן ניִשט? נו, און אַז זיי וועלן עפּשער איבערלייענען אָט דעם גיפטיקן פּאַסקוויל, אָט דעם גאַליקן עמעס, און דאַן וואָס וועט זייַן? — יעדער האָט זייַן געשמאַק: ערשטנס, פאָר איך צוליבן שיינעם פּרילינגדיקן דאָרפישן פּייזאַזש, און ניט צוליב די קאַריקאַטור־פיגורן אַפן ערשטן פּלאַן פון מייַן שיינעם פּייזאַזש; און וואָס געהער דער צווייטער באַמערקונג, בין איך אינגאַנצן רויִק. ווען איך וואָלט אַפילע דאָס דאָזיקע פּאָשעטע ווערק מייַנס געווידמעט מייַן ליבער קוזינע, און ווען כ'וואָלט איר געשענקט אַן עקזעמפּליאַר אין אַ פּרעכטיקן סאַפיאַנענעם איינבונד, בין איך זיכער, אַז אַפילע דאַן וואָלט זי אים גיכער אויסגענוצט אַפּ פּאַפּיליאָטקעס, אײדער זיך אָנטון די מי און איבערלייענען אָט די ניט פאַלשע שילדערונג פון איר אייגענער פּערזאָן. זי... אָבער זאָל זי גיין צום טייַוול! כ'האָב זיך, הייסט עס, צעלאָזט וועגן מייַן קוזינע דער שיינהייט, ווי אַ נאַר וועגן זייַן טאָרבע. עמעס,

זי איז א גאנצ אינטערעסאנטער, האגאמ ניט קיינ זעלטענער, סיו־זשעט אפ באָבאכטנ, אָבער אלצ האָט דאָכ א מאָס.

ערשט צו אָוונט־צו האָבנ מיר זיכ דערשלעפּט צו באראנאָ־פּאָל. דער איבערפאָר איז גאָרניט קיינ גרויסער, נאָר אכוצ בלאָ־טע איז דאָס אָרט נאָכ א בארגיקס. אינ דער צייט פונעמ איבער־פאָר, וואָס איז געווענ אויסערגעוויינלעכ לאנגזאמ, האָב איכ זיכ פארנומענ מיט מיינ העלד, דאָס הייסט מיטנ מאטראָס אונ צייטנ־ווייז האָב איכ קעגנ מיינ ווילנ זיכ באמיט טרעפנ, ווער זיינענ עס געווענ אָט די איינוווינער פונ דעמ באוועגלעכנ פּאלאצ, ד. ה. פונעמ רייטוואָגנ. צי איז עס די פרוי פונעמ ראָטמיסטער מיט די וואָנצעס, אָדער א ווייטע קרויווע זיינע, אָדער פּאָשעט א שיינ־הייט, וועלכע מע האָט גענומענ אפ פּראָקאט לויטנ מינהעג פונ קאוואלעריסטנ. ס'איז שווער געווענ צו באשטימענ אונ דער־כאר האָב איכ זיכ באמיט פארגעסנ אינ איר. אָבער, ווי א טייוול, האָט זי זיכ געדרייט אינ מיינ פאנטאזיע אונ האָט איבערגעריסנ דעמ ריכטיקנ גאנג פונ מיינ פּאָעמע.

טראָכימ האָט געייצעט בלייבנ נעכטיקנ אינ באראנאָפּאָל אונ כאָטש א שטיקל ברויט איבערכאפּנ. מיר האָבנ ווירקלעכ אינ מע־שעכ פונעמ טאָג גאָרנישט ניט געגעסנ. איכ האָב געפרעגט באמ אופזועער, צי ס'איז דאָ וואָס איבערבייסנ. ווי ס'האָט זיכ אויס־געלאָזט, איז קיינ שומ פארבייסנ ניט געווענ, דערפאר, — האָט צוגעגעבנ דער אופזועער, ווייל איצט איז די מארטירער־וואָכ. ריכ־טיק — האָב איכ א טראכט געטאָנ אונ געהייסנ שטעלנ דעמ סאַ־מאָוואר, אָבער קיינ סאמאָוואר איז דאָרט ניט געווענ. „גיט אונדז כאָטש ברויט מיט וואסער", — האָב איכ גלייכגילטיק געזאָגט דעמ אופזועער. ער האָט שווייגנדיק אופגעעפנט עפּעס אזוינס, וואָס איז געהאנגענ אפ דער וואנט, עפּעס ענלעכס אפ א שאפע, אונ האָט פונ דאָרטנ ארויסגענומענ אויכ עפּעס ענלעכס אפ א קוכנ. דאָס

איז געווען אַן אַלטגעבאַקענער קניש מיט בוימל. ניט אָן מי האָט טראַכים אָפּגעבראָכן אַ שטיקל קניש, זיך אַ קרים געטאָן און גענומען עסן. מיר האָט ער פאַרגעלייגט דאָס איבעריקע, אָבער איך האָב זיך אָפּגעזאָגט. דער הונגער האָט מיך, איך ווייס ניט פאַרוואָס, נישט באַמרויקט. איך האָב איבערגעגעבן טראַכימען, ער זאָל מיטן קניש טאָן וואָס ער וויל, און ניט רעכענענדיק זיך מיט זיין מיינונג, וואָס ס׳פּלעג זעלטן ווען זיך טרעפן, האָב איך געהייסן איינשפּאַנען. ער האָט נאָך ניט באַוויזן צעקייען דאָס ער־שטע שטיקל, ווי די פערד זיינען שוין געווען גרייט. אַן אופגע־בראַכטער האָט טראַכים אַ קוק געטאָן אַף מיר, דאָס איבעריקע שטיקל האָט ער באַהאַלטן אין פאַזעכע, פויל זיך אַרופגעקראַ־טשקעט אַף דער בריטשקע און מיר האָבן זיך געלאָזט ווייטער.
באַלד איז צוגעפאַלן די נאַכט. די נאַכט איז געווען אַ שיינע, אַ וואַרעמע און אַ פינצטערע. אַ ווונדערלעכע נאַכט! די רויטלעכע שטערן האָבן אויסגעזען גרעסער ווי געוויינלעך און האָבן עפּעס באַזונדערס פּרעכטיק געשיינט אַפן פינצטערן פּאָן. אַ נאַכט, וואָס באַצויבערט! אַזעלכע נעכט קומען נאָך אַ לאַנגדויערנדיקן פרי־לינגדיקן רעגן. און דאָס איז ניט קיין זעלטנהייט אין אוקראַינע. אַ שאָד, וואָס די לעוואָנע איז נישט געווען. איך האָב זי ליב, אַז זי איז אַ פולע, אַ קיילעכיקע, אַ רויטע, איבערגעשניטן מיט לאַנגע גילדענע וואָלקנדלעך און נאָך ווען זי הייבט זיך אוף אין אַ צויבערדיקן נעפּל איבערן עטוואָס פינצטערן האָריזאָנט. ווי שיין, ווי צויבערדיק ס׳איז אַ לעוואָנע־נאַכט אין דער נאַטור, אָבער אַפן בילד פון קינסטלער, צום ביישפּיל בא קאַלאַמען, איז זי צויבערנדיקער און שענער. הויכע קונסט, קלער איך, ווירקט שטאַרקער אַפן מענטשן, שטאַרקער, ווי די נאַטור אַליין. איז וואָס פאַר אַן אומפאַרשטענדלעכע געהיימניס איז באַהאַלטן אינעם ווערק פון מענטשנס האַנט, אין אָט דער דאָזיקער הימלישער קונסט?

שאפונג — הייסט אָט די גרויסע הימלישע קונסט, און... גליקלעך איז דער גורל פון גרויסן פּאָעט, פון גרויסן קינסטלער. זיי זײַנען אונדזערע לײַב־ברידער, נאָר זיי זײַנען פון העכערע קרעפטן באַגײַסטערט, זיי זײַנען ווי גאָטס מלאָכים, און צו זיי נאָר זײַנען געווענדעט דעם נאָוויס ווערטער; נאָר זיי האָט גאָט באַשאפן לויט זײַן בילד און לויט זײַן ענלעכקײַט, און מיר זײַנען א האמוין א מיִעסער און ניט מער!

דער קלוגער פּאָטשטאר, אָדער דער אָנטרײַבער, האָט אָנשטאָט א רוסישן וואָגן, אין וועלכן דער בראַווסטער פעלדיעגער וועט ניט אײַנשלאָפן, אונדז אײַנגעשפּאַנט א בריטשקע, עפּעס א מין נעטיטשאנקע, א לאנגע און א ברייטע, און כוצדעם האָט ער אהין אָנגעוואלגערט היי. טראָכימענ איז עס אזוי געפעלן, אז ער האָט ניט דערקײַט זײַן קניש און איז אײַנגעשלאָפן מיט א שטיקל אין דער האנט, זײַן שלאָף איז געווען פריש־יונגטלעך און טמימעסדיק. אין א ווײַלע ארום האָט מײַן זינדיקע נעשאָמע נאָכגעטאָן זײַן סייכלדיקן בײַשפּיל.

V

וויאזוי מיר זײַנען איבערגעפאָרן די דאָזיקע סטאנציע, ווייסט קיינער ניט, אכוץ דעם וואָגן און די פערד. איך האָב זיך שוין אופגעכאפּט פארטאָג־צו, לעבן דעם סאמע וויהאָן פון שטעטל ליסיאנקע, און טראָכימענ האָב איך אופגעוועקט שוין פאר דער טיר פון דער פּאָטשט־סטאנציע. אזוי־ווי מײַן רײַזע איז שוין געווען נאָענט צום סאָף, ניט נעמענדיק אין אכט די בלאָטע און די האלבוורסטיקע הרעבליע, האָב איך אויך אויסגערעכנט, אז ס'איז בעסער זיך אביסל אָפּרוען אין ליסיאנקע און שוין דערנאָך זיך לאָזן ווײַטער. ביז בודישטשע, ד. ה. ביז דער רעזידענץ פון מײַן קאָרעוו איז געבליבן א ווערסט צוויי, נישט מער. אסאך דארף

מען האָבן, מע זאָל זיי דורכמאכן? אַ שאָ, נו צוויי, אַזוי האָב איך גערעכנט. נאָר אַזיווי איך צווייפל אין אַסאַך זאַכן, האָב איך אויך אין דעם געצווייפלט, און קעדיי באַשטימען פּינקטלעך מײַן כעזשבן, האָב איך געפרעגט בא טראַכימען, ווי איז זײַן מיינונג. ער האָט אַ קלער געטאָן און האָט געזאָגט, אַז אויב מיר וועלן שוין באַלד אַרויספאָרן, וועלן מיר קומען קיין בודישטשע ניט פריִ־ער, ווי צו מיט טאָג.

— וואָס האָט די ווערט די הרעבליע אליין! — האָט ער צו־געגעבן.

איך האָב מאַסקים געווען מיט זײַן איידעלער באַמערקונג און כ'האָב געבעטן דעם אָפּזעער, ער זאָל מיר געבן פערד אַף אַ זײַ־טיקער רײַזע, ד. ה. אין דער זײַט פון פּאָטשט־וועג. ער איז גערן אײַנגעגאַנגען דערויף, פאַרשטייט זיך, פאַר טאָפּלטן פּרײַז, ער האָט גערעכנט ניט פאַר צוויי ווערסט, ווי איך האָב געמיינט, נאָר ווי פאַר צוואַנציק מיט עפּעס, ד. ה. ביז דער צווייטער סטאַנ־ציע, ביז זוועניגאָראָדקע. ער האָט ניט נאָר מיר, נאָר טראַכימען פאַרזיכערט, אַז אים איז עס אַלצייינס. וואָס קען מען טאָן, איך האָב געגעבן מײַן האַסקאָמע. אָבער ווי ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, איז טראַכים גערעכט געווען, האָבנדיק געזאָגט, אַז מיר וועלן פאַר האַלבן טאָג ניט זײַן אין בודישטשע, און דער אָפּזעער איז גערעכט, רעכענענדיק אַ האַלבווערסטיקע הרעבליע פאַר צוואַנציק ווערסט.

מיר האָבן אָפּגעטרונקען טיי און ניט אינגאַנצן פעסט פאַר־ביסן און זיך געלאָזט אין וועג אַרײַן. מיר זײַנען אַרויסגעפאָרן פון ליסיאַנקע און פאַרזיכטיק אַרופגעפאָרן אַף דער הרעבליע און פאַריזנעט געוואָרן אין בלאָטע ביז איבער די אויערן. דאָ איז אונדז צום ערשטן מאָל אויסגעקומען זיך באַנוצן מיט אָקסן. דאָס איז געווען דער שלוס פון דעם אַזוי אויך מאָנאָטאָנעם דויער־

האפטנ ספעקטאקל. איכ האָב זיכ ווי ס'ניט איז ארויסגעקראָטשעט פונ וואָגנ אפ א צעצווײַגטער ווערבע, וואָס איז דאָ נאָענט געשטאנענ, דערנאָכ זיכ אראָפגעלאָזט אפ דער ערד אונ, איבערשפרינגענדיק די פײַכטע ערטער, בינ איכ איבערגעגאנג די הרעבליע, זיכ אביסל אָפגערוט, דערנאָכ ארופ אפנ בארג אונ דאָרט אפנ ייִדישנ בעסוילעמ לעבנ א מאצייווע זיכ אוועקגעזעצט אָפרוענ. ליסיאנקע האָט זיכ פאר מיר צעשפרייט, ווי אפ דער דלאָניע. אלע ייִדישע שטיבער האָט מענ געקענט איבערציילנ, די קריסטלעכע אָבער ניינ, ווײַל זיי זײַנענ באדעקט געווענ מיט די טונקעלע נאָכ נאקעטע סעדער. לאנג האָב איכ צווישנ דעמ וואלד פונ בארג־אונ עפלביימער מיט די אויגנ געזוכט דעמ דיאקאָנ יעפרעמס הײַזל, וואָס איז מיר שוינ לאנג באקאנט געווענ. בא אָט דעמ יעפרעמענ האָב איכ אמאָל גענומענ לעקציעס ניט פונ מאָלערײַ, נאָר פונ שילדנמאכערײַ. קעדיי מיכ אויספרווּנ, צי איכ האָב פייִקײַטנ צו אָט דעמ איידעלנ איניענ, האָט דער פאָטער יעפרעמ מיכ געצווּונגענ אפ א בלאט אײַזנ רײַבנ עפעס א טונקלרויטע פארב. איכ האָב ניט אויסגעהאלטנ דעמ דאָזיקנ פרוּוו, אונ אפנ צווייטנ טאָג האָב איכ געמאכט די פלייטע פונעמ פאָטער דיאקאָנ. אסאכ האָב איכ איבערגעלעבט נאָכ אָט דער ערשטער לעקציע, נאָר קיינ שומ זאכ האָט זיכ מיר אזוי ניט אײַנגעשניטנ אינ זיקאָרנ, ווי אָט דער ערשטער נאִיווער אויספרוּוו. נאָר לאָמיר בעסער איבערגייִנ צו עפעס אנדערש, ביז די אָקסנ וועלנ פונ בלאָטע ארויסשלעפנ דעמ וואָגנ מיט טראָכימענ.

דאָס שטעטל ליסיאנקע האָט זייער א וויכטיקנ באטײַט אינ דער געשיכטע פונ אוקראִינע. דאָס איז די געבורטשטאָט פונ מיכײַלאָ כמיל, דעמ פאָטער פונ באוווסטנ זינאָווי באָגדאנ כמעלניצקי. אונ נאָכ איז דאָס שטעטל מערקווירדיק (אויב מיר וועלנ גלייבנ די אָרטיקע אלטע לײַט) מיט דער אָוונטיקער גאָטדינסט,

ניט ערגער פון דער סיצילישער גאָטדינסט, וועלכע ס'האָט געפּראוועט מאקסים זשעלעזניאק אין 1768 פאר די ארענדארן און פּריצים. אָבער אויב מיר וועלן אזעלכע געשעענישן, וואָס האָבן ניט די ווערט פארנעמען דעם זיקאָרן פון מענטשן, אָנעמען פאר מערקווירדיקע, וועט ניט נאָר עפּעס א ליסיאנקע, נאָר יעדער דאָרף, יעדער שפּאן אפּ אוקראַינע, דעריקער אפן רעכטן ברעג דניעפּער, וועט אונדז אויסזען מערקווירדיק. אין עפּעס אנדערש — יאָ, נאָר אין דעם הינזיכט האָבן מײַנע פארשטאָרבענע לאנדסלײַט ניט אָפּגעטראָטן דער בעסטער אייראָפּײִשער נאציע, און אין 1768 יאָר האָבן זיי אויך די בארטאָלאָמיי־נאכט און אפילע די פראנצויזישע רעוואָליוציע איבערגעשטיגן. דאָס איינציקע, מיט וואָס זיי האָבן זיך אויסגעטיילט פון די אייראָפּייער: בא זיי זײַנען אָט די אלע בלוטיקע טראגעדיעס געווען א זאך פון דער גאנצער נאציע און זיי האָבן זיך קיינמאָל ניט פאנאנדערגעשפּילט לויטן ווילן פון עפּעס א שווינדלער, ווי לעמאָשל, קאטערינא מעדיטשי. די מײַרעוו־אייראָפּײִשע ליבעראלן האָבן בא זיך אָפּט דערלויבט אזוינס.

ענדלעך האָט זיך די אומעטיקע און קאָמישע פּראָצעסיע מיטן וואָגן געענדיקט. מיט א האלבן רובל האָב איך באדאנקט דעם אָנגעכמורעטן פויער, און דעם יאט, וואָס איז אײַנגעשמירט געווען אין בלאָטע, — דעם געטרײַען מיטהעלפער זײַנעם האָב איך מיט א קופּערנער גריוונע אונטערגעמונטערט, דערנאָך האָב איך זיך ארײַנגעזעצט אין וואָגן און האָב פאָרגעזעצט דעם פינאל־אקט פון דער מאָנאָטאָנער קאָמעדיע, ד. ה. די לעצטע ווערסטן פון דער דאָזיקער אומגעלומפּערטער רײַזע.

טראָכים מײַנער, כאָטש ער איז ניט קיין זנאכער, אָבער די צוקונפט טרעפט ער נישט ערגער פון א זנאכער. פּונקט אין מיטיק־צײַט האָט זיך אונדזער וואָגן אָפּגעשטעלט פארן הויז פון

מײַן גאַסטפֿרײַנטלעכן קאַרעוו. ער האָט מיך באַגעגנט אָפֿן גאַנעק מיט א סערוועטל אין דער האַנט, און די קוזינע — אין עסצי־מער מיט א פֿאַרזאָרגט פּאָנעם. איר נאָז איז געווען אײַנגעשמירט אין מעל; דאָס האָט געהייסן, אַז די קוכנס זײַנען אין אויוון און האָבן זיך נאָך נישט אופֿגעהויבן ביז דער געהעריקער הייך. דער דאָזיקער וויכטיקער פּראָצעס איז נאָך ניט פֿאַרגעקומען, און ער באַאומרויִקט די ווילע באַלעבאָסטע מיט זײַן דויערנדיקער אומ־באַוווסטקײַט. דאָס האָב איך זיך אַזוי אָנגעשטויסן און, פֿאַרשטייט זיך, געהאַט א גרונט דערויף. ס'איז געווען סאָף מאַרטירער־וואָך און ס'איז באַוווסט, מיט וואָס אין יענע טעג פֿודערן און שמירן זיך די טרײַע שילערנס פֿון דער פּראָפֿעסאָרשע אוודייעוואַ.

פּונקט אַזוי, ווי טשאַצקי, ווי ס'האָט זיך אויסגעדריקט דער אומשטערבלעכער פּאָעט, איז פֿון שיף גלײַך אָפֿן באַל אָנגעקומען, אַזוי בין איך פֿון וואָגן גלײַך צום טיש צוגעקומען און קימאַט ווי אין רעגנמאַנטל און אין קאַלאָשן.

צוויי מאָל איז די באַלעבאָסטע אופֿגעשטאַנען פֿון טיש, זיך אַנטשולדיקט און ערגעץ אַפּ א מינוטקעלע אַרויסגעגאַנגען, דער־נאָך זיך ווידער אומגעקערט און אַלץ געשוויגן. דעם דריטן מאָל האָט זי זיך ניט אַנטשולדיקט און איז אַרויסגעגאַנגען, זיך פֿאַרזאַמט מער מיט א מינוט ווי די פֿריִערדיקע מאָל, און זיך אומגעקערט מיט א שײַנענדיק פּאָנעם און מיט אַן אָפּגעוואַשענער נאָז. הייסט עס, אַז דער גרויסער כימישער פּראָצעס איז פֿאָרגעקומען צום אַלגעמיינעם פֿאַרגעניגן פֿון די שטוביקע. גאָט צו דאַנקען! ערשט איצטער האָבן זיך אָנגעהויבן שיטן פֿראַגעס און אויספֿרעגענישן וועגן קיִעוו, וועגן קרויווים, באַקאַנטע, פֿרײַנט און פֿרײַנדנס און, ענדלעך, וועגן די מאַנאַכן. איך האָב געענטפֿערט, ווי ס'האָט זיך געמאַכט. מיך האָט אינטערעסירט דער הויבער, וואָס האָט א רוק געטאָן מײַן אומבאַוועגלעכע קוזינע אַפּ אַזאַ ניט געוויינלעכער

טעטיקייט. דער הויבער איז דאָ געווען נישט מער, ווי קליינע באַרימעריי. איר האָט זיך פאַרוואָלט, ווי מע זאָגט, אַ שיין טאָן מיט די אויסערגעוויינלעכע קונצן פאַר אַלע אומקולטורעלע פּראָווינציאַלן, — אַזוי האָט זי געוויינלעך גערופן אירע שכיינעס. צום סאָף מיטיק האָב איך זיך אַביסל צערעדט און האָב, פאַרשטייט זיך, מיט זעלטענער פּינקטלעכקייט איבערגעגעבן מיינע קרויווים די וואַרעמע גרוסן. כ'האָב דערציילט וועגן די פרישע, ערשטגע־באַקענע שטאָטישע פּליאָטקעס. און צום שלוס האָב איך דערציילט וועגן דאַרמעז און וועגן דער שיינהייט, וואָס איז אין אים פאַר־שפּאַרט — וועגן מיין באַגעגעניש מיטן ראָטמיסטער קורנאַטאָווסקי און ענדלעך וועגן דער אַלטער דוניע, וואָס האָט אַזוי אומהעפ־לעך געבאַלעבאַטעוועט מיט מיין טיי.

— איז קערט ער זיך ערשט איצטער אום פון די קאָנטראַקטן? — האָט אויסגעשריגן די באַלעבאָסטע. און דער באַלעבאָס האָט איינ־טאָניק צוגעגעבן:

— דאָס איז אונדזער אַ גוטער שאָכן, אַ גוטבאַזיצער.

— און אין אַלע הינזיכטן אַן אויסגעצייכנטער מענטש; אַ שאָד נאָר, וואָס ער האָט אַזוי פאַרלאָזט די מיליטער־דינסט. מיט אַזאַ פאַרמעגן, ווי ער האָט, קען מען ווייט אוועקגיין. אַן עמעסער קאַוואַלעריסט! — האָט די באַלעבאָסטע ניט גלייכגילטיק צוגע־געבן.

— און ווער איז די יונגע שיינהייט, וואָס רייזט מיט אים? — האָב איך זיך צו איר געווענדעט מיט דער פראַגע.

מיין פראַגע האָט זי געבראַכט אין פאַרלעגנהייט. זי האָט זיך פאַרלוירן, איז רויט געוואָרן, אַפּגיך אופגעשטאַנען פון טיש און אוועקגעלאָפן אין בעקעריי. איך האָב נאָכגעקוקט דער אוועקגיי־ענדיקער באַלעבאָסטע און האָב געוואָלט מיט דער זעלבער פראַגע זיך ווענדן צום באַלעבאָס. אָבער צום באַדויערן! מיין קאָרעוו

איז קימאט געשלאָפֿן מיט א גלאָז סליוואָניאק אין דער האנט; ער האָט ניט באוויזן אויסצוטרינקען. דער פאסטן־מיטיק האָט געהאט זײַן ווירקונג. דער קאָרעוו האָט טעמפּ א קוק געטאָן אף מיר און שווײַגנדיק זײַנען מיר פֿון טיש אופגעשטאנען, א דריק געטאָן איינער דעם צווייטן די האנט און זיך צעשיידט, זאָגנדיק איינער דעם צווייטן: צום ווידערזען! וואָס־זשע זאָל באטײַטן מײַן פֿראגע וועגן דער רײַנזנדער שיינהײַט, פֿון וועלכער מײַן ניט איבעריק שעמעוודיקע קוזינע האָט זיך פֿלוצעם פֿארשעמט? דאָ איז פֿאראן עפּעס אינטערעסאנטס, אָבער וואָס, דאָס ווייסט אלאָך אליין, און זיכער ווייסט עס מײַן קוזינע, און אויב זי ווייסט, הייסט עס, אז עס ווייסט עס יעדער איינער, אכוץ מיר. אָבער איך וועל זיך באמיִען טרעפֿן אָט דאָס געהיימניספֿולע רעטעניש. נאָר צוליב וואָס? און בא אָט דער ערנסטער פֿראגע בין איך אײַנגעשלאָפֿן אף דעם צוגעגרייטן געלעגער אין אזויגערופֿענעם פֿליגל אין וווי־נונג נומער 1.

די וווינונג נומער 1 האָט געהאט א קליינעם צימער מיט א שמאָלן פֿענצטער אין גאָטישן סטיל. וווהין־זשע וועל איך אהינ־טון מײַן טראָכימען? — אָט דאָס איז געווען די ערשטע פֿראגע, וואָס איז געשטאנען פֿאר מיר, נאָכדעם ווי כ׳האָב זיך אופגעכאפּט און באטראכט מײַן צײַטווײַליקע דירע. אין אָט דעם קעמערל איז עס אומעגלעך: דאָ איז פֿאר איינעם ענג, און ער, ווי אַן עמע־סער אוקראַינער, האָט זיך ליב פֿאנאנדערצושפּרייטן, ער דארף האָבן גערוימקײַט. וווהין־זשע זאָל איך אים אהינטון? לאָזן אים אף זײַן אייגענעם באראָט איז אומעגלעך, ער קען זיך אײַנאָרדענען בא די צעלאָזטע דינער, און אין א וואָך ארום וועל איך ניט דערקענען מײַן טראָכימען. ניין, דאָס איז ניט דערלאָז־באר און אפילע א פֿארברעכן. וואָס וועט ווײַטער זײַן מיט אים, ווייס איך נישט, אָבער בא הײַנטיקן טאָג איז ער ריין און אומ־

שולדיק, ווי א נײַגעבוירן קינד, און לויט זײַן נאַיווע און אָריגי־נעלן כאַראַקטער פּאַסט ער זיך גאָר נישט צו צו דער קאַטעגאָריע פון לאַקייען און נאָך ווייניקער צו דער קאַטעגאָריע לאַקייען־לײַבייגענע.

כאָטש טראָכים איז ניט די ערשטקלאַסיקע פיגור אין דעם בילד, וואָס איך שילדער, אָבער לויט זײַן אָריגינאַליטעט פאָדערט ער, מע זאָל אים באַאַרבעטן, און נאָכמער דערפאַר, וואָס איך האָב צוגעזאָגט מײַנע לייענער אים שילדערן מיט געוויסע פּראָטים. און בא מיר איז א וואָרט א געזעץ. און איך בין אצינד גרייט צו מאכן צוויי ארבעטן מיטאמאָל: אויספילן דעם געזעץ און פארפילן דעם בלויז פון הײַנטיקן טאָג, ד. ה. דעם טאָג, ווען איך בין אָנגעקומען צו מײַנע פרײַנט.

לויט זײַן אָפּשטאַמונג האָט טראָכים ניט געהערט צו די העכערע שיכטן פון מענטשן. ער איז פּאָשעט א זון פון א קיִעווער מעשטשאנין. און ווען איך האָב אים געזען צום ערשטן מאָל ער איז זיך אַלס א זשאָקיי, איז ער מערסטנס געלעגן אין פּאָדערצימער אף דער באַנק, אָבער ער איז נישט געשלאָפן, נאָר פארטראַכטערהייט גע־קוקט אף דער סטעליע. קעדיי ענדערן זײַן ארט ארבעט און אים פארהיטן פון זײַן סקאָרבוט, האָב איך אים גענומען לערנען רו־סישע גראַמאָטע. דאָס פּוילע יינגל האָט גאַנץ אומדערוואַרט ארויס־באַוויזן פלײַסיקײַט און איז געווען זייער פארשטאַנדיק. אין מע־שעך פון איין כוידעש האָט ער אָנגעהויבן לייענען א בוך, גע־דרוקט מיט וועלטלעכן שריפט, נישט ערגער פון זײַן לערער, ד. ה. פון מיר. אז איך האָב טראָכימען אויסגעלערנט לייענען, האָב איך זיך באַרויִקט מיקויעך זײַן קרענק — זײַן סקאָרבוט און מיקויעך זײַן גײַסטיקן גליוועך. ס׳איז אריבער א שטיקל צײַט און איך האָב באַמערקט, אז טראָכים מײַנער קוקט ווידער אף דער סטעליע, ווי ער וואָלט געווען פונקט דער זעלבער אמאָרעץ, ווי פריִער.

— פאַרוואָס־זשע נעמסטו נישט עפּעס אַ ביכל און לייענסט נישט? — האָב איך אים איינמאָל געזאָגט.

— איך וויל נישט לייענען אײַערע ביכער, — האָט ער געענטפערט און איז אופגעשטאַנען פון דער באַנק. — זיי זײַנען אַלע אַזוי גראָב, אַז מע קען זיי פאַר קיין יאָר ניט איבערלייענען, דערצו זײַנען זיי אַלע אומפאַרשטענדלעכע.

ריכטיק, — האָב איך אַ טראַכט געטאָן, — און קעדיי אויספּרוּוון זײַן געשמאַק און פאַרשטאַנד, האָב איך אים געגעבן אַ האַלבן רובל און אים געשיקט אין דאָלזשיקאָווס ביכער־קלייט, ער זאָל זיך קויפן אַ בוך, וואָס וועט אים געפעלן.

מײַן טראָכים איז אַוועק און איז ווי פאַרפאַלן געוואָרן. איך האָב באַדאַרפט אַוועקגיין און האָב ניט געהאַט וועמען לאָזן אין שטוב. איך האָב זיך געבייזערט, אָבער ס׳האָט גאָרנישט געהאָלפן. ער האָט זיך אומגעקערט שוין צו אָוונט־צו. קעגן מײַן געוווינהײַט האָב איך אים געפרעגט, ווו ער האָט זיך עס אַרומגעשלעפּט אַ גאַנצן טאָג.

— אַלץ אויף פּאָדאָל, — האָט ער געענטפערט, גלײַך ווי ס׳וואָלט זיך גאָרנישט ניט געטראָפן, — מע האָט דאָרט אַלץ גערעדט וועגן מילכאָמע, האָב איך געהערט, — האָט ער צוגעגעבן און האָט אַרויסגענומען אַ בוך פון קעשענע.

אין יענער צײַט האָט אונדזער מיליטער בלאָקירט סיליסטריע. איך בין געווען נײַגעריק בײַ אים פרעגן, וואָס־זשע האָט ער געהערט וועגן מילכאָמע.

— איך האָב גאָרנישט ניט געהערט, ווײַל איך בין ווײַט געשטאַנען, — האָט ער געזאָגט און האָט מיר דערלאַנגט דאָס בוך. דערבײַ האָט ער צוגעגעבן:

— זעט נאָר, סאַראַ גוטס כ׳האָב זיך געקויפט.

איך האָב זיך שיר ניט צעלאַכט פון זײַן ענטפער וועגן מיל־

כאָמע. די ביכער האָבן אפ מיר געמאכט דעם זעלבן איינדרוק. איין בוך איז געווען עפּעס א פיזיקע פון קאטערינע דער צווייטערס צייטן מיט צייכענונגען, און דאָס צווייטע — פון בלאָוו גראָב פּאפּיר — די בריוו־אויסטוישונג צווישן קאטערינע דער צווייטער און וואָלטערן. פארפאלן איז מיין מי און מיין געלט, — האָב איך א טראכט געטאָן און, אָפּגעבנדיק די ביכער, האָב איך בא אים געפרעגט, צוליב וואָס האָט ער זיך געקויפט אזא פּאסקודסטווע. מיין פראגע האָט אים געבראכט אין פארלעגנהייט, אָבער ער האָט זיך גלייך געפונען.

— ניט קיין פּאסקידסטווע, — האָט ער געזאָגט און צעעפנט די בריוו־אויסטוישונג פון דעם פערנייישן כאָכעם, — איר גיט נאָר א נעם דאָס פּאפּיר, פּאָשעט לובאָק. ניט נאָר פאר מיר, פאר מיינע קינדער און אייניקלעך וועט קלעקן דאָס דאָזיקע פעסטע בוך.

— גוט, — האָב איך געזאָגט, — און דאָס צווייטע בוך וועמען וועסטו נאָך זיך איבערלאָזן?

— דאָס איז גאָרנישט, וואָס די בלעטער זיינען דאָרט אביסל דינער, דערפאר זיינען דאָרטן פאראן קונשטן.

און אין א ווײַלע ארום האָט ער בא מיר געפרעגט:

— און איר וועט מיר דערציילן, וואָס באטייטן די דאָזיקע קונשטן?

-- דו באשטעל בעסער מאָרגן בא א סטאָליער א לינדענעם טאָוול, צעפיר אין עפּעס קרייד און נעם זיך שרייבן, און אז דו וועסט זיך אויסלערנען שרייבן, וועל איך דיר דערציילן, וואָס עס באטייטן אָט די בילדער, — האָב איך אים געזאָגט און געהייסן שטעלן דעם סאמאָוואר.

אפן צווייטן טאָג האָט זיך טראָכים גענומען פאר דער קאליגראפיע און האָט פונקט אזוי גיך באנומען די כאָכמע פון דער

שילדערישער קונסט, ווי די כאָכמע פונ בוקוואר. ער האָט אויסגעשריבנ א צוויי בויגנ פּאַפּיר אונ אָנגעהויבנ גאנצ שיינ אונ גוט פארשרייַבנ די טאָג־הויצאָעס אונ אָנגעהויבנ איבערשרייַבנ לידער פונ „Московский песенник“, וואָס איז אים געבליבנ פונ פאָטער אונ וואָס איז ביז איצט געלעגנ אינ קאסטנ אָנ שומ געברויכ.

איכ האָב עפּעס באדארפט א פּאָר טאָג קיינ קאמענעצ־פּאָדאָלסק, האָב איכ אויכ טראָכימענ מיטגענומענ, אונ קעדיי אימ מיט עפּעס באשעפטיקנ אינ וועג, האָב איכ אימ געגעבנ א ריינע העפט אונ אימ געהייסנ פארשרייַבנ אלצ, וואָס וועט פּאסירנ מיט אונדז אינ וועג, אָנהייבנדיק פונ די נעמענ פונ די פּאָטשט־סטאנציעס, די נעמענ פונ די דערפער, שטעט אונ טייַכנ. איכ בינ געווענ צופרידנ מיט מייַנ אייַנפאל, אָבער ווער קענ עס מיט אויגנ דורכדרינגענ אינ דער געדיכטער פינצטערניש פונ דער צוקונפט? — האָב איכ מיט א זיפצ דערנאָכ געמוזט זאָגנ.

אז מיר האָבנ זיכ אומגעקערט פונ דער רייַזע, האָב איכ, ווי א גוטער באלעבאָס, געהייסנ טראָכימענ מיר ווייַזנ די זאכנ, וואָס מיר האָבנ מיטגענומענ אינ וועג. אָבער, אוי, אנ אומגליק! דער טשעמאָדאנ איז אפ האלב פוסט געווענ.

— אונ וווּ־זשע זייַנענ אָט די אונ די זאכנ? — האָב איכ געפרעגט בא טראָכימענ.

— ווער ווייס זיי, — האָט ער רויִק געענטפערט.

— א גוטער דינער ביסטו עס! אונ איכ האָב דיר ווי א גוטנ דינער א סלאָוווּטקע געקויפט. וואָס־זשע האָסטו ניט אכטונג געגעבנ אינ וועג? — האָב איכ מיט פארדראָס צוגעגעבנ.

— איכ האָב אלצ געקוקט, וואָס איכ דארפ פארשרייַבנ אינ העפט. איר האָט דאָכ אליינ געהייסנ, — האָט ער געזאָגט מיט א פאָרוווּרפ.

ער איז געווען פולקום גערעכט, און איך — פולקום שולדיק. צווינגען א לאקיי פירן א זשורנאל — איז נאריש, אָריגינעל און נאריש!

— אזוי, הייסט עס, נו, באווייַז מיר דייַן העפט, — האָב איך געזאָגט טראַכימען, — לאָמיך א קוק טאָן, וואָס דו האָסט דאָרט פארשריבן.

ער האָט ארויסגענומען פון קעשענע א פארשמירטע העפט און א צופרידענער האָט ער מיר דערלאנגט זייַן ווערק. אָט ווי דער מאנוסקריפט האָט זיך אָנגעהויבן:

„נאָך פארטאָג זייַנען מיר ארויסגעפאָרן פון קיִעוו, און אפ דער צענטער ווערסט האָבן מיר זיך אָפגעשטעלט לעבן דעם אויעזדנעם שענק. מיר האָבן בא דעם האָרבאטן שענקער געבעטן א קעלישעקל לימאָנאָווקע, א שטיקל קוילעטש און זייַנען אוועקגעפאָרן ווייַטער.

דעם זעלבן טאָג, די זעלבע שאָ, סטאנציע וויטע. ביז מע האָט געשפאנט די פערד, בין איך געזעסן אפן טשעמאָדאן, און זיי (ד. ה. איך) זייַנען געזעסן אפ דער סטויקע און געטרונקען סליוואַניאק און זיך געווערטלט מיט דער קוטשעראווער יִדישקע".

— דו פארנעמסט זיך צופיל מיט קלייניקייַטן, — האָב איך אים געזאָגט און אָפגעגעבן די העפט. — באהאלט זי, איך וועל זי א צווייטן מאָל איבערלייענען. — איך האָב זיך א קראַץ געטאָן דעם האלדז־און־נאקן און אוועק צום שנייַדער באשטעלן א נייַעם אָנצוג אָנשטאָט דעם, וואָס איז פארלוירן געגאנגען אין וועג. פון דאנען צווינג איך שוין ניט טראַכימען, ער זאָל פירן וועג־נאָטיצן.

ער איז א גרויסער אָריגינאל, טראַכים מייַנער, אָבער וואָס ס'געפעלט מיר אין אים אמערסטן איז דאָס, וואָס ער פארמאָגט נישט קיין לאקיישע פייִקייַטן.

VI

דער פאסטנ־מיטיק, דעריקער דער פיסנער באָרשטש, — איך צווייפל, צי ס'האָט אימ געגעסנ דער גרויסער מייווג און פאַר־פאסער פונ באָרשטש, דער העטמאנ סקאָראָפּאדסקי, — האָט אזוי אפ מיר געווירקט, אז ווענ איך האָב זיך נאָך דעמ דאָזיקנ מיטיק אופגעכאפט, בינ איך אוואדע א שאָ צוויי געלעגנ און זיך ניט געקענט פונ אָרט רירנ. לוקול אליינ וואָלט דאָ ניט געוועג פלינ־קער. א ריר טאָנ מיטנ פינגער איז שווער. כ'פיל, ס'הייבט אָנ ווערנ פינצטער אינ צימער, און איך פיל זיך א קוק טאָנ אינ פענצטער. אזא מינ צופאל קענ זיך טרעפנ נאָר אינ דאָרפ, און דאָס נאָך א מיטיק אינ די פאסטנ־טעג. איך האָב גענומענ טראכטנ וועגנ מײַנ מאטראָס, אָבער ווי, ס'קריכט גאָרנישט אינ קאָפּ ארײַנ. פּאָשעט א מאָראלע און א פיזישע פארגליווערונג. ס'איז ארײַנגעקומענ טראָכימ, ער איז א ווײַלע געשטאנענ לעבנ דער טיר, א מינוט פינפ האָבנ מיר שווײַגנדיק געקוקט איינער אפנ צווייטנ, און דערמיט האָט זיך געענדיקט אונדזער אאודיענצ. איך האָב זיך דאפקע געוואָלט אויסייצענ מיט אימ וועגנ דער דירע, אָבער כ'האָב בעשומויפנ נישט געקאָנט. וואָס וואָלט א טראכט געטאָנ אנ אָרנטלעכער און א פינקטלעכער, בעסער געזאָגט, א מעסיקער דײַטש, ווענ ער זאָל איבערלייענענ אָט די נאַיווע דער־ציילונג? דו בארבאר איינער, — וואָלט א טראכט געטאָנ דער מעסיקער דײַטש. און ווענ ס'וואָלט בא די דײַטשנ געווענ אזא מינ פיסנער באָרשטש, ווי בא אונדז, וואָלט דער דײַטש אויך ניט אימשטאנד געוועג עפּעס א טראכט צו טאָנ און וואָלט נאָר געזאָגט, אז דאָס איז א גאנצ געוויינלעכע זאכ.

אינ צימער האָט מענ קוימ געקענט זענ עפּעס, און איך בינ נאָך אלצ געווענ אונטער דער ווירקונג פונעמ פאסטנ־מיטיק, און

איך בין געווען, ווי ס׳וואָלט געזאָגט דער פאַרצײַטיקער מעליצע־שרײַבער, שטום, ווי א פיש, און אומבאַוועגלעך, ווי א שטיק האָלץ. וואָס־זשע האָט מיך ארויסגעבראַכט פון אָט דעם שלעפע־ריקן צושטאַנד? קיינער וועט ניט טרעפן, אפילו דער זנאַכער אליין וועט נישט טרעפן! פון הינטער דער וואַנט, אין צווייטן צימער האָט זיך דערהערט א יונגע פרויען־שטים. איך האָב אופ־געציטערט, ווי כ׳וואָלט זיך פאַר עפּעס דערשראָקן. אז כ׳האָב זיך באַרויִקט, האָב איך צוגעלייגט דעם אויער צו דער וואַנט, אָדער ריכטיקער געזאָגט, צו דעם ווענטל, און ווי כ׳האָב זיך נאָר געוואונען אײַנהערן אין די צויבערנדיקע קלאַנגען, איז אַרײַן אין צימער אן אָפּגעריסן און אויסגעשמירט קאָזאַקל און אין נאָמען פון דער באַריניע מיך געבעטן אף טיי. כ׳האָב אים נאָר באַוויזן צו זאָגן, אז איך וועל קומען, און אין צימער איז שוין אַרײַן טראָכים מיט א לאַמטערן אין דער האַנט און האָט מיך גלײַך אופגעהויבן אף די פיס.

— צי ווייסט איר, ווער ס׳איז צו אונדז צו גאַסט געקו־מען? — האָט מיך געפרעגט טראָכים און האָט אוועקגעשטעלט דעם לאַמטערן אפן טיש.

— כ׳ווייס נישט, — האָב איך געענטפערט און זיך באַמיט זײַן גלײַכגילטיק.

— דער בערלין, וועלכן מיר האָבן געלאָזט אפן וועג, — האָט ער געזאָגט פּאָשעט, גאָרניט סוידעסדיק, ווי ער וואָלט עס באַ־דאַרפט טאָן.

— ס׳קען נישט זײַן! דו האָסט א טאָעס, — האָב איך געזאָגט און זיך גענומען אײַלנדיק אָנטון. ער האָט שווײַגנדיק א קוק גע־טאָן אף מיר, ווי איינער זאָגט: צי קען איך האָבן א טאָעס?

איך האָב זיך אָנגעטאָן אופמערקזאַמער ווי אַלעמאָל און בין אַרויס אין הויף. אינמיטן הויף איז געשטאַנען עפּעס שוואַרצס,

ענלעכ אפ אנ עקיפּאזש; איכ בינ צוגעגאנ נעענטער — ס'איז ווירקלעכ געווענ דער באקאנטער דאָרמעז. איכ האָב נישט געגלייבט די אייגענע אויגנ, א טאפּ געטאָנ די רעסאָרנ, אויסגעשמירט די האנט מיט בלאָטע אונ לאנגזאמ, ווי כ'וואָלט געווארט אפ עפּעס אויסערגעוויינלעכס, בינ איכ ארײַנ אינ הויז.

עפּענענדיק די טיר, האָב איכ דערהערט דעמ שוינ באקאנטנ הייזעריקנ געלעכטער פונעמ ראָטמיסטער קורנאטאָווסקי. איכ בינ זייער נישט זיכער ארײַנ אינ גאסטצימער אונ בינ געבליבנ דערשטוינט: באמ טיי־טיש איז געזעסנ בלויז די באלעבאָסטע אונ מער קיינער ניט פונעמ צארטנ געשלעכט. איכ האָב א שאָקל געטאָנ מיטנ קאָפּ דער באלעבאָסטע אונ זיכ באגריסט מיטנ ראָטמיסטער, ווי מיט אנ אלטנ באקאנטנ, אונ קעגנ מײַנ ווילנ האָב איכ ארײַנגעקוקט אינ צווייטנ צימער. די באלעבאָסטע האָט עס באמערקט, זי האָט זיכ א קרימ געטאָנ אונ פאָרגעלייגט מיר א בענקל. ווי א פארשולדיקטער שילער, וועמענ מע האָט שוינ מויכל געווענ, האָב איכ זיכ פאָרזיכטיק אוועקגעזעצט אפנ בענקל אונ בינ די גאנצע צײַט שווײַגנדיק געזעסנ אפנ אָרט. די באלעבאָסטע איז געווענ זייער פרײַנטלעכ מיטנ ראָטמיסטער אונ האָט אימ קעגנ די וועלטלעכע מאנירנ דערלויבט אויסלאכנ מײַנ פארטראכטקײַט: דאָס איז מיר נישט געפעלנ, אונ איכ האָב אויכ קעגנ וועלטלעכנ מאניר גענומענ די גלאָז טיי אונ ארויס אינ צווייטנ צימער. דאָ האָב איכ געטראָפנ דעמ באלעבאָס, וואָס האָט זיכ נאָכ אינגאנצנ ניט אופגעכאפּט, ער האָט געשלונגענ טרוקענע סעכערעס מיט טיי. ניט נאָר א מעסיקער דײַטש, נאָר א רויטער דזשאָנ־בול וואָלט געבליבנ שטיינ א דערשטוינטער, דערזעענדיק, ווי מײַנ קאָרעוו האָט פארניכטעט די סעכערעס מיט טיי נאָכ אזא אומגעהייער זאטנ מיטיק, וואָס מיר האָבנ מיט אימ ארײַנגעשטעלט. אָבער אפ מיר האָט אָט די קליינע קוריאָזע דערשײַנונג ניט גע־

מאכט קיין געהעריקן איינדרוק. איך בין געווען פארנומען מיט דער פראגע, וווהין האָט זיך אהינגעטאָן די אומבאגרייפלעכע שיינהייט. א רעטעניש, א געהיימניספולער ספינקס איז פאר מיר אָט די איינוווינערין פון באוועגלעכן פאלאץ! און עפשער שלאָפט זי אויך איצטער פארקישעפט אין איר פאלאץ? ווו־זשע איז איר אלטע באגלייטערין? ווידער א ספינקס. אָבער אָט דער לעצטער ספינקס, אויב מיר וועלן אים אפילע ניט אופדעקן, וועלן מיר מיטן לייענער גאָרניט פארלירן. און דעם ערשטן מוז מען אופדעקן. איך האָב זיך דערמאנט אין דער דינינקער פרויען־שטים, וואָס איך האָב געהערט פון הינטער דער וואנט, און איך, זינדיקער, האָב א טראכט געטאָן, ווי גוט וואָלט געווען, ווען ס׳איז דאָ פאראן א שפארונע אין שלאָס. אוועק, דו אומווירדיקער געדאנק! איך בין אן אָרנטלעכער מאן און מיט א היפשן פליך, און ניט עפעס א הוסאר, א דאָן־זשואן. נו, אין וואָס, אז זי איז א שיינהייט? מיין קוזינע איז אויך א שיינהייט, איז וואָס פאר א טייוול ארט עס. זי קאָקעטירט איצטער אוואדע פארן שפיגל, און אז זי וועט זיך דערמיט אָנזעטיקן, וועט זי זיך אָנטון און זי וועט צו אונדז קומען, און ניט מיר צו איר.

מע האָט שוין צוגענומען די טיי פון טיש, און די באלעבאָסטע איז ארויסגעגאנגען אין טונקעלן עסצימער מיט איר טייערן גאסט, און די שיינהייט האָט זיך נאָך אלץ ניט באוויזן. ווייזט אויס, אז זי האָט געפונען, אז זי איז נאָך אזא וועג נישט איבעריק אינטערעסאנט און געמאָלדן, אז זי איז קראנק. מאָרגן וועט אלץ קלאָר ווערן. איך האָב שוין געוואָלט גיין אין מיין געצעלט, אָבער כ׳האָב געפונען, אז ס׳איז ניט העפלעך, און בין געבליבן.

די באלעבאָסטע האָט הויך געקייכס מיט איר ליבן קאוואלעריסט אין דעם פינצטערן עסצימער און האָט גערעדט וועגן עפעס

א מאדאם פּרעכטעל, וואָס וועט, לויט איר מיינונג, גרינ ווערנ פונ קינעַ, אז זי וועט דערזענ אירע גענ׳אלע קוילעטשנ.

— אונ אזוי קומט עס איר, מאכ זיכ נישט פּאר קיינ באשיי־דענע, זאָל זי זיכ נישט סוידענ! — האָט זי געזאָגט אפּ אזויפיל שטיל, אז איכ האָב פונ דריטנ צימער געקענט הערנ אלע אירע ווערטער. — היינט האָב איכ איר געשיקט א מאטאָנע, א לעבעדיק שעפּעלע. העפּלעכקייט אונ ניט מער, אונ דערעכאגעוו געהייסנ דער געשיקטער, זי זאָל פּארבייגייענדיק א קוק טאָנ אפּ אירע ווערק, — דאָס רעד איכ וועגנ די קוילעטשנ. זי איז דאָכ א פּוי־לישקע, אונ די פּוילישקעס, ווייסט איר דאָכ, זיינענ גענ׳יאל אפּ אזוינע זאכנ. איכ האָב געוואָלט האָבנ כאָטש א ווייטע פּאָרשטע־לונג וועגנ איר מייסטערשאפט. איז שטעלט זיכ פּאָר די העפּלעכ־קייט פונ דער מאדאם פּרעכטעל! זי האָט די פרוי אפילע אינ הויפּ ניט אריינגעלאָזט, זי האָט זי באגעגנט פּארנ טויער אונ צו־גענומענ מיינ מאטאָנע; אנ עמעסע וועלטלעכע פרוי!

— אלײנ? פּארנ טויער? אינ אזא בלאָטע? — האָט צעצויגנ געפרעגט דער פּארוווּנדערטער ראָטמיסטער אונ זיכ שטארק צע־לאכט.

— אונ ווי האָט איר געמיינט? — האָט געפרעגט די עקזאל־טירטע אָראטאָרנ.

— דאָס איז שרעקלעכ! — האָט אויסגעשריגנ דער העפּלעכער צוהערער, אונ צופרידנ איינער מיטנ צווייטנ, האָבנ זיי זיכ אומ־געקערט אינ גאסטצימער.

— קעכנע דו, קעכנע, מיינ ליבע קוזינע! — האָב איכ א טראכט געטאָנ, — אונ נאָכ א קעכנע א צווייפּלהאפטע! דערפאר אָבער אָנ צווייפּל א פּליאָטקעמאכערנ!

אינ גאסטצימער האָבנ זיי זיכ באזעצט אפּ א קושעטקע פונ קוסטארישער אויסארבעטונג אונ האָבנ זיכ אוועקגעזעצט אזוי

נאָענט איינער צום צווייטן, ווי עס קענען נאָר זיצן אַ קום מיט אַ קומא. דער גאַסט האָט אַראָפּגעלאָזט אויף דער ברוסט זיינע האַרטע וואָנצעס און גענומען טיפּיזיניק באַטראַכטן איינעם פֿון די מאָדנע קנעפּ אויף זיין וועגנערקע, וואָס האָט אים דערמאָנט אין די ניט לאַנג פֿאַרגאַנגענע הולקעס און אַנדערע הוסאַרישע טאַטן, און די גאַסטפֿריינטלעכע באַלעבאָסטע האָט אַוועקגעלייגט אויפֿן אַכטקאַנטיקן טישל איר פֿולע האַנט, וואָס איז געווען אַנטבלויזט ביזן אַקסל, און האָט מיט אַ שטומען מיטגעפֿיל געקוקט אויף דעם, וואָס איז, אַך, ערשט ניט לאַנג געווען אַ הוסאַר.

ניט נאָר איך, נאָר אויך מיין בעקאָוועדיקער קאָרעוו האָט זיך געפֿרייט מיט דעם לעבעדיקן אויסדרוק פֿון דער סאַמע אויפֿ־ריכטיקער פֿריינטשאַפֿט.

די באַלעבאָסטע האָט צעשטערט די טיפֿע שטילקייט מיט אַ טיפֿן זיפֿץ, דערנאָך האָט זי צוגעגעבן אַ לאַנגדויערדיקן: אַך... יאָ... און אַפֿילו זיך געווענדעט מיט אַ פֿראַגע צום געוועזענעם הוסאַר.

— איז עס ריכטיק... אָט די ליבע נייַס האָט אונדז געבראַכט איינער אַ גוטער פֿריינט אונדזערער, — זי האָט אַ קרומען קוק געטאָן אויף מיר, — אַז מע פֿאַרניכטעט קלוימערשט די עפּאָלעטן. דאָס איז אומגלויבלעך! איך וועל שוין גיכער גלייבן, אַז ס׳וועט קומען דער ייִדישער מאָשיעך, איידער אין אָט דער נאַרישער מייַסע.

— און איך אויך, — האָט געזאָגט דער געוועזענער הוסאַר.

— און איך אויך, — האָט זיך אָפּגערופֿן דער האַלב־שלאָפֿנדיקער באַלעבאָס.

— און וואָס פֿאַר אַ זין האָט עס! — האָט הייס אונטערגעכאַפּט די באַלעבאָסטע. — דעמאָלט וועט קיין איין אָנשטענדיק מיידל ניט חאַסענע האָבן, אַלע וועלן בלייבן אַלטע מוידן, סיידן עפּעס אַ... וואָס זי האָט נאָך געוואָלט זאָגן, ווייס איך נישט.

— און זאָגט, — האָט איבערגעריסנ דער ראָטמיסטער, ווענדנדיק זיכ צו דער צופגעבראכטער פארטיידיקערנ פונ די עפּאָלעטנ, — וואָס פאר אנ אָנשטענדיקער מענטש וועט דעמלט אָנקומענ אפ מיליטער־דינסט? וואָס איז עס פאר א פּערספּעקטיוו פאר צנ אָנשטענדיקנ מענטשנ, אונ וואָס פאר א קאריערע פאר אנ אָנשטענדיקנ מענטשנ? אנ אבסאָליוטע נארישקײַט! אונ ווער האָט אײַכ געבראכט אָט די נארישע יעדיע, צי נישט פונ דעמ קירילאָווער מאָנאסטיר (א דולהויז אינ קיעוו) האָט זיכ ארויסגעכאפּט אײַער פרײַנט? זאָגט, אומ גאָטעס ווילנ, דאָס איז זייער אינטערעסאנט?!

די קוזינע האָט מיט א זיגעריש שמייכעלע א קוק געטאָנ אפ איר פארניכטעטנ סוינע, דאָס הייסט אפ מיר, אונ דער טיפּעש, דער קאָרעוו מײַנער, האָט פּאָשעט אָנגעוויזנ אפ מיר מיטנ פינגער אונ האָט אויסגעשריגנ: „אָט איז ער!"

— דאָס האָט איר, טײַערער, מיט א פינגערהוט וואסער אָנגענומענ! — האָט פראָסט געזאָגט דער געוועזענער הוסאר, ווענדנדיק זיכ צו מיר. ער האָט אינגאנצנ פארגעסנ, אז ער איז א וועלטלעכער מענטש, אזוי גרויס איז געווענ זײַנ טריומפ, אונ איכ, ווי א פעסטונג, וואָס איז בלאָקירט פונ אלע זײַטנ, קעדיי ניט אופּרעגנ מיט מײַנ אומזיסטנ ווידערשטאנד דעמ שטארקנ סוינע אונ קעדיי א סאָפ מאכנ צו דער גראָבער געמיינהײַט, האָב איכ זיכ געלאָזט אפ א קאפּיטוליאציע אונ האָב געזאָגט, אז כ'האָב א שפּאס געטאָנ.

— א גוטער שפּאס! — האָט אופגעבראכט אויסגעשריגנ דער ראָטמיסטער דער אָראטאָר, — אונ צי ווייסט איר מיט וואָס עס שמעקט אזא געמיינער שפּאס? — מיט פּולווער, געערטער הער! יאָ, מיט פּולווער! אונ אויב דאָס וועט גיינ ווײַטער אונ העכער, וועט איר אפילע מיט סיביר ניט אָפּקומענ.

ער האָט איבערגעכאַפּט דעם אָטעם און האָט פאָרגעזעצט:

— פאר אזא שפּאס, מײַן הער, האָט יעדער אָנשטענדיקער מאַן, און וועגן אַן אָפּיצער שמועסט מען ניט, יעדער האָט פולע רעכט אײַך דערפאר פאָרלייגן א שפּאס א מער שאַרפן פון אײַערן, — דאָס רעד איך וועגן דער שווערד, איר פארשטייט? (א קליינע פּאוזע). כאָטש איך טראָג איצט ניט אָט די איידעלע באַצירונג, ד. ה. די עפּאָלעטן, נאָר ווען דאָס טרעפט ניט אין אײַער הויז, — דאָ האָט ער זיך געווענדעט צו דער שמייכלענדיקער באַלעבאָסטע, — וואָלט איך דער ערשטער גרייט געווען פאָרלייגן אײַך אָט דעם אויסגלײַך!

מיט די הענט אין די קעשענעס האָט דער הייסער באַשיצער פון דער איידעלער באַצירונג עטלעכע מאָל זיך מיט שטאָלץ דורכגעשפּאַצירט איבערן צימער, דערנאָך האָט ער זיך אָפּגעשטעלט פאר דער שײַנענדיקער קוזינע מײַנער, האָט א דריי געטאָן די טונקל־רויטע שטשעטינענע וואָנצעס און פול מיט זעלבסטצופרידנקײַט האָט ער א זאָג געטאָן:

— אין אונדזער קולטורעלן נײַנצנטן יאָרהונדערט (ער האָט גרויזאַם א קוק געטאָן אויף מיר, ווי איינער זאָגט: זעסטו!) האָבן אפילע די טערקן, די פּערסיאַנער און די כינעזער אָנגעטאָן עפּאָלעטן. און מיר זײַנען, דאַכט מיר, ניט קיין אזיאַטישע באַרבאַרן, נאָר, גאָט צו דאַנקען, אייראָפּייער, אויב איך האָב קיין טעות ניט. ניט אזוי, מאַדאַם?

אלס א סימען פון האַסקאָמע האָט די מאַדאַם א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ. זי האָט מיט דער האַנט א פּאַטש געטאָן דעם מאַטראַץ פון דער סאָפע און האָט געזאָגט: ביטע, פּיליײַכט ווילט איר זיך זעצן? דער אָראַטאָר האָט זיך ניט אָפּגעזאָגט און אונטער דער סאַמע נאָז פון זײַן פרײַנדן האָט ער פאַרויכערט א שטאַרק גרויסע

ברוינע סיגאַרע אונ זיכ צעלייגט, ווי ברייט ער האָט נאָר געקענט, אפ דער שמאָלער סאָפקע.

איכ האָב זיכ פארלוירנ אונ ניט געוווּסט, וואָס צו טאָנ מיט זיכ. איכ האָב שטענדיק געוווּסט, ווי ערגסט אלע שיינהײַטנ פאַרגעטערנ די עפּאָלעטנ, באַזונדערס מײַנ קוזינע, אָבער אַזוי בלינד זיכ בוקנ דעמ פליטערגאָלד — דאָס באַגעגנ איכ דאָס ערשטע מאָל אינ מײַנ לעבנ. הייסט עס, אַז ביז יענעמ אָוונט האָב איכ נאָכ ניט באַגעגנט קיינ עמעסע יעפּייפיע אונ קיינ עמעסנ הוסאַר! אָבער וואָס זאָל איכ איצטער טאָנ מיט זיכ? דערווײַזנ די אייזלענ, אַז זיי זײַנענ אייזלענ, דאַרפ מענ אליינ כאָטש אפ האַלב זײַנ אַנ אייזל; דאָס איז אַנ אומשטרײַטבאַרער עמעס. וואָס־זשע זאָל איכ פאָרנעמענ? נעמענ די היטל אונ אַוועקגיינ אינ מײַנ צימער? דאָס וואָלט שוינ געווענ צו היימיש, דאָכ האָב איכ גענומענ די היטל אינ די הענט, אונ, וואַרטנדיק אפ אַ גליקלעכנ געדאַנק, בינ איכ, ווי אַ שעמעוודיקער שילער שטייט פאַר די עקזאַמענאַטאָרס, געשטאַנענ פאַר דער טיר אונ געדרייט אינ די הענט די היטל, ווי כ׳וואָלט פונ דער היטל געוואָלט אַרויסבאַקומענ אַנ ענטפער אפ אַ האָפּערדיק פאַרגעבענער פראַגע. כ׳רעכנ נישט, אַז דאָס איז געטאָנ געוואָרנ מיט אַ מיינ (אפ דערופ וועט איר ניט סטײַענ קיינ העפלעכקײַט), דאָכ האָט זי אליינ, ד. ה. מײַנ קוזינע, מיכ אַרויסגעפירט פונ מײַנ פאַרפלאָנטערטער לאַגע. זי האָט איבערגעביטנ דעמ פראָנט: זי האָט געלאָזט איר ווילד פײַער, פריִער ווזוואָדנווײַז, דערנאָכ מיט אַ גאַנצנ דיוויזיאָנ איבער דער שוצלאָזער מאַדאַמ פרעכטעל. אָט די יעזויִטקע, ווי מײַנ קוזינע רופט זי, איז, ווײַזט אויס, אַנ אָנשטענדיקע פרוי, ווײַל מײַנ קוזינע האַסט זי. אונ איכ בינ צופרידנ געווענ, וואָס זי האָט אפ אַנ אָנשטענדיקער פרוי אָנגעווענדט אירע גיפטיקע פײַלנ אונ מיכ אַרויסגעפירט פונ באַלאַגערטנ צושטאַנד אפנ פרײַענ פעלד.

איך האָב זיך אונטערגעמונטערט און גענומען טראַכטן, ווי רוקט מען זיך אָפּ, איז צו מיר צוגעגאַנגען דער באַלעבאָס מיט א נאַריש שמייכעלע, מיך א קלאַפּ געטאָן איבערן אַקסל און גע־זאָגט:

— וואָס, ברודערל, ביסט אַרײַנגעפאַלן! אָט זעסטו, פרײַנט מײַנער, אַפּ ווײַטער זײַ פּאָרזיכטיקער מיט אַזעלכע נײַסן און דעריקער — און מיט א נידעריקער שטים צוגעגעבן, — דעריקער מיט די קאַוואַלעריסטן. דאָס איז ניט קיין שעמעוודיקער אוילעם.

— איצט זע איך אַליין, אַז זיי זײַנען ניט שעמעוודיק, אָבער איך זע שוין שפּעט, — האָב איך אים שטיל א זאָג געטאָן, באַ־דאַנקט אים פאַר דער פרײַנטלעכער אייצע און זיך געווענדעט צו דער באַלעבאָסטע. איך האָב זיך פאַרנויגט און געווונטשן א גוטע נאַכט.

— און וועטשערע? — האָט זי געזאָגט.

— איך עס קיינמאָל ניט קיין וועטשערע, — האָב איך גע־זאָגט א ליגן. אַזוי ווי איך האָב ניט פאַרמאָגט קיין וואָלפישן מאָגן און ניט קיין מאָגן פון א פּאָרעץ, האָב איך געמוזט גיין אַפּ אַזאַ שטיקל.

— און סאַרא פּירעשקעס מיט ציבעלעס און שוועמלעך! פּאָ־שעט געניאַל! — האָט זי געזאָגט און געמאַכט די גאַסטפרײַנט־לעכסטע מינע. אָבער איך האָב זיך אַפּילע פון די געניאַלע פּי־רעשקעס אָפּגעזאָגט. און דער וועלטלעכער קאַוואַלעריסט האָט באַ־מערקט, אַז כ'בין א גרויסער אָריגינאַל.

— א מאָנאַך! — האָט געזאָגט דער באַלעבאָס.

און די באַלעבאָסטע האָט זיך פויל אופגעהויבן פון דער סאָ־פע און מיט א צויבער־שמייכעלע האָט זי שטיל אַרויסגעזאָגט:

— א טשודאַק! (ד. ה. — א טיפּעש).

איך האָב יעדערן פון זיי א נויג אָפּגעגעבן פאַר די ליבע

עפּיטעטן, האָב פאַרלאָזט מײַנע וויציקע מיטשמועסער און אוועק אין מײַן טונקעלן געצעלט.

VII

כ'בין אַרײַן אין מײַן צימער און זיך אָפּגעשטעלט לעבן דער טיר, קעדיי זיך זאַט אָנקוקן אין אַ רעמבראַנדישן בילד. טראָכימ מײַנער האָט פאַרקרייצט די הענט און זיי אוועקגעלייגט אַפן שטאַרק גרויסן אָפּענעם בוך און דעם קאָפּ אַפ די הענט אוועקגעלייגט און איז זיך רויִק געשלאָפן. די אָנגעבּרענטע ליכט האָט קוימ באַלויכטן דעם צימער, און די אַרומיקע זאַכן זײַנען קימאַט פאַר־שוווּנדן אין דער דורכזיכטיקער פינצטערניש: אַ זעלטענע קאָמ־בינאַציע פון שײַן און שאָטן האָט זיך צעגאָסן איבערן גאַנצן בילד. איך בין לאַנג געשטאַנען אַפ איין אָרט און בין באַצויבערט געווען פון דער אויסערגעוויינלעכ שיינער האַרמאָניע. איך האָב מוירע געהאַט זיך אַ ריר טאָן, מוירע געהאַט אַפילע אַן אָטעמ טאָן; ווי אַ לופט־שפּיל אין סטעפּ ווערט פאַרשווּנדן באַ אַ לײַכט ווינטל, פונקט אַזוי, האָט זיך מיר אויסגעוויזן, ווערט פון מײַן אָטעמ פאַרשווּנדן ווערן אָט די גאַנצע שיינקײַט.

אַז כ'האָב זיך בּיז מיד אָנגעקוקט אין דעם אימפּראָוויזירטן בילד, בין איך שטיל צוגעגאַנגען צום טיש, כ'האָב מיט באַדויערונג אָפּגערייניקט די ליכט און אויפגעוועקט טראָכימען. ער האָט עפּעס געבּורטשעט פון שלאָף, איך האָב אים געפרעגט, וואָס ער רעדט, און ער האָט קלאָר און לאַנגזאַמ איבערגעלייענט:

„דאָס אויג איז אַן אָרגאַן, וואָס דינט אַלס דורכפירער פון שײַן־אײַנדרוקן".

— וואָס לייענסטו? — האָב איך בּאַ אים געפרעגט; ער האָט איבערגעכאַזערט די זעלבע פראַזע און מיט דעם זעלבן טאָן. איך האָב אים אַ קוק געטאָן אין פּאָנעמ: די אויגן זײַנע זײַנען גע־

װען פֿאַרמאַכט. ער איז געשלאָפֿן. איך האָב געװאָלט אױספֿרעגן, צי קען זיך באַװעגן אַ מענטש פֿון שלאָף, כ'האָב אים גענומען פֿאַר דער האַנט, קעדיי אים דורכפֿירן איבערן צימער, אָבער ער האָט זיך אױפֿגעכאַפּט.

— װאָס האָסטו געזען אין כאָלעם? — האָב איך אים געפֿרעגט.

— אונדזער װױנונג אין קיִעװ. — האָט ער געענטפֿערט.

— און װאָס האָסטו געלייענט?

— מײַן פֿיזיקע.

— און װאָס האָסטו געלייענט פֿאַרן שלאָף? — האָב איך װי־דער געפֿרעגט בײַ טראָכימען, קוקנדיק אױף אַ קליין צעעפֿנט ביכל.

— דאָס לעבן אין די לײדן פֿונעם הייליקן לײַדנדן יעװסטאַ־פֿיאַ פֿלאַקידאַ, — האָט ער געענטפֿערט און אַ רײַב געטאָן די אױגן. ער האָט געקוקט אױפֿן בוך און צוגעגעבן:

— און איך האָב געמיינט, אַז מיר זײַנען אין טאַראַשטשע אױף דער סטאַנציע.

— אומזיסט האָסטו אַזױ געמיינט, — האָב איך געזאָגט, אױס־טוענדיק זיך.

— איצט זע איך אַליין, אַז אומזיסט.

— װוּ־זשע האָסטו געקראָגן אַזאַ גרױס בוך?

— באַם אָרטיקן גאַלעך.

— ביסט דען באַקענט מיט אים?

— איך בין הײַנט געװען באַם אָװנט־געבעט. כ'האָב זיך באַ־קענט מיט אים און האָב געבעטן עפּעס אַ ביכל צום לייענען, האָט ער מיר געגעבן „דאָס לעבן פֿון די הייליקע פֿאָטערס", אָט טאַקע דאָס, — האָט ער צוגעגעבן, אָנװײַזנדיק אױפֿן ביכל.

— דאָס איז גוט, װאָס דו האָסט זיך באַקענט מיטן גאַלעך,

און גוט, וואָס דו האָסט געקראָגן אזא היילק ביכל, אָבער צי האָסטו זיך ניט דערוווּסט וועגן די געסט, וואָס זײַנען געקומען אין בערלין? — האָב איך ווי צופעליק געפרעגט.

— ווי־זשע, איך האָב זיך דערוווּסט, — האָט ער געענטפערט מיט זעלבסטזיכערקײַט, — מיר האָט ביז דער מינדסטער קלייני־קײַט דערציילט זייער הויכער לאקיי.

ענדלעך האָב איך אופגעדעקט דעם קוריאָזן און געהיימען פּאָרהאנג, — האָב איך א טראכט געטאָן און האָב געפרעגט בא טראָכימען, ווי צופעליק, פארבײַגייענדיק:

— וואָס־זשע האָט דיר ביז דער מינדסטער קלייניקײַט דער־ציילט דער הויכער לאקיי?

— זיי זײַנען געפאָרן קיין קיִעוו אפ די קאָנטראקטן, — איך האָב אָנגעשטרענגט געהערט, — און דאָרט זײַנען זיי פארבליבן ווינטערן. די פערטע פאסטוואָך האָבן זיי אָפּגעפאסט אין לאוורע, און אפ דער פינפטער וואָך — ארויסגעפאָרן פון קיִעוו. אין וואַ־סילקאָוו האָבן זיי אוועקגעשטעלט זייער בערלין אפ רעדער, זיך דערוואַרט אפ דער בלאָטע און אוועקגעפאָרן ווײַטער.

— צוליב וואָס־זשע האָבן זיי געוואַרט אפ דער בלאָטע? צו־ליב וואָס האָבן זיי זי באדארפט?

— כ׳ווייס נישט, אזוי האָט געזאָגט דער לאקיי! — האָט נאִיוו געענטפערט טראָכים און האָט פאָרגעזעצט זײַן דערציילונג.

— און אהער זײַנען זיי ארײַנגעפאָרן קעדיי איבערלאָזן דעם בערלין, ביז די בלאָטע וועט כאָטש אביסל אויסטריקענען, ווײַל מיטן שליאכ וועלן אים פון אָרט ניט רירן אפילע צען פּאָר אָקסן און זיי מוזן מאָרגן זײַן אינדערהיים; זיי ווינען ערגעץ דאָ ניט ווײַט, כ׳האָב פארגעסן, ווי ער האָט אָנגערופן דאָס דאָרף. דאָ וועלן זיי זיך מאָרגן איבערזעצן אין א בריטשקע און פאָרן אין זייער דאָרף.

— יאָ, כ'האָב שיר ניט פארגעסן, — האָט ער געזאָגט און זיך אָפּגעשטעלט (אָט איצט, האָב איך א טראכט געטאָן, וועט זיך א גאָס טאָן די גאנצע עסענציע פון דער דערציילונג). — דער פּאָרעצ וועט פאָרן רײַטנדיק, און זיי וועלן פאָרן אין ברישקע.

— ווער זיי? — האָב איך געפרעגט מיט אומגעדולד.

— דער לאקיי מיט די פריצטעס, — האָט ער רויק געזאָגט; ער איז אָפּגעגאנגען אין א ווינקל און גענומען פאנאנדערלייגן די זאכן און בעטן זיך דאָס געלעגער.

— נו, און ווײַטער וואָס? — האָב איך אים געפרעגט מיט פארדראָס.

— גאָרנישט, — האָט ער געענטפערט זייער רויק.

— און ווער־זשע איז די יונגע פאני און די אלטע, וואָס זײַנען געפאָרן אין בערלין?

— כ'ווייס נישט, כ'האָב נישט געפרעגט — האָט טראָכים געענטפערט מיטן זעלבן טאָן און האָט איבערגעלייענט א טפילע „געלויבט איז גאָט". ער האָט איבערגעציילעמט דעם צוקאָפּנס פון געלעגער און זיך געלייגט שלאָפן.

איך האָב נאָר א קוק געטאָן אף אים און מער גאָרנישט.

— גוט האָסטו זיך דערוווסט, ביז א הערעלע, דו וואָלסט נאָך באדארפט דינען בא עפּעס א דאָן־זשואן, און ניט בא מיר, — האָב איך א טראכט געטאָן. כ'האָב זיך אויסגעטאָן און נאָכגעטאָן זײַן קלוגן בײַשפּיל.

הינטער דער וואנט איז געווען אינגאנצן שטיל. איך האָב ניט געקענט שלאָפן. וואָס־זשע וועל איך טאָן? אגעוו, האָב איך זיך דערמאנט וועגן „Морской сборник", כ'האָב ארויסבאקומען פון טשעמאָדאן דעם נום. 1 און גענומען בלעטערן. אף דעם רעיעסטער פון די אומגליקלעכע פארוונדעטע האָב איך זיך אָפּגעשטעלט, ווי אף עפּעס רירנדיקס און צויבערלעכס. לאנג האָב

איכ ניט געקענט אָפּרײַסנ די אויגנ פונ דעמ רעיִעסטער, אָדער ריכטיקער געזאָגט, פונ דעמ העלד, פונ דעמ גרויסמוטיקנ מאטראָס. איכ האָב שוינ אָנגעהויבנ פילנ די אָנגענעמקײַט פונ דרימל. כ׳האָב שוינ געוואָלט אוועקלייגנ דאָס ביכל אונ אויסלעשנ די שײַנ, אָבער ס׳איז מיר א שאָד געווענ זיכ שיידנ מיט דער דורכזיכטיקײַט פונ דער האלב־פינצטערניש, וואָס האָט זיכ געשאפנ דורכ דער אָנגעברענטער ליכט. איכ האָב אָנגעהויבנ פילנ די ווונדערלעכע אָנגענעמע מיט צווישנ שלאָפּ אונ וואכזאמקײַט. אינ דער דאָזיקער הארמאָנישער האלב־טונקלקײַט האָב איכ מיט מײַנ פאנטאזיע געזוכט קימאט מיט פארמאכטע אויגנ עפּעס א שוואכבאלויכטענע זאכ, אפּ וואָס קענענ אָפּשטעלנ מײַנ ריִע, וועלכע ווערט אויסגעלאָשנ. די טונקלקײַט איז געוואָרנ אלצ געדיכטער אונ די שײַנ — אלצ שוואכער. מײַנע וויִעס האָבנ זיכ אלצ דערנענטערט אײנע צו דער צווייטער אונ ענדלעכ זיכ צונויפגעגאָסנ. די טונקלקײַט איז געוואָרנ דורכזיכטיקער אונ ליכטיקער, אונ אינ דער טיפ פונ דער דאָזיקער בלאָס־בלויער האלבשײַנ האָט זיכ קוים צו מערקנ באוויזנ א האָריזאָנט, א טונקעלער, א ברייטער, א גלײַכער, ווי מע וואָלט אימ מיט א ווירע אונטערגעשטרײַכט, אונ הינטער דעמ האָריזאָנט האָט גענומענ שטיל אונ לאנגזאמ זיכ ווײַזנ א שוואכע ראָזע שײַנ, די שײַנ האָט זיכ באלד פארגרעסערט אונ באקומענ א גרוי־טונקעלנ טאָנ. דער האָריזאָנט איז טונקל געוואָרנ, אונ ס׳האָט זיכ פונ דאָרטנ געהערט א גערויש, ווי אינ א סאָסנע־וואלד. איכ האָב גענומענ הערנ אונ זענ. נאָכ א מינוט, אונ דער גערויש איז געוואָרנ שטארקער אונ דער האָריזאָנט טונקעלער. נאָכ א מינוט, אונ איכ האָב שוינ געהערט ניט קיינ אומבאשטימטנ גערויש, נאָר א שרעקלעכנ געשריי פונ עפּעס א בייזווונדער. די שײַנ איז געוואָרנ העלער אונ האָט באקומענ א גרוי־מילכיקנ קאָלאָריט. פונ הינטער דעמ

טונקעלנ אומענדלעכנ האָריזאָנט האָבנ זיכ ווי אַנ אומענדלעכע וואנט מיט פאנטאסטישע קופּאָלנ לאנגזאמ געהויבנ די וואָלקנס. זיי האָבנ זיכ געהויבנ אלצ העכער אונ העכער אונ פארלוירנ זייערע קאָלאָסאלע ווונדערלעכע פאָרמענ אונ איבערגעגאנ אינ א טונקל־גרויער מאסע פינ אומענדלעכנ שעטעכ. איבערנ האָריזאָנט איז געוואָרנ ליכטיקער אונ שטיל. אומבאמערקט אונ שטיל האָט זיכ פונ סאמע האָריזאָנט אופגעהויבנ א שטארק גרויסער, ווײַס־זילבערנער קײַלעכ, וואָס איז נאָר מיט איינ אבריס ענלעכ געווענ אפ דער זונ. די שײַנ איז אומעטומ דורכגעדרונגענ אונ האָט פארענדיקט דאָס שיינע אונ שרעקלעכע בילד פונעמ יאמ אונטער דעמ נאָמענ „א פּראָלאָג צו א שרעקלעכנ געוויטער". דער בלאַסער קײַלעכ האָט זיכ געהויבנ אלצ העכער אונ איז געוואָרנ אלצ בלאסער אונ בלאסער, אונ ענדלעכ האָט ער זיכ ווי צעשוומענ אונ פארשווונדנ אינ דער מילכיק־גרויער מאסע. דער געוויטער האָט גערעוועט אינ דער לופט, ווי מיליאָנענ בייזוונדערס, וואָס מע קענ זיי ניט זענ. אפנ פּאָנ פונ טונקעלע וואָלקנס האָבנ געפינקלט סטײַעסווײַז ווײַסע פייגל־מארטינעס, אונ אפ די ווײַסע פעלדזנ האָבנ זיכ אינ לאנגע רייענ אויסגעזעצט, ווי נײַגעריקע צושויער, שווארצע באקלאנעס. דער רויש פונ געוויטער האָט זיכ אראָפּגעלאָזט אפ איינ טאָנ נידעריקער אונ איז געוואָרנ שוואכער, ווי א פלײַסיקער באס באמ סאָפ פונ גאָטדינסט. אינ דער געדיכטער אונ שטילער אָקטאווע פונ געוויטער האָב איכ דערהערט די אומעטיק־צעצויגענע מעלאָדיע פונ אונדזער פאָלקסליד, די דומע וועגנ אלעקסייענ דעמ פּיריאטינער פּאָפּאָוויטש. די מעלאָדיע איז געוואָרנ העכער, די ווערטער — קלאָרער אונ ענדלעכ אזוי בוילעט, אז איכ האָב געקענט אונטערהאלטנ דעמ זינגער אי מיט דער שטימ אי מיט ווערטער. אונ איכ האָב נאָכגעזאָגט פאָלגנדיקע פערזנ:

אפ דעמ יאמ דעמ בלויענ, אפ א שטיינ א ווײַסנ
שטייט א פאלק א קלאָרער אונ ער יאָמערט,
אפ דעמ יאמ דעמ בלויענ קוקט ער, שטארט ער,
אונ אפ רויב פונ יאמ אלצ ווארט ער, ווארט ער.

די מעלאָדיע, וואָס איכ האָב אָנגעהויבנ זינגענ, גייט איבער אינ א רעטשיטאטיוו אונ ווערט לאנגזאמ איַינגעשטילט, ווי האָפענונגלאָזע קרעכצנ פונ אנ עלנט שטארבנדיקנ אומגליקלעכנ. ענדלעכ איז דער רעטשיטאטיוו אנשוויגנ געוואָרנ, אונ פונ הינטער דעמ גרויסנ פעלדז אפ דעמ בארגיקנ פײַכטנ זאמד גייט ארויס טראָכימ אונ פירט א הויכנ איַינגעבויגענעמ בלייכנ אלטיטשקנ מיט א באָרד, וואָס איז ווײַס, ווי שניי, אינ א בלויענ קאפטאנ אונ אינ א שווארצער הויכער שמויסענער היטל. אינ דער רעכטער האנט באמ אלטנ געפינט זיכ א שטעקנ, מיט דער לינקער האלט ער צו עפעס ענלעכס אפ א קאסטנ, וואָס איז באדעקט מיט דער פאָלע פונעמ לאנגנ קאפטאנ. דאָס איז אומבאדיגט א לירניק, אָדער א קאָבזאר. ווו־זשע האָט געקענט טראָכימ אינ אזעלכע טעג באגעגענענ אָט דעמ געטלעכנ מענטשנ? — אזוי האָב איכ זיכ אליינ געפרעגט. — ער ווייסט, דער כיטרער, וואָס איכ דארפ, ער האָט אימ ארויסבאקומענ, ניט געקוקט אפ דעמ פרײַטיק פונ מארטירער־וואָכ. אז איכ האָב זיכ אָנגעהויבנ אופמערקזאמער צוקוקנ, האָב איכ דערזענ, אז דאָס איז געווענ ניט קיינ קאָבזאר, נאָר דער שאָטלאנדישער קייזערלעכער בעטלער, ווענענ ס'האָט אזוי לעבעדיק באשריבנ וואלטער סקאָט אינ זײַנ „אנטיקווארי”. איז וויאזוי ארומ – פרעג איכ ווידער זיכ אליינ — איז עס פונ שאָטלאנד קיינ בודישטשע געקומענ א קייזערלעכער בעטלער אונ צוליב וואָס? סײַדנ אז ער איז ארײַנגעפאלנ אינ געפענקעניש אונטער סעוואסטאָפאָל. די ענגלענדער זײַנענ דאָכ אנ אָריגינעל פאָלק: אינ מילכאָמע זאָגנ זיי זיכ נישט אָפ פונ היימישנ קאָמ־

פאָרט. דאָס האָב איכ געהאט א טאָעס, — ס'איז געווענ אנ עמעסער לירניק. ער האָט זיכ אוועקגעזעצט לעבנ דאָרמעז, אוועקגעלייגט די לירע אפ די קני אונ האָט זי גענומענ אָנשטעלנ, אונ טראָכימ האָט זיכ אָנגעבויגנ אונ רוימט אימ אפנ אויער: „וועגנ איוואס קאָנאָוטשענקאָ זינגט, פעטערל". דער אלטער האָט שטיל א שאָקל געטאָנ מיטנ קאָפ, א דריי געטאָנ די ראָד פונ דער לירע, א שפיל געטאָנ א פרעליודיע אונ אָנגעהויבנ מיט א רעטשיטאטיוו אנ אומעטיקע ראפסאָדיע וועגנ גוטנ ריטער איוואנ קאָנאָוטשענקאָ. דאָס פענצטער, ד.ה. די שויב פונ טירל פונ דאָרמעז האָט זיכ אראָפגעלאָזט. דער גרינער פאָרהאנג האָט זיכ אופגעהויבנ אונ באמ פענצטער האָט זיכ באוויזנ א זעלטנ שיינ פרויענ־קעפל מיט גרויסע שווארצכיינעוודיקע אויגנ, אביסל פארשלאָפענע.

איכ האָב א ציטער געטאָנ אונ זיכ אופגעכאפט. אינ צימער איז שוינ געווענ פארטאָגלעכ־גרוי אונ ס'האָט שטארק געשטונקענ פונ דער אויסגעלאָשענער כיילעווענער ליכט. איכ האָב אפגיכ אָנגעטאָנ די שטיוול, דעמ רעגנמאנטל, די היטל אונ בינ ארויס אינ הויפ. דער פרילינגדיקער פרימאָרגנ האָט געשיינט אינ זיינ פולער שיינקייט. פונ טויער האָט זיכ אינ פעלד אוועקגעשלעפט א בריטשקע מיט צוויי פאסאזשירקעס, ס'האָט זיי באגלייט א רייטער אינ א ווענגערקע אונ אינ א מאָדנער היטל.

— דאָס זיינענ זיי, אומבאדינגט זיי, — האָב איכ א טראכט געטאָנ, קוקנדיק אפ דער בריטשקע, וואָס האָט זיכ דערווייטערט. געזעגנ זיכ מיט דער כיטרער האָפענונג! — האָב איכ א שעפטשע געטאָנ אונ בינ אוועק אנטקעגנ דעמ שוינ וואכנדיקנ באלעבאָס.

נאָכדעמ ווי מיר האָבנ זיכ באגריסט מיט ווערטער אונ געגעבנ איינער דעמ אנדערנ די הענט, האָט ער מיר פאָרגעלייגט א שפאציר איבערנ פארק — אזוי האָט ער אָנגערופנ דאָס קליינע וועלדל פונ אָלכעס אונ דעמבעס, וואָס איז געווענ איבערגעשניטנ

מיט א שמאָלער דרײַארשיניקער האַלעווע; דאָס האָט מען גע־רופן די גרויסע אַלייע. מיר האָבן באַלאַנסירט איבער די פּאַנאַנ־דערגעלייגטע ברעטער און האָבן זיך קוים דערקליבן צום טירל פון דער אַזויגערופענער אַרקע. די אַלייע איז געווען טרוקן און אַפילע באַשאָטן מיט צעמאַלטן ציגל, נאָר אַזויווי זי איז געווען זייער שמאָל און די צווײַגן זײַנען געווען ניט אָפּגעשניטן, האָבן מיר ניט געקענט גיין האַנט בא האַנט, נאָר געמוזט גיין איינער נאָכן אַנדערן און דעריבער, הייסט עס, ניט געקענט ריידן אַפּי־לע וועגן וועטער. אַזויאַרום האָט מײַן באַלעבאָס געשוויגן, און איך האָב אויסדריקלעך געהערט, און הערנדיק זײַן קלוג שווײַגן האָב איך געטראַכט: פֿריִער האָב איך געטראַכט וועגן דער גע־היימניספֿולער שיינהייט, דערנאָך וועגן מײַן העלד דעם מאַטראָס אין דערנאָך וועגן דעם, וואָס איך האָב געזען אין כאָלעם די פֿאַבריקע נאַכט — דער יאַם, דער געוויטער. דאָס איז אַלץ פֿאַרבײַ, די געדאַנקען מײַנע האָבן זיך אָפּגעשטעלט אַפֿן לירניק. ניט קיין כאָלעם, נאָר די וואָר אַליין, ווי מע זאָגט. איך האָב געזוכט מײַנע הענטשקעס, און זיי שטעקן באַם גאַרטל; איך האָב גע־זוכט א מוסטער פֿאַר מײַן צוקונפֿטיק ווערק און געזוכט ערגעץ, דער טײַוול ווייס ווו; כ׳האָב איבערגעקליבן אין זיקאָרן אַלע ליטעראַטורן פון די געבילדעטע אַלטע און נײַע פֿעלקער, אַכוץ דער סאַנסקריטישער ליטעראַטור און מײַן באַליבטער אייגענער ליטעראַטור. טשודאַקעס זײַנען מיר, בעסויכעם אויך איך!

נישט לאַנג דעריבן האָט עמעצער שריפֿטלעך פֿאַרגלײַכט און־דזערע, ד. ה. די אוקראַיִנישע היסטאָרישע געזאַנגען מיט די ראַפּ־סאָדיעס פון כיִאָסישן בלינדן, דעם פֿאַטריאַרך פון דער עפּישער פּאָעזיע. איך האָב געלאַכט פון אַזא גײַוועדיקער פֿאַרגלײַכונג, און איצטער, אַז כ׳האָב זיך פֿאַנאַנדערגעקליבן און עס צעקײַט, פֿיל איך, אַז דער פֿאַרגלײַכער איז גערעכט, און איך פון מײַן

זײַט בינ גרייט פארגרעסערנ זײַנע פארגלײַכונגענ. איכ האָב גע־לייענט גנעדיטשעס איבערזעצונגענ אונ האָב אויסגעלייענט, אז בא האָמערנ איז גאָר ניטאָ קיינ ענלעכס אפ אונדזערע היסטאָרישע געזאנגענ־עפּאָפּייענ, ווי לעמאָשל, די געזאנגענ פונ איוואנ קאָנאָווטשענקאָ, פונ סאווא טשאלי, אלעקסיי פּאָפּאָוויטש פּיריאַטינסקי, אָדער דאָס אנטלויפנ פונ די דרײַ ברידער פונ אזאָוו, אָדער סאמוילא קישקא, אָדער, אָדער — ס'איז זיי נישט איבערצוציילנ. אונ אלע זײַנענ זיי אזוי דערהויבנ־פּאָשעט אונ שיינ, אז ווענ דער כּיאָסישער בלינדער וואָלט אופגעלעבט אונ אויסגעהערט איינעמ פונ די דאָזיקע געזאנגענ פונ פונקט אזא מינ בלינדנ קאָבזאר, ווי ער, וואָלט ער אפ שטיקלעכ צעבראָכנ זײַנ קוישעלע, וואָס הייסט לירע, אונ וואָלט אָנגעקומענ פאר א זאקטרעגער צומ אָרעמסטנ לירניק אונדזערנ אונ וואָלט עפנטלעכ אָנגערופנ זיכ אליינ אלטער נאר. אָבער צומ באדויערנ! איצטער מוז איכ זיכ אזוי אָנרופנ, ערשטנס, דערפאר, וואָס כ'האָב געוואָלט נאָכמאכנ, אונ, צווייטנס, דערפאר, וואָס איכ האָב ניט געוווּסט, ווענ נאָכצומאכנ. וווּ איז די סיבע פונ אזא זעלבסט־אומבאוווּסטזיניקײַט? קלאָר וווּ — אינ שול. אינ שול לערנט מענ אונדז אלצ, אלצ, אכוצ פארשטיינ דאָס אייגענע ליבע וואָרט. אָ, די שול, די שול! ווי שולט מענ דיכ גיכער איבער! איכ ווייס, ווי מע טוט עס, אָבער איכ ווייס נישט, וויאזוי טוט מענ עס אָפּ, אז די קוזינע מײַנע זאָל נישט דערשמעקנ וועגנ מײַנ כיטרענ פּראָיעקט, זי וועט מיכ דאנ פארשעלטנ, ווײַל לויטנ געדאנק פונ אָט דעמ כיטרענ פּראָיעקט דארפ מענ זי די ערשטע אלס מוטער אוועקפירנ אינ שול, דערצו נאָכ אינ א גוטער שול. אונ נאָכ איר די איבעריקע מוטערס, וואָס זײַנענ ענלעכ אפ איר, אונ וועגנ די פּאָטערס איז אוואדע ניטאָ וואָס צו ריידנ. דעריקער, וועגנ מײַנ קאָרעוו. איז עס דענ ניט קיינ טיפזיניקער פּראָיעקט?

דו ניט דאנקבארער, — וועט אַן אופגעבראַכטער זאָגן דער אָרנטלעכער לייענער. אויב דו האָסט שוין צעטראָטן די הייליקע צוימען פון קרויוועשאפט און פרײַנטשאפט, איז דערמאָן זיך וועגן נעכטיקן מיטיק; דערמאָן זיך, ווען דו דאַרפסט באַדאַנקען פאַר גאַסטפרײַנטלעכקײַט; דערמאָן זיך, קעגן ווען דו זוכסט מיטלען, אַפ ווען הייבסטו אויף די האַנט. — נישט גוט, איך זע אַליין, אַז ס'טו נישט גוט, כאָטש מײַן פּראָיעקט וואָלט מען גע־קענט אויספּילן, אָבער ער איז צו שטרענג, אומענטשלעך! אָבער צום באַדויערן, ער איז דער איין־און־איינציקער און איז אומבאַ־דינגט נייטיק.

נאָכן שפּאַציר איבער דער דרײַאַרשיניקער האַלעווע, — מע קאָן נישט זאָגן, אַז דער שפּאַציר איז געווען אַן אָנגענעמער, אָבער מע קען זיכער זאָגן, אַז ער איז געווען אַן אָריגינעלער, — האָט מיר דער באַלעבאָס פאָרגעלייגט זיך דורכגיין איבער די שטאַלן און שײַערן, וואָס ער האָט ניט לאַנג אויסגעבויט לויטן אויסלענדישן מוסטער, וואָס איז געווען אָפּגעדרוקט אין עפּעס אַ זשורנאַל. ניט געקוקט אַפ אַזאַ שיינער רעקאָמענדאַציע, האָב איך זיך אָפּגעזאָגט פון באַטראַכטן די מאָנומענטאַלע געבײַדעס. ניט זעענדיק אָט די געבײַדעס, האָב איך געהאַט וועגן זיי אַ קלאָרע פאָרשטעלונג, — דאָס זײַנען געוויס היגטישע קאָנורעס און ניט קיין שטאַלן און שײַערן. ברודערל, וואָס פאַר אַ מוסטער ס'זאָל ניט זײַן, וועסטו אים איבערמאַכן אַפ דײַן מוסטער. מײַן נעבעכ־דיקער קאָרעוו איז אינגאַנצן אויסגעגלײַכט און אויסגעפּרעסט. מיינט נישט, אַז די וועלטלעכע בילדונג האָט דאָ געווירקט. ס'הייבט זיך ניט אָן: די אַלמעכטיקע נאַטור אַליין האָט אים גע־מאַכט פאַר אַזאַ טיפּעש. קיין איין שטריך, קיין סימען פון קיין ניט־גלאַטקײַט, קיין איין פלעקעלע — מיט איין וואָרט קיין איין זאַך, פאַר וואָס מע זאָל זיך קענען אָנכאַפּן און דערגיין צו, זאָל

זײַנ, א נעבעכדיקער זעלבשטענדיקײַט פונ כאראקטער. אָנהייבנ־דיק פונ די לאקירטע שטיוול ביז דעמ שמאָלנ פלאטשיקנ שטערנ— איז אלצ גלאט. מע וואָלט געקאָנט זאָגנ, אז ער איז א גאָרנישט, ווענ ער איז ניט קײנ גוטבאזיצער, ווענ ער פארמאָגט נישט עטלעכע הונדערט נעפאשעס פראוואָסלאוונע קנעכט, אונ ווענ ער וואָלט ניט געווענ קײנ גוטבאזיצער אונ וואָלט געבויט זײַנע שטאלנ אונ שײַערנ, ווי מע בויט זיי געוויינלעכ, פאָשעטע, פראָסטע, אונ גערוימע, נאָר ער טוט עס פונקט פארקערט: אויסטערלישע אונ קלייניטשקע אונ נאָר אפ איינ יאָר, דעריקער קלייניטשקע. אָנהייבנדיק פונ פארק אונ וואלד־וועג, איבער וועלכנ מע קאָנ גיינ נאָר איינציקוויַיז, אונ ענדיקנדיק מיטנ שטוב־מעבל אונ פאלשנ ציפערבלאט, וואָס איז אָנגעמאָלט אינ דרײַעק פונ פראָנטאָנ,— איז אלצ בא אימ געמיינ אונ קלייננלעכ, נישט פעסט אונ אויסער־געוויינלעכ מיִעס. אָט דאָס איז דער איינציקער שטריכ אינ דעמ דאָזיקנ מענטשנ, אפ וועלכנ ס'קענ זיכ אָפשטעלנ דאָס אויג אפילע פונ א ניט־אופמערקזאמענ מענטשנ. מיר האָבנ געזאָגט איינער דעמ צווייטנ „צומ ווידערזענ” אונ האָבנ זיכ צעשיידט; ער איז אוועק אינ זײַנע קאמערס אונ איכ אינ מײַנער.

ארײַנגייענדיק אינ צימער, ד. ה. אינ קעמערל, האָב איכ אופגעוועקט טראָכימענ אונ אימ אוועקגעשיקט אינ דאָרפ זוכנ א ווינונג פאר זיכ, אונ אליינ, ווי כ'בינ געווענ אינ די שטיוול אונ אינ רעגנמאנטל, האָב איכ זיכ אוועקגעלייגט אפנ בעט אונ, ווי ס'טרעפט זיכ נאָכ א פריִענ שפאציר, בינ איכ אנשלאָפנ גע־וואָרנ. א דאנק די העפלעכע באלעבאטימ, זיי האָבנ מיכ ניט אופגעוועקט צו טיי. איכ וואָלט אזוי אָפגעשלאָפנ ביזנ אָוונט, ווענ טראָכימ, וואָס האָט זיכ אומגעקערט האלבטאָג־צו פונ דאָרפ, וואָלט מיכ ניט אופגעוועקט. ער האָט געזאָגט, אז איכ בינ ענ־לעכ אפ א שיקערנ טשומאק. די ענלעכקײַט איז ווירקלעכ געווענ

א קליינע, אָבער איך האָב אַפּ זײַן שטעכיקער באַמערקונג ניט געלייגט קיין אכט און האָב זיך ארופגעוואָרפן אַפּ אים, פארוואָס האָט ער זיך אזוי לאנג ארומגעשלעפּט.

— זיך ארומגעשלעפּט, — האָט ער א זאָג געטאָן צווישן די ציין, — צו קיין איין צימערל קען מען נישט צוקומען, און אין דאָרפּ איז ווו א כאטע, דאָרט אַן אויסגעפּוצטער צימער.

— וואָס־זשע הייסט עס? האָב איך פארוואונדערט געפרעגט, כ'האָב דאָס וואָרט „מע קען נישט צוקומען" פארשטאנען, אז ס'איז טײַער.

— דאָס הייסט, אז די סאָלדאטן זײַנען ערשט נעכטן ארויס־געטראָטן אין מארש, און די באבעס האָבן זיך הײַנט גענומען שמירן די כאטעס. אין דאָרפּ איז פּאָשעט אַן איבערקערעניש. און ווו האָבן זיי גענומען אזויפיל ווײַסע ליים? א בייזע באבע האָט מיך שיר ניט אויסגעשמירט מיט ווײַסער ליים, — האָט ער צוגעגעבן, באטראכטנדיק זײַן אָנטון.

— איז וואָס־זשע זאָלן מיר איצט טאָן אָן א צימערל? — האָב איך געפרעגט באַ טראַכימען.

— איך האָב שוין אַלץ אײַנגעאָרדנט! — האָט ער געענטפערט.

— וואָס־זשע האָסטו געטאָן?

— אָט וואָס כ'האָב געטאָן. דער פּאָפּאָוויטש איז געקומען פון דער בורסע אַפּ יאָנטעוו, האָט מען אים געגעבן א וווינונג אין סאָד, אין יענער שטײַג, ווו די מאטושקע פּרעגלט זומער אײַנגעמאכטס און גרייט פארשיידענע געטראנקען. איז אָט זיי, ד. ה. די מאטושקע מיטן באטיושקע און דער פּאָפּאָוויטש אליין בעטן מיך, איך זאָל קומען נעכטיקן צו דעם פּאָפּאָוויטש, ער זאָל נישט מוירע האָבן. איז איר נעכטיקט איצט אליין אינדערהיים, און איך וועל גיין צום פּאָפּאָוויטש. ער האָט מיט זיך מיטגעבראכט אסאך העפטן און איינע א גרויסע, אינגאנצן פארשריבן מיט

פֿאַרשיידענע לידער, וועלן מיר זיי אינאַוונט לייענען, קעדיי פֿאַר־טרייַבן דעם שרעק.

— דער גוירל אליין שטעלט זיך איַין פֿאַר דיר, טראַכים! נו, מיט גאָטס הילף!

איך האָב נאָך עפּעס געוואָלט זאָגן, נאָר אין צימער איז אריַין דאָס שמוציקע קאָזאקל און האָט געזאָגט, אז דער באַרין און די באַריניע ווארטן אף מיר מיטן מיטיק. איך האָב זיך דער־מאָנט אין נעכטיקן מיטיק און האָב זיך פֿארקלערט. ניט גיין — איז ניט גוט: מע וועט מיינען, אז איך בין בארויגעז פֿאַר די נעכטיקע עפּאָלעטן; און יאָ גיין — איז אויך נישט גוט: וועסט זיך איבערעסן, ווי נעכטן. נאָכדעם ווי כ׳האָב א קלער געטאָן, האָב איך באשלאָסן איַינגיין אף דער צווייטער צאָרע.

ס׳איז געווען פריַיטיק, און כאָטש דער מיטיק איז געווען ניט קיין שטארק באשיידענער, אָבער אינגאנצן א פיסנער, ד. ה. אָן פֿיש; דאָס האָט מיך געראטעוועט פֿון איבערעסן זיך. דאָך האָב איך א שאָ צוויי נאָכן מיטיק א כראָפּע געטאָן און אז כ׳האָב זיך אויסגעפּאָפּט, בין איך ארויס אין הויף. אָבער כוץ אין פּארק איז ניט געווען וווהין צו גיין. בין איך אוועק אין פּארק. די שמאָלע אלייע האָט מיר איצטער אויסגעזען גערוימער, און איך האָב גענומען זי מעסטן. ווידער האָבן מיך באזוכט די אינדער־פריִענדיקע געדאנקען, און זיי זיַינען שוין געווען מער ראָזעווע און האָבן שוין קיין שייַכעס ניט געהאט צו מיַינע קרויווים און ביכלאל קיין שום שייַכעס צום הייַנטציַיטיקן מענטשן. זיי האָבן געשוועבט אין דעם פארגאנגענעם ברויזיקן לעבן, אין די אומע־טיק־זיסע לידער פֿון מיַינע פּארקלערטע לאנדסלייַט. ס׳איז מיר געווען פריילעך, אָנגענעם; מיך האָבן זיס גערעגט אָט די האר־ציקע אומעטיקע געדאנקען. איך בין געווען פּארקישעפּט דורך זיי, איך בין געווען געשטימט אף זייער אומעטיקן טאָן. און

נישט געקוקט דערויפ, וואָס דער אָוונט האָט זיכ דערנעענטערט, איינער פונ די שענסטע פרילינג־אָוונטנ, בינ איכ אַרײַנ אינ צימער, ארויסבאקומענ ריינ פאפיר, א פענ, טינט אונ אָנגעשריבנ אנ עפּיגראפ צום ערשטנ טייל פונ מײַנ צוקונפטיקער פּאָעמע:

„אפנ יאמ דעם בלויענ, אפנ שטיינ דעם ווײַסנ" א. אז. וו.

דערנאָכ האָב איכ געקראָגנ פײַער, אָנגעצונדנ די ליכט, זיכ אוועקגעלייגט אפנ בעט אונ — א מאָדנע זאכ — מײַנע געדאנקענ זײַנענ פלוצעמ פונ דער פּאָעמע אריבער צו מײַנ פערזענלעכער פארגאנגענהײַט. מיר האָט זיכ פאָרגעשטעלט דער צימער אפ דער 9־טער ליניע אינ הויז פונ בעקער דאָנערבערג, — דער צימער מיט אלע זײַנע פּראָטימ, איכ זאָג נישט מיטנ מעבל, ווײַל דאָס וואָלט געווענ נישט ריכטיק. לענגויס דער פאָרנטיקער וואנט איבער דעמ ארבעט־טישל הענגענ צוויי פּאָליצעס. די אייבערשטע איז פארשטעלט מיט סטאטועטקעס אונ פערדלעכ פונ בארויג קלאָדט, אונ די הינטערשטע איז פארוואלגערט מיט ביכער אָנ א סיידער. די וואנט, וואָס איז קעגניבער דעמ אײַנציקנ האלב־פארמאכטנ פענצטער, איז באהאנגענ מיט אלעבאסטער־אָפּשטעמפּלונגענ פונ פיסלעכ אונ הענטלעכ, אונ צווישנ זיי שײַנט די מאסקע פונ לאאָקאָאָנענ אונ פונ דער באוווסטער נאטורשטשיצע פּאָרטונאטא. אנ אומפארשטענדלעכע באַפּוצונג פאר ניט קיינ קינסטלער! ענדלעכ, האָב איכ זיכ פאָרגעשטעלט דעמ טאָג, ווענ מיר האָבנ מיטנ פארשטאָרבענעמ שטערנבערגנ פאר דעמ לעצטנ געלט געקויפט זיכ א פּאָשעטנ ארבעט־לאָמפּ, געבראכט אימ אינ אונדזער קעמערל אונ אינמיטנ טאָג אימ אָנגעצונדנ, אוועקגעשטעלט אפנ טיש אונ, ווי קליינע קינדער, זיכ געפרייט איבער אונדזער דערווערבונג. נאָכ דער ערשטער אנטציקונג האָט שטערנבערג גענומענ א ביכל אונ זיכ אוועקגעזעצט בא א זײַט פונ לאָמפּ, אונ איכ האָב גענומענ עפּעס אנ ארבעט אונ זיכ אוועקגעזעצט פונ דער צווייטער

זייַט לֿאָמפּ, און אזוי זייַנען מיר באַטאָג אָפּגעזעסן בא דער שייַן פֿון לֿאָמפּ ביז פֿינף אזייגער אינאָוונט. פֿינף אזייגער זייַנען מיר אוועק אינ אקאדעמיע און דעם גאנצן נאטור־קלֿאס צעפֿויקט וועגן אונדזער טייַערער דערוועריבונג. אייניקע פֿון די כאוויירים האָבן מיר אייַנגעלֿאדן א קוק טאָן אפ אונדזער וווּנדער און אדאנק דעם פֿאל געמאכט א שטיקל הולקע, ד. ה, געטרונקען טיי מיט סעכערעס. מיר זייַנען דאן געווען אָרעמע, אָבער אומ־שולֿדיקע קינדער. גאָט מייַנעד, גאָט מייַנער! וווהינ זייַנען אוועק אָט די לֿיכטיקע, גאָלֿדענע טעג? וווהינ איז אהינגעקומען די וווּנדערבארע מישפּאָכע פֿון דער אומשולֿדיקער באַגייַסטערטער יונגוואַרג?

שוינ פֿיל ניטאָ — און יענע ווייַט שוינ,
ווי סאדי האָט אמאָל געזאָגט.

איך האָב זיך אזוי אופריכטיק און ערנסט איבערגעגעבן מייַנ וווּנדערבארער פֿארגאנגענהייַט, אז עטלֿעכע מאָל האָב איך אָנגע־הויבן וויינען, ווי א קינד, בא וועלֿכן מ'האָט צוגענומען א שיינ שפּילֿעכל; און די דאָזיקע מילדע טרערן האָבן מיך באַנייַט, האָבן מיך אופגעלֿעבט. איך האָב מיטאמאָל דערפֿילט אָט די פֿרישע לֿעבעדיקע קראפֿט פֿון גייַסט, וואָס זי נאָר איז פֿייִק צו שאפֿן וווּנדער אינ מייַנ פֿאנטאזיע. פֿאר מיר האָט זיך געעפֿנט א וווּנ־דערבארע, שיינע וועלֿט פֿון צויבערפֿולֿע, גראציִעזע זעונגען. איך האָב געזען און געשפּירט אָט די הימלֿענ־געשטאלֿטן, איך האָב געהערט אָט די הימלֿישע הארמאָניע, מיט איינ וואָרט, איך בינ געווען אונטער דער מאכט פֿון דעם אופגעלֿעבטן גייַסט פֿון דער הייליקער פּאָעזיע.

דאָס שמוציקע קאָזאקל איז געקומען מיך רופֿן טיי טרינקען, אָבער איך האָב געזאָגט, אז איך בינ נישט געזונט, און בינ נישט געגאנגען.

איך האָב זיך אביסל באַרויִקט, געבראַכט אין אָרדענונג מײַנע צערודערטע געדאַנקען, דערנאָך אָפּגעזאָגט א טפילה און זיך גענומען פאר דער אַרבעט.

VIII

דער לעצטער טאָג פון דער מאַרטירער־וואָך, די גאַנצע הייליקע וואָך און די העלפט וואָך פון הייליקן פּאָמאַ זײַנען אומבאמערקט דורך פאר מיר. איך געדענק נאָר, אז ס׳פלעג קומען טראָכים, פלעג ברענגען מיטיק און פרישע וואסער, דאָס אַלץ פאָרזיכטיק אוועקשטעלן אַפן טיש און שווײַגנדיק ארויס פון צימער. מיטוואָך פון פּאָמאַ־וואָך פארטאָג האָב איך אָנגעשריבן די לעצטע ליד, אוועקגעשטעלט א פונקט, אוועקגעלייגט די פען, א זיפץ געטאָן, זיך איבערגעציילעמט און געזאָגט: „נו, אדאנק דיר, גאָט!״ נאָך אָט דעם אַלעמען האָב איך געפּרוּווט אײַנשלאָפן, אָבער דער דאָזיקער פּרוּוו האָט זיך מיר ניט אײַנגעגעבן, און אומזיסט האָב איך אויסגעלאָשן די ליכט. וואַרטן, ביז ס׳וועט אָנהייבן טאָגן, אין א האָריזאָנטאַלער לאגע און אינדערפינצטער האָט מיר אויסגעזען אומעטיק, און איך האָב זיך אָנגעטאָן, ווי כ׳האָב געקענט, און בין ארויס אַפן הויף. אַפן הויף איז אויך געווען פינצטער און שטיל, ווי אין מײַן קעמערל. די פרישע, ריינע לופט און דער פארשיקערנדיקער רייעך פון דער בליִענדיקער ערד האָט מיך אופגעלעבט, ווי א פרישער טרונק וואסער לעבט אוף א מידן וואנדערער אין מידבער. אונטער די פיס איז שוין געווען טרוקן. איך האָב א פרוּוו געטאָן מאכן עטלעכע טריט פאָרויס — אויכעט טרוקן. איך בין אָפּגעגאַן אביסל ווײַטער, און פון הינטער עפּעס א קאמער אָדער א שײַער האָב איך פון ווײַטן דערזען די באַלויכטענע פענצטער פון קלויסטער. א מאָרגן־געבעט. ווײַזט אויס, אז הײַנט איז יאָנטעוו. איך האָב געוואָלט

אַרײַנגײנ אינ קלויסטער, אָבער כ'האָב מוירע געהאַט, אַז אָנשטאָט
דעמ קלויסטער װעל איכ אַרײַנפאַלנ אינ אַ קאַליוזשע, װאָס איז
גאַנצ מעגלעכ באַ איצטיקער צײַט. אײנגיכנ האָבנ די פײגל אײנ־
דערלופטנ אָנגעהױבנ צװיטשערנ, אונ ס'האָט אָנגעהױבנ טאָגנ.
טאַפּנדיק דעמ װעג, האָב איכ זיכ געלאָזט צומ קלויסטער, אָבער
כ'האָב זיכ אָנגעשטויסנ אַפּ אַ פּאַרקנ, װאָס האָט אַרומגערינגלט
דאָס פּריצישע הויז. מע האָט באַדאַרפט בײַטנ די ריכטונג אונ
זוכנ פריִער אַנ אַרויסגאַנג. ס'האָט שנעל געטאָגט, אונ איכ האָב
אָנ אַ שומ שװעריקײַט געפונענ דעמ טויער אונ בינ אַרויס אַפּ
דער לאָנקע. מיט דער לאָנקע בינ איכ אַװעק צו דעמ קוימ
באַלויכטענעמ קלויסטער. די זונ איז אַרײַנגעטראָטנ אינ אירע
רעכט, אונ די שײַנ פונ פײַער איז בלאַס געװאָרנ אינ די קײַ־
לעכיקע ראַמענ פונ דעמ טונקעלנ אַלטמאָדישנ קלויסטער. דער
מאָרגנ־געבעט האָט זיכ געענדיקט, אונ דער אוילעמ איז שוינ
אַרויס אַפּ די טרעפּ, װענ איכ בינ צוגעגאַנ צומ קלויסטער־פּאַרקנ.
טראָכימ האָט מיכ דערזענ, זיכ דורכגעשטופּט דורכנ אוילעמ אונ
מיט אַ פרײלעכ פּאָנעמ זיכ אַ װאָרפּ געטאָנ מיר אַפּנ האַלדז;
איכ האָב אינ זײַנע אויגנ אויסגעזענ, װי כ'װאָלט אופגעשטאַנענ
פונ קײװער. מיר האָבנ זיכ ברידערלעכ אַרומגענומענ, זיכ צע־
כריסטאָסעװעט אונ אָפּגעגאַנ אינ אַ זײַט, קעדײ נישט באַמיִענ
די פּױערלעכ מיט אַראָפּנעמענ די היטלענ. נאָכ דעמ האַמױנ איז
פונעמ קלויסטער אַרויס אויכ דער גאַלעכ, אַ מענטש פונ מיטע־
לע יאָרנ, מיט עטװאָס גראָװע האָר אינ דער געקרײַזלטער באָרד
אונ מיט אַ צאָפּ, װאָס איז געװענ צעשאָטנ אַפּ די אַקסלענ. זײַנ
אויסזענ איז מיר געפעלנ. כ'האָב אַראָפּגענומענ די היטל אונ
בינ צוגעגאַנ צומ גאַלעכ, אונ נאָכ אַ דרײַענדיקער בראָכע האָב
איכ זיכ מיט אימ צעכריסטאָסעװעט. איכ האָב זיכ פאַרגעשטעלט.
ער האָט מיר געענטפערט מיט דעמ זעלבנ, זאָגנדיק: „פּאָטער

סאווא נעסטעראָווסקי״ — און האָט טאַקע דאָ פאַרבעטן מיך מיט טראָכים סידאָראָוויטשן אפֿ א גלעזל טיי נאָך דער באַטאָגעדיקער גאָטדינסט. איך האָב אים געגעבן דאָס וואָרט, און מיר האָבן זיך צעשיידט.

העי, העי, — האָב איך א טראַכט געטאָן, — מײַן טראָכים, הייסט עס, האַלט זיך גוט, מאָלאָדיעץ! דאָס איז מיר געפֿעלן.

דער פֿרימאָרגן איז געווען איינער פֿון די שענסטע, און מיר האָט זיך ניט געגלוסט אומקערן זיך אין מײַן טונקעלער וווינונג. איך האָב פֿאָרגעלייגט טראָכימען, ער זאָל זיך מיט מיר דורכ־שפּאַצירן איבער די גאַסן פֿון דאָרף. כ׳האָב עס אים פֿאָרגעלייגט ווי א מענטשן, וואָס איז שוין באַקאַנט מיט דער געגנט און קען זײַן מײַן גוטער טשיטשעראָנע — און אין פֿאַל, ווען ס׳וועלן אונדז באַפֿאַלן די הינט, וועט ער מיך באַשיצן. דאָס צווייטע איז פֿאַר מיר געווען וויכטיקער ווי דאָס ערשטע. דורכגעגאַן א צוויי צענדליק טריט, האָב איך זיך אָפּגעשטעלט און צופֿעליק א קוק געטאָן אפֿן קלויסטער. דער קלויסטער איז געווען א געוויינלעכער. איר קענט אַזעלכע טרעפֿן אין יעדער דאָרף אין אוקראַינע: א הילצערנער, א פֿינצטערער, מיט דרײַ אַכטקאַנטי־קע קאָנישע קופּאָלן, מיט שוואַרצגעוואָרענע האַפּטאַרטיקע אײַזער־נע צלאָמים. א געוויינלעכער קלויסטער, נאָר איצטער האָט ער אויסגעזען אויסערגעוויינלעך גראַציעז. די זון־שטראַלן האָבן מיט א ראָזן פֿײַער געציטערט אפֿ זײַנע קײַלעכיקע ראַמען און אפֿ די אַכטקאַנטיקע קופּאָלן, וואָס זײַנען באַדעקט געווען מיט בלעך. די צעצווײַגטע אַלטע ווערבעס און די שלאַנקע הויכע טאָפּאָלן האָבן אים אַרומגערינגלט און אפֿ האַלב צוגעדעקט, בוילעט און ווייך זיך געשפּילט מיט דער ראָזעווער זון־שײַן. א וויניעטקע, וואָס מע קען זעלטן געפֿינען אין א קיפּסעק.

איך האָב ביז זאַט זיך אָנגעקוקט אין דער שיינער וויניעט־

קע, און מיר האָבן זיך געלאָזט ווײַטער. א דאַרף ניטאָ וואָס צו זאָגן! גרויסע כאַטעס, ניט קיין אײַנגעבויגענע, ווי שיקערע באַבעס אפֿן מארק, ריינע, ווײַסע, אָפּט מיט שיינע צימערלעך און קימאט אלע זײַנען זיי ארומגערינגלט מיט טונקעלע פּרוכטן־סעדער, מיט קלוניעס און מיט סטויגן פֿארשיידן ברויט. און פֿרישע געזונטע מיידלעך אין נײַע ווײַסע סוויטקעס, אין רויטע און אין געלע שטיוול אַפּ ווערשקאָווע פּאָדקאָוועס טרײַבן ארויס די כודאָבע פֿון די הויפֿן אַפּ פּאַשע. אומעטום איז אזוי ריין און ציכטיק, אז האלעוויי אין די קאזיאָנע גיטער זאָל אזוי זײַן. באַקומט זיך, הייסט עס, אז מײַן קאָרעוו, כאָטש ער איז נישט קיין ביכערפרעסער, נאָר א מענטש, הייסט עס, און א באַלעבאָס גאָר נישט קיין שלעכטער. לאנג לעבן זאָלסטו, לוקיאַן אלעקסייעוויטש! איצטער פֿארשטיי און קלײַב פֿאנאנדער אָט דעם אומפֿארשטענדלעכן היַעראָגליף, אָט די הונ אָן פּעדערן, וואָס טראָגט דעם נאָמען מענטש. ער טראכט, דאכט זיך, ווי געמיטלעכער, ד. ה. ענגער און שמעלער אויסבויען א שטאל אָדער א טויבנשלאַק, מער גאָרנישט. ניין, ניט אזוי. ער שפּילט זיך מיט שפּילעכלעך און טוט זיך שטילערהייט זײַן מענטשלעכע זאך. און דער צווייטער איז, דאכט זיך, פּונקט אזא מענטש, נאָר נישט אזעלכער. זײַן גאנצע געזעלשאפֿטלעכקײַט גייט ניט ווײַטער פֿון פּרוטיקל, פֿון די שפּאָרן און טויבן־שלאַק. ער שרײַט, ער לייגט אײַן וועלטן פֿאר די נײַע אידייען, פֿאר דער ציוויליזאציע, פֿאר דער מענטשהײַט, און אליין...

די פֿויערלעך ער פֿרעסט און דריקט
איניינעם מיט די בורעקעס.

פֿארשטיי־זשע איצטער און קלײַב זיך פֿאנאנדער אין אָט דעם אומפֿארשטענדלעכן היַעראָגליף, דעם דאָזיקן כיטרע־באַשאַפֿענעם מענטשן!

מײַנ פּראָיעקט װעגנ איבּערדערצײַענ די גוטדערצױגענע עלטערנ איז װירקלעכ א גלענצנדער פּראָיעקט, נאָר װענ מיר זאָל אױסקומענ אימ דורכפירנ אינ לעבּנ, װאָלט איכ אָנ װאַקלונגענ מײַנ קאָרעװ אױסגעשלאָסנ פונ דער דאָזיקער אלגעמײנער קאטעגאָריע. די קוזינע — דאָס איז אנ אנדער זאכ, זי װאָלט מענ אױכ געקענט אױסשליסנ, נעמענדיק אינ אכט גאָר עפּעס אנדערש, װי, לעמאָשל, ס'זאָגט דאָס שפּריכװאָרט: א הױקערדיקנ װעט דער קײװער אױסגלײַכנ.

א קרומע, ניט ריכטיק געבּױטע גאס, ארומגעגרױזעט מיט פּלױטנ אונ מיט א פּלעקער־צױמ, האָט אונדז ארױסגעפירט אפ א הרעבּליע, װאָס איז אױכ געװענ קרומ, ניט ריכטיק, אָבּער פעסט געמאכט. צװײ גרױסע מילנ, בּאדעקט מיט שטרױ אונ בּאפוצט מיט שטארק גרױסע נעסטנ פונ בּושעלנ, װאָס האָבּנ זיכ אומגעקערט נאָכנ װינטער אונ מיט פלײַס זיכ גענומענ בּאנײַענ די צײַטװײַליק פארלאָזטע װױנונגענ. די װאסער האָט זיכ געגאָסנ פונ די אָפענע שליוזנ אונ גערױשט, אָבּער פונ אָרט ניט גערירט די שטארק גרױסע מילשטײנער. מײַנע רעליגיעזע לאנדס־לײַט דערלױבּנ נישט ארבּעטנ אינ יאָנטעװ ניט נאָר זײערע אָקסנ אונ פערד, נאָר אױכ דער װאסער זײערער. פונ הינטער דעמ בּרײטנ טײַכ אפ א געל־בּלאסנ בּערגל, װאָס איז בּאדעקט מיט יונגע בּערעזעס אונ ניסנבּײמער, קוקנ ארױס עטלעכע װײַסע כאטעס מיט אױסגעמאָלטע לאָדנס אונ מיט נעסטנ פונ בּושעלנ בּאמ ראנד פונ די דעכער. די כאטעס, װי אױסגעפוצטע דאָרפישע שײנהײַטנ, אינ רײנע װײַסע סװיטקעס, זײַנענ צו צומ שפּיגל פונ טײַכ, קערדיי זיכ אָנשפּיגלענ מיט זײער שײנקײַט. אונ דעמ דאָזיקנ פרימיטיװנ פײזאזש האָבּנ בּאגלײט די קלאנגענ פונ סטײַעס שרײַענדיקע גענדז אונ קאטשקעס, װאָס זײַנענ געשװומענ איבּער דער װאסער. קעדײ האנאָע האָבּנ פונ דעמ שײנעמ בּילד, האָבּ איכ

זיך אוועקגעזעצט אפֿן אינוואלידישן מילשטיין, וואָס איז געלעגן אפֿן ברעג טײַך, און דער וויסנגיריקער טראָכים האָט מיר אױ־בערגעגעבן אלע זײַנע טאָפּאָגראפֿישע יעדיִעס פֿון דער געגנט, וואָס האָט זיך פֿאנאנדערגעשפּרייט פֿאר אונדז. ער האָט געמאָלדן, אז דאָס איז נישט סטאם אזוי א טײַך, נאָר א טײַך, וואָס טראָגט דעם נאָמען פֿוילער טיקיטש, און אז דאָס דאָרף הייסט נישט פֿאָ־שעט בודישטשע, נאָר די פֿוילע בודישטשע, און די געוויינלעכע בודישטשע געפֿינט זיך הינטער די שעסטערינצעס. טראָכים האָט געזאָגט א ליגן: די געוויינלעכע בודישטשע געפֿינט זיך הינטער דעם דאָרף מײַדאנאָווקע, און ניט הינטער די שעסטערינצעס. די דאָזיקע געגנט האָט זיך מיר גוט אײַנגעשניטן אין זיקאָרן. איך האָב זי נאָך אויסגעשטודירט דאן, ווען כ'בין געגאנגען זוכן א לע־רער — א מאָלער און האָב אים געפֿונען אין דער פּערזאָן פֿון דעם פֿאָטער דיאקאָן יעפֿרעם, בא וועלכן, ווי ס'איז באוווּסט די לייענער, איך האָב נישט אויסגעהאלטן דעם ערשטן אויספּרווו.

מע האָט אָנגעהויבן קלינגען צום באטאָגעדיקן געבעט, און מיר זײַנען אוועק אהיים. מיר האָבן זיך אָפּגיך אָפּגעגאָלט און איבערגעטאָן און אוועק אין קלויסטער. נאָך דעם באטאָגעדיקן געבעט זײַנען מיר ארײַן צום פֿאָטער סאווא אפֿ אן „אָטשע נאש” אָדער, ריכטיקער געזאָגט, אפֿ א גלעזל טיי.

אויסערלעך האָט זיך דעם פֿאָטער סאוועס הויז מיט גאָרנישט אויסגעטיילט פֿון א גרויסער פּויערשער שטוב, אכוץ עפּשער מיט די צוויי קוימענס: איינער א ווײַסער און דער צווייטער א פֿארויכערטער, און אויך מיטן קליינעם פּידאשעק לעבן דער טיר, וואָס האָט זיך געהאלטן אפֿ צוויי געטאָקטע סטויפּעס. און אינע־ווייניק אין שטוב, ד. ה. די צימערן האָבן זיך ניט מיט אסאך אויסגעטיילט פֿון א שטוב בא א פֿארמעגלעכן פּויער, אכוץ עפּ־שער מיט דער לינדענער רײַנער פּאָדלאָגע, וועלכע איז באשאָטן

געוועג מיט זאמד, וואָס איז געוועג ווײַס, ווי דער קיִעווער צוקער; אזא מײַנ ברייטקײַט איז מיר ניט אויסגעקומענ צו זענ ניט נאָר בא א רײַכנ פויער, נאָר אפילע בא א האלבנ פּאָרעצ. א דעמבענער אויסגעשניצטער באליק מיט אנ אופשריפט, ווענ אונ וואָס פאר א יאָר איז אויסגעבויט דאָס הויז, אונ פונקט אזעלכע אויסגעשניצטע בײַשטידלעכ בא די טירנ אונ פענצטער. אינ פערדערשטנ ווינקל — א איקאָנע פונ דער פּאָטשײַעווער גאָטסמוטער, אונ אָנשטאָט א לאמפּאדע האָט געברענט א ליכט פונ פּאָשעטנ געלנ וואקס. דער טיש האָט געהאט א געוויינלעכע גרייס אונ פּאָרמ; ער איז געוועג באדעקט מיט א פּאָשעטנ קילימ (טעפּיכ) אונ פונ אויבנ מיט א טישטעכ, ווײַס ווי שניי. אָנשטאָט בענקלעכ זײַנעג לענגויס די ווענט געשטאנענ ברייטע ריינע לינדענע בענק. צווישנ די פענצטער פונ דער זײַטיקער וואנט — א קליינ טישל מיט אויסגעשניצטע פיסלעכ; אפ דעמ טישל — צעעפנטע גוסליעס אונ אפ דעמ אינעווייניקסטנ דעקל זײַנעג אויסגעמאָלט טאנצנדיקע פּאסטושקעס אונ א פּאסטעכל, וואָס שפּילט אפ דער פלייטע. איבער די גוסליעס אינ א שווארצ־געוואָרענער ראמ — דער פּאָרטרעט פונ באָגדאנ כמעלניצקי מיט א העטמאנישנ הערב אפנ פּאָנ, וואָס איז ארומגערינגלט מיט עפּעס אויסיִעס. דער פּאָרטרעט, אָדער ווי די מאטושקע האָט אימ אָנגערופנ, דער זאפּאָראָזשעצ, איז אנ אלטמאָדישער אונ א פּאָשעטער. איבערנ פּאָרטרעט — א לאנגע פּאָליצע מיט גרויסע אונ קליינע ביכער אינ טונקעלע לעדערנע אײַנבונדנ. לינקס פונ דער טיר, אינ ווינקל — א גראָבע אומגעלומפּערטע הרובע פונ אויסגעמאָלטנ קאפּעל, די הרובע איז זייער ענלעכ אפ דער באלעבאָסטע, אפ דער מאטושקע יעוודאָקיִע אינ איר אונטערראָק פונ געהאפטנ שטאָפ אונ אינ א קליידל מיט גאָלדענע פּאָזומענטנ. אפ עטלעכע קאפּעלנ צווישנ די בלומענ אונ פייגל זײַנעג אָנגעמאָלט צווייקעפּיקע אָדלערס. זיי

האָבן מיר דערמאנט אין קאָניסקעס נאַיווער דערציילונג וועגן פונקט אזא מאָלערײַ אפ קאפעל, וואָס אן אָרעמער אוקראַינער האָט באצאָלט דערפאר פריער מיט פּײַניקונג און דערנאָך מיטן לעבן. די בעסטע באפוצונג אין צימער פון פּאָטער סאווא — דאָס איז די אויסערגעוויינלעכע ריינקײַט און די אָנגענעמע פרישקײַט. כ'האָב ניט באוויזן זיך ארומקוקן אין אָט דער, ווי זאָגט מען עס, היים פון שאָלעם און שאלווע, ווי דער טיש איז שוין גע־ווען ארומגעשטעלט מיט פארשיידענע גראפינען מיט פארשיידנ־קאָליריקע פליסיקײַטן, מיט טעלער מיט פארשיידענע פארבײַסעכצן, און צום שלוס איז באם טיש געשטאנען א פרישע ראָזעווע פּאָ־פּאָווגע מיט א טאצ אין די הענט, אפ וועלכער ס'זײַנען גע־שטאנען גלעזלעך טיי. דער פּאָטער סאווא האָט דורכגעלייענט „אָטשע נאש", געבענטשט דאָס עסן און דאָס טרינקען, אָנגעגאָסן עפּעס א געטראנק אין א קעלישעקל, זיך איבערגעציילעמט און אויסגעטרונקען. דאָס צווייטע קעלישעקל האָט ער פאָרגעלייגט מיר. איך האָב זיך אָפּגעזאָגט, האָט ער עס פאָרגעלייגט טראָכי־מען, און מיך האָט ער געבעטן אויסטרינקען א גלעזל טיי. נאָך דער טיי האָט מיר די מאטושקע אליין פאָרגעלייגט עפּעס א באזונדערע נאליווקע אונטער דעם נאָמען „דאָס בלוט פון די זיבן ברידער" און אויך א געבראָטענע קאטשקע מיט עפּל, נאָר איך האָב זיך אָפּגעזאָגט. טראָכים סידאָראָוויטש אָבער איז נישט בײַגעשטאנען קעגן דעם „בלוט פון די זיבן ברידער" און קעגן דער קאטשקע מיט עפּל, און דערמיט האָט ער אָנגעטאָן א גרויסן קאָוועד דער גאסטפרײַנטלעכער מאטושקע יעוודאָקיִע. איך האָב באדאנקט פאר דעם קיבעד דעם באלעבאָס און די באלעבאָסטע און געזאָגט: „צום אָנגענעמען ווידערזען". איך בין ארויס אין הויף אין באגלייטונג פון די באלעבאטים. אין הויף האָבן מיר באגעגנט א מענטשן אָן א לינקער האַנט און מיט א סאָלדאטישן

געאָרגי אין שלייף פון פידזשאַק. די באַלעבאַטים האָבן זיך אָפּגעשטעלט מיט דעם אומבאַקאַנטן, און איך בין אַרויס אויפן גאַס. באַם טויער איז געשטאַנען אַ קליינע ברישקע, געשפּאַנט מיט צוויי פערד, דער אָנטרײַבער — אַ קליין יאַטל. איך האָב ניט געלייגט קיין אַכט אויף אָט דער געוויינלעכער דערשײַנונג און בין אַוועק ווײַטער. אונטערוועגנס האָב איך געפרעגט טראָכימען וועגן זײַן פרײַנט דעם פּאָפּאָוויטש. ער האָט מיר געזאָגט, אַז זײַן געלערנטער פרײַנט, דער פּאָפּאָוויטש, איז נאָך דינסטיק אַוועקגעפאָרן קיין קיִעוו, און האָט גענומען מיט העלע פאַרבן מיר באַשרײַבן זײַן געלערנטן בורסאַק, און צום שלוס האָט ער צוגעגעבן, אַז יענער וועט צו אונדז קומען אין קיִעוו און וועט ברענגען אַ העפטל, וואָס הייסט: „דאָס וואָרט וועגן די הימלישע פייגלען, ווי מע האָט אָנגעהויבן לעבן, ליבן גאָט און שעלטן דעם טײַוול”. ווײַזט אויס, אַ גוט ווערק. איך האָב געבעטן, ער זאָל מיך דערמיט באַקענען, ווען ס'וועט נאָר מעגלעך זײַן. באַם טויער פון פריצישן הויז האָבן מיר זיך צעשיידט מיט טראָכימען: ער האָט זיך אומגעקערט אין דאָרף און איך בין אַוועק מיט אַ וויזיט צו מײַן ליבער קוזינע און צום בעקאָוועדיקן קאָרעוו מײַנעם. איך האָב זיך באַגעגנט מיט זיי אין עסצימער: זיי האָבן געאַרבעט איבער עפּעס אַ באַבקע און אַ קאַלט כאַזערל. אַן אָנשטענדיקער „אַך!” פון מײַן קוזינעס קײַענדיקן מויל און די שטיל אופגעהויבענע האַנט מיטן גאָפל פון מײַן קאָרעוו האָבן באַגריסט מײַן אומגעריכט קומען. נאָכדעם ווי מיר האָבן זיך באַגריסט, האָבן זיי געפונען, אַז איך בין זייער אויסגעמאָגערט געוואָרן און גייצעט זיך פאַריכטן נאָך דער שלאָפקײַט. איך האָב זיך געהאָרכזאַם צוגעזעצט צו זיי און געטאָן לויט זייער קלוגער אייצע, איך האָב זיך גענומען פאַרן כאַזערל מיט דער באַבקע, ווי אַ פרעליודיע פון דעם קומענדיקן מיטיק. כ'האָב

נאָך ניט באַוויזן אַרײַנשטעקן דעם גאָפּל אין דעם אָנגעפּילטן בויך פון מײַן פרײַנט, ווי לעבן גאַנעק האָט אַ טראַסקע געטאָן אַן עקיפּאַזש. די קוזינע האָט אויסגעשריגן: „מוסיע קורנאַטאָווסקי!“, אַוועקגעוואָרפן דאָס מעסער, דעם גאָפּל און איז אַרויסגעלאָפן אין צווייטן צימער. ברייטלעך און פלינק איז דער ראָטמיסטער אַרײַן אין עסצימער, ער האָט פאַרבײַ דעם באַלעבאָס מיר אויסגעשטרעקט די האַנט און אַ זאָג געטאָן:

— איך בין שולדיק! זײַט מויכל! די עפּאָלעטן עקזיסטירן נאָר ביזן נײַעם יאָר.

פון דעם דריטן צימער האָט זיך דערטראָגן „אַך!“, און גלײַך נאָכן „אַך“ אַן אומרויִקע פראַגע פון דער קוזינע:

— און די אַקסעלבאַנטן בלײַבן?

— יאָ, זיי פאַרבלײַבן! — האָט געזאָגט דער ראָטמיסטער און האָט פאַנאַנדערגעשפּרייט זײַנע אָרעמס אַנטקעגן דעם פאַרוווּנדערטן באַלעבאָס.

אין אַ מינוט, אַסאַך אין צוויי מינוט אַרום איז אַרײַן די קוזינע, גלײַך ווי אַווראָרא גווידאָ רעני, אַ פרישע, אַ שמייכלענדיקע, אַ ראָזעווע, ווי אַ בלעטעלע פון סאַנטיפּאָלי, וואָס האָט זיך נאָר וואָס צעלאָזט. אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ אויף דער ברוסט, איז דער ראָטמיסטער פרום צוגעגאַנגען צום הענטל, און נאָך דער דאָזיקער באַגריסונג זײַנען זיי ביידע אַרויס אין גאַסטצימער, און מיר מיטן באַלעבאָס האָבן זיך ווידער גענומען פאַרן געפּילטן פרײַנט. איך האָב זיך געוווּנדערט איבער דער קישעף־ענדערונג פון מײַן קוזינע. ניט לאַנג דערין, האָב איך געטראַכט, האָב איך געזען אָט די פרוי, אַ געוויינלעכע צווישן די געוויינלעכסטע. און איצטער — אַ פייע, אַ נימפע א. אַז. וו. ניט שלעכט האָט געזאָגט דער באַגײַסטערטער קיניג דאָוויד: גאָט מאַכט קלוג די בלינדע. דער זעלבער גאָט גיט סײַכל דער שיינהייט ביזן טויט בלײַבן אויב

ניט קיין שיינהייט, איז כאָטש א קאָקעטקע. די לאַקייען האָבן מיך ניט געלאָזט פאַרענדיקן מיינע געדאַנקען און דעם געפילטן פריינט: זיי האָבן גענומען גרייטן צום טיש, און איך האָב אוועקגעלייגט מיין געווער, און ווילנדיק־ניט־ווילנדיק געמוזט זיך דערווייטערן אין גאַסטצימער. אין גאַסטצימער האָב איך דערזען גאָרנישט דאָס, וואָס כ'האָב געקענט דערוואַרטן. אָנשטאָט פריינטלעך און ליב צו פלאַפלען, איז מיין קוזינע שווייגנדיק געזעסן אַף דער סאָפע גאָרניט אין קיין גראַציעזער פּאָזע, זי האָט געצופּט דאָס באַטיסטענע נאָזטיכעלע און האָט קוים געלייגט אכט אַף די באַגייסטערטע קאָמפּלימענטן פון ראָטמיסטער. — וואָס זאָל עס הייסן? — האָב איך געפרעגט בא זיך אַליין און האָב א קוק געטאָן אַף מיין קאָרעוו. אָבער יענער האָט אפילע מיטן אויג ניט קיין פינטל געטאָן אַף מיין פרעגנדיקן בליק. איך בין געווען אין פאַרלעגנהייט, איך האָב זיך געוואָלט אומקערן, מוירע האָבנדיק זיין אן איבעריקער. אָבער א לאַקיי מיט ביי וולענע הענטשקעס און מיט א סערוועטל, וואָס איז מיט איין עק געווען אַרופגעוואָרפן אַפן גרויסן פינגער פון דער לינקער האַנט, איז מיר פאַרלאָפן דעם וועג. ער האָט געמאָלדן, אַז פאַרבייסן איז דערלאַנגט. די קוזינע האָט שווייגנדיק אויסגעצויגן דעם ראָטמיסטער די האַנט. איך האָב א קוק געטאָן אַף מיין קאָרעוו, ער אַף מיר, און מיר האָבן זיך אויך גענומען פאַר די הענט און מיט פאַסאָן זיך געלאָזט גיין אין עסצימער. באַם מיטיק — די זעלבע געשיכטע. שוין נאָך דעם, ווי מע האָט אָפּגעגעסן דעם קוכן, האָט די קוזינע ווי ניט ווילנדיק געמאָלדן, אַז אַף דער צווייטער וואָך יאָנטעוו איז בא איר מיט א וויזיט געווען די מאַדאַם פרעכטעל, און אַז זי האָט דערזען אירע קוליטשעס און באַבקעס, איז זי מאַמעש גרינג געוואָרן פון צאָרן.

— א פאַרבייסענע פרוי! — האָט א זאָג געטאָן דער ראָט־

מיסטער, און מיר זײַנען אופגעשטאַנען פון טיש. באַלד נאָכן מיטיק האָט זיך דער ראָטמיסטער געזעגנט, אַרײַנגעזעצט אין זײַן בריטש־קע און איז אוועקגעפאָרן. איך האָב זיך אויך גענומען פאַרן היטל מיט אַ גוטן ווילן זיך אָפּטראָגן אין מײַן געצעלט, נאָר די קוזינע האָט מיך אָפּגעשטעלט, זאָגנדיק:

— ווייסט איר צוליב וואָס ס'איז צו אונדז געקומען קורנאַ־טאָווסקי?

— איך וועל וויסן, אַז איך וועל ווערט זײַן, איר זאָלט מיר פאַרטרויען, — האָב איך געזאָגט ניט אָן קיין באַהאַלטענעם מיין.

— ער בעט מיך זײַן זײַן אונטערפירערן, און אים, — זי האָט אָנגעוויזן אַף דעם דרימלענדיקן מאַן, — אַן אונטערפירער. איך האָב זיך ענדגילטיק אָפּגעזאָגט, — האָט זי געזאָגט אַן אופגעבראַכ־טע. — און ווירקלעך, — האָט זי מיט דעם זעלבן טאָן פאָרגע־זעצט, — וואָס בין איך עס אים פאַר אַן אונטערפירערן? אַ מענטש אָן געוויסן! און ס'אַרא פאַרטיע ער מאַכט, ניט מער ניט ווייני־קער ווי זײַן לײַבייגענע! אַ שיינע, אַן אויסגעצייכנטע, אַ גלענצנ־דע פאַרטיע! — האָט זי געשריגן. זי איז שוין געווען אַרויסגע־בראַכט פון די קיילים.

און וואָס גייט עס אונדז אָן? — האָט איר איבערגעשלאָגן די רייד דער אופגעוועקטער מאַן. — אַ לײַבייגענע איז אַ לײַבייגענע, מיר דאַרפן מיט איר קיין קינדער ניט האָדעווען, כאַסענע גע־מאַכט און אַ סאָף! זאָל ער מיט איר האָבן צו טאָן, ווי ער וויל זיך. יאָ! — האָט ער געזאָגט, ווענדנדיק זיך צו מיר. — דעם קו־מענדיקן זונטיק וויל ער שטעלן אַ כופּע בײַ אונדז אין קלויסטער, ער האָט געבעטן, אַז אויך איר זאָלט זײַן אַן איידעס בײַ דער דאָזיקער פּראָצעדור און זיך צעשרײַבן אין קלויסטער־בוך.

— מיט פאַרגעניגן, — האָב איך געזאָגט און בין אוועק אין מײַן קאַיוטע.

IX

וואַרטנדיק אפ זונטיק, אָדער בעסער געזאָגט, אפ דער אומגעהייער ציקאַווער כאַסענע, האָב איך זיך געגומענע פאַר מײַן פּאָעמע, אָבער די זאַך האָט זיך ניט געקלעפּט בא מיר: מע האָט איר באַדאַרפט געבן צײַט זיך אויסליגן, ווי עס דריקן זיך אויס די שרײַבער. אַז איך האָב זיך פאַרפעסטיקט אין מײַן דאָזיקער גוטער מיינונג, האָב איך אין איינעם א שיינעם פרימאָרגן צונויפגענומענע די זײַטלעך פון מײַן ליבן ווערק, זיי איבערגענומערירט, און, ווי די צאַרטסטע מוטער לייגט אַרײַן איר קינד אין וויגל, אַזוי האָב איך אַרײַנגעלייגט אין פּאָרטפעל מײַן פּאָעמע, מײַן קאָסטבאַרן אויצער. דער פרימאָרגן איז ווירקלעך געווען א וווּנדערבאַרער. איך, ווי וואַלטער סקאָט, אָנגעטאָן אפן אַקסל דאָס לעדערנע רענצל מיט די בלײַערס און פּאַפּיר און באַוואָפנט מיט א וואַנדער־שטעקן, האָב איך זיך אַוועקגעלאָזט צום טײַך און צו די מילן. איך בין מיט דער הרעבליע פאַרבײַגעגאַנגען דעם טײַך און די מילן און זיך אָפּגעזונדערט אין יונגן בערעזענעם וואַלד, וואָס אפ יענער זײַט טײַך, אָדער ריכטיקער, באַם פוילן טיקיטש, און אין שאָטן פון דיביימער, וואָס צעלאָזן זיך און זײַנען באַצווייבערט מיט דעם פרישן, דופטיקן פריילינג־אָטעם, האָב איך זיך איבערגעגעבן דער באַאָבאַכטונג פון דער אופלעבנדיקער געטלעכער נאַטור. צוליב איינעם אַזאַ פרימאָרגן, האָב איך א טראַכט געטאָן, קען מען רויִק פאַרלאָזן אין שטאָט די געבילדעטע פרײַנט און זיך א וואַלגער טאָן א וואָך — צוויי מיט די בערן אין נאָרע. די דאָזיקע שפּאַצירן האָב איך באַנײַט יעדן פרימאָרגן מיט גרויס פאַרגעניגן. איך פלעג אַרויסגיין פון דעם שאָטנדיקן בערעזע־וועלדל אפ דער ליכטיקער לאָנקע און מיט דעם שיפּועדיקן סטעזשקעלע הייב איך זיך אוף אפן בערגל, זעץ זיך אַוועק לעבן ציילעם (אַזעלכע

14977

ציילעמער שטעלט מענ געוויינלעכ אוועק אפ די בערגלעכ אלס א
סימענ, אז אינ דער נאָענט איז פאראנ וואסער) אונ נעמ ארויס
פונ זעקל א בלייער, פאפיר אונ מאָל זיכ דעמ ברייטנ שיינעמ
אָפּגרונט פונ פוילנ טיקיטש, וואָס איז באלויכטנ מיט דער פרי־
מאָרגנדיקער פרילינג־זונ. דאָס זיינענ פאר מיר געווענ די זיסע
מינוטנ, אונ נאָכ מער זיס דערפאר, וואָס די פאנאָראמע, וואָס
האָט זיכ פאר מיר פאנאנדערגעשפרייט, האָט מיר שטארק דער־
מאָנט אינ א מייסטער־בילד פונ דעמ אומפארגעסענעמ פריינט
מיינעמ שטערנבערג, וועלכע ער האָט געמאכט פונ נאטור ערגעצ
אינ באשקיריע.

ווענ די זונ הייבט זיכ אופ אפ דעמ אומענדלעכנ האָרי־
זאָנט אונ די ברייטע שאָטנס באהאלטנ זיכ הינטער די קו־
שטשעס אונ בערגלעכ, לייג איכ פאָרזיכטיק צונויפ מיינ ארבעט אינ
רענצל אונ זעצ פאָר מיינ שפאציר אינ שאָטנ פונ די צעצווייגטע
דעמבעס אונ וויאזנ. אינ איינעמ פונ אזעלכע שפאצירנ האָב איכ
זיכ צופעליק אָנגעשטויסנ אפ דעמ ריויזדאלעווער זומפ (א בא־
ווּסט בילד אינ ערמיטאזש). דאָ איז געווענ דער ערשטער פלאנ
פונ בילד מיט אלע זיינע איינצלהייטנ, פונקט אזעלכער, ווי בא
ריויזדאלנ. איכ בינ לעבנ דעמ זומפ אָפּגעזעסנ עטלעכע שאָ נאָכ־
אנאנד אונ האָב אָנגעמאָלט אונ קימאט פארענדיקט א געמעל פונ
פלאמאנדישנ צווילינגדיקנ אָפּבילד. ס'וואָלט אינטערעסאנט געווענ
פארגלייכנ אימ מיטנ באוווסטנ בילד. אפנ צווייטנ טאָג האָב איכ
געמאכט א קליינעמ עטיוד פונ אנ אלטער טרוקנשפיציקער ווער־
בע. איכ האָב אפילע געוואָלט מאכנ פונקט אזא עטיוד פונ אנ
אלטנ אפ האלב פארטריקנטנ בערעסט, אָבער אפ זיינ לעבעדיקער
זייט האָט זיכ נאָכ ניט אנטוויקלט דאָס גרינס, האָב איכ זיכ בא־
גרענעצט נאָר מיטנ סקעלעט. אויכ אזא געמעל וועט ניט זיינ אי־
בעריק אינ פאָרטפעל פונ א קינסטלער. אסאכ ווערבעס אונ בע־

רעסטן האָב איך נאָך אָנגעמאָלט, װאַרטנדיק אַף דעם געװיסן זונטיק אָדער אַף דער קוריאָזער כאַסענע.

שאַבעס אינאָװנט, װען כ׳האָב זיך אומגעקערט אין דאָרף, האָב איך אַף דער הרעבליע באַגעגנט מײַן טראָכימען. ער האָט שפּאַצירט מיטן קאַװאַלער אָן דער האַנט, מיט דעם זעלבן, װעלכן כ׳האָב באַגעגנט אַפן הויף באַם פּאָטער סאַװאַ. און אויך איצטער, װי דעמלט, האָב איך אַף אים ניט שטאַרק זיך אומגעקוקט און בין דורכגעגאַנגען פאַרבײַ. שוין לעבן דער קװאַרטיר האָט ער מיך אָנגעיאָגט, טראָכים, און אָן שום טײַנעס מיר געמאָלדן, אַז איך װײס גאָרנישט.

— און דו װײסט אַסאַך? — האָב איך אים געפרעגט אויך פאַמיליאַר.

— און איך װײס, אַז מאָרגן װעט זײַן אַ כאַסענע, און װען איר זאָלט נאָר װיסן װאָס פאַר אַ כאַסענע! — האָט ער צוגעגעבן סוידעסדיק, — דער זעלבער פּאָרעץ, װעלכן מיר האָבן געזען אין װעג, האָט כאַסענע מיט זײַן לײַבײגענער. דאָס איז די זעלבע, װאָס מיר האָבן דאַן געזען אין בערלינע און װאָס האָט געגעכטיקט באַ אוגדז הינטער דער װאַנט.

אָט װו זי איז — די געהײמניספולע רעטעניש?! — האָב איך אַ טראַכט געטאָן. — און װי פּאָשעט און נאַטירלעך דאָס איז, און איך, נאַר, האָב געמײנט, גאָט װײס, װאָס פאַר אַן אומפאַרשטענד־לעכער ספינקס ס׳איז.

און װער איז דער קאַװאַלער, מיט װעלכן דו האָסט שפּאַצירט אַף דער הרעבליע? — האָב איך געפרעגט באַ טראָכימען.

— ער טאַקע האָט מיר דערצײלט די דאָזיקע געשיכטע, — האָט טראָכים געענטפערט.

— און ער אַלײן װער איז?

— איך האָב באַ אים ניט געפרעגט, װער ער איז, גאָט װײס

אימ, וואָס פאר א מענטש ס׳איז. דער פּאָטער סאווא זאָגט, אז ס׳איז אַן אויסגעדינטער סאָלדאט.

— איז ער ניט קיין מאטראָס? — האָב איך געפרעגט און איבערגעריסן דעם בארעדעוודיקן טראָכימען.

— ניין, ניט קיין מאטראָס, נאָר פּאָשעט א סאָלדאט, — האָט ער געטײַנעט זײַנס, דער רויִקער טראָכים.

— גוט, זאָל זײַן א סאָלדאט, — האָב איך געזאָגט, און, ניט ארײַנגייענדיק אין דער קווארטיר, ווי כ׳בין געווען, מיטן רענצל און וואנדער־שטעקן אין האנט, בין איך אוועק אנטקעגן מײַן אמפּיטריאָן און זײַן פרום ווײַב.

— ווייסט איר, וואָס כ׳וועל אײַך זאָגן? — האָט פונדערווײַטנס געשריגן די קוזינע.

— איך וועל וויסן, אז איר וועט מיר זאָגן, — האָב איך געענטפערט און זיך דערנענטערט.

— מאָרגן גיי איך אפ דער כאסענע! — האָט זי פריילעך געזאָגט, — און צו אײַך ווענד איך זיך, ווי צו אן ארטיסט, מיט א ביטע. גיט מיר אן אייצע, וויאזוי כ׳זאָל זיך אָנטון, ס׳זאָל זײַן פּאסיק צו דער ראָל, וואָס איך וועל שפּילן אין דער דאָזיקער קאָמעדיע.

— טוט זיך אָן, ווי איר טוט זיך שטענדיק אָן, — האָב איך געזאָגט.

— ס׳ארא ליבער ארטיסט איר זײַנט, — האָט זי געזאָגט און געמאכט די מילדסטע גרימאסע. — ווי שטענדיק! צי דען שפּיל איך יעדן טאָג די ראָל פון אן אונטערפירערן? צעשטרייטער מענטש, וואָס איר זײַנט! — האָט זי געזאָגט האלב שפּאסנדיק, האלב ערנסט און האָט זיך נאָך מילדער צעשמייכלט.

— איר האָט זיך, דאכט מיר, אָפּגעזאָגט פון אָט דעם גרויסן קאָוועד? — האָב איך געזאָגט, ניט פארשטייענדיק.

— ס'איז אומעגלעכ! ער שרײַבט מיר אזוי איבערצײַגנד, ער שרײַבט אזוי, אז איכ בינ ניט אימשטאנד אימ אָפּזאָגנ; לייענט איבער, וויאזוי ער שרײַבט.

אונ די קוזינע האָט מיר דערלאנגט א ראָזעווע שמעקנדיק בריוול. איכ האָב עס א דריי געטאָנ אינ די הענט, א שמעק געטאָנ אונ אָפּגעגעבנ צוריק.

— פע, ס'ארא קאלטע גלײַכגילטיקײַט! איר וואָלט כאָטש אפּ דער האנטשריפט א קוק געטאָנ. אונ ווער ס'האָט מיר געבראכט אָט דאָס ראָזעווע בריוול, אָט דאָס וועל איכ אײַכ שוינ בעשומויפנ ניט זאָגנ, — האָט זי געזאָגט אונ פאָרזיכטיק ארײַנגעלייגט דאָס צעטעלע אינ רידיקול.

— א לאקיי, אָדער אנ אָנטרײַבער, ווער דענ אנדערש, — האָב איכ גלאט אזוי געזאָגט.

— איר האָט א טאָעס. פארמעסט זיכ העכער! נו, זאָל שוינ זײַנ, איכ וועל אײַכ מער ניט מאטערנ. — דער אייגענער ברודער דער קאלעס, עפּעס אנ אויסגעדינטער מאטראָס. איכ האָב אימ ניט געזענ, ס'איז אימ ניט אָנגעשטאנענ אליינ דערלאנגענ דעמ בריוו, האָט ער אימ איבערגעשיקט פונ גאלעכס הויז. אויכ מיר א שטאָלצ! נו, איז וויאזוי־זשע זאָל איכ זיכ מאָרגנ אָנטונ? צי וועל איכ זיכ דערשלאָגנ פונ אײַכ עפּעס אנ אייצע, צי ניינ? — האָט זי מיכ געפרעגט אינ דער זעלבער מינוט, ווענ כ'האָב זיכ דערמאנט וועגנ דעמ קאוואלער אָנ דער האנט.

איכ האָב איר געענטפערט עפּעס נישט צו דער זאכ, אונ זי האָט זיכ צעלאכט מיט דעמ אומשולדיקסטנ מיידלשנ געלעכטער. אָט דער אומשולדיקער געלעכטער האָט מיכ א שטויס געטאָנ אפּ א פארביסענעמ געדאנק. איכ בינ געקומענ צו זיכ אונ האָב געזאָגט:

— טוט זיכ מאָרגנ אָנ... דאָס וועט אײַכ ניט אָנקומענ שווער.

טוט זיך מאָרגן אָן אזוי, אַז איר זאָלט צונישט מאכן די שיינהייט די קאלע און טאקע אים אליין.

— און אים אליין וויאזוי? — האָט זי געפרעגט אַן אופגע־רעגטע.

— ווערט ענלעך אפ זיין טאָכטער. דאָס אינגאנצן!..

— אויסגעצייכנט! — האָט זי איבערגעריסן אין אנטציקונג. — איך האָב אליין אויך געטראכט וועגן דעם. דאָס וועט זיין א קליי־נע מיסטיפיקאציע, ניט אזוי? — האָט זי צוגעגעבן, ווענדנדיק זיך צום מאן. יענער האָט א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ — א סימען פון האסקאָמע. ער האָט געקוקט אפ מיר און ווי ער וואָלט געזאָגט: און דו, ברודערקע, מיט דיין אניוועס ביסט אַן עמעסע צאצקע!

צופרידן מיט מיין פּראָיעקט, האָט די קוזינע מיר דערלויבט ניט איבערטון זיך און גיין צו איר טיי טרינקען. איך האָב זי געפאָלגט און, שפּאנענדיק פוסטריט נאָך דער שיינהייט, האָב איך קימאט אין דער הייך געטראכט:

געשיקט זיך, זיינט איר, שיינהייטן, אזוי בלינד, אזוי מאָדנע בלינד בענעגייע אייער אייגענער שיינקייט! שוין ניט גערעדט וועגן די קנייטשן, צי דען באמערקט איר ניט בא זיך קיין גראָווע האָר? און דאָס איז ווירקלעך אזוי. איך בין אינגאנצן איבער־צייגט אין אָט דעם ביטערן עמעס. אמאָל פלעג מען מיך איינ־לאדן מאכן א פּאָרטרעט פון א ווירקלעך אָנשטענדיקער מוטער פון פאמיליע. א פרומע אלטיטשקע, זי האלט אין איינ׳דאווענען, א שטילע, א באשיידענע, איינגאנצן אין שווארצן אָנגעטאָן, ניטאָ קיין בעסערע מאָדעל פאר א מאָנאשקע פון די צייטן פון גאָטיק — זעצ זיך אוועק און מאָל אָן שום פאנטאזיע. פּרווו אָבער אָנמאָלן דעם פּאָרטרעט פון דער דאָזיקער מאָנאשקע אָן אביסל פאנטאזיע, ד. ה. א לא זשעראר דאָו. ניט נאָר מע וועט דיר ניט באצאָלן, מע וועט דיך פון הויז ארויסטרייבן, ווי דעם ביטערסטן קאריי־

קאטוריסט. דעמלט וועסטו שוין וויסן, וואָס ס'שטעלט מיט זיך פאָר א פרומע מאָנאשקע.

איך האָב לאַנג געליטן פון אזעלכע אומאָנגענעמע פאַסירונגען, ביז כ'האָב נישט פארשטאַנען, אין וואָס די זאך באַשטייט. און אז כ'האָב זיך אָנגעשטויסן, איז אלץ אוועק, ווי ס'באַדארף צו זיַין! אָ, די הייליקע טמימעס!

אָט דעם געבאָט מיַינעם שריַיב איך מיַינע יונגע פריַינט, וואָס זיַינען אומגעשיקט און לייגן זיך דורך א קינסטלערישן וועג מיט אזעלכע נעבעכדיקע און ביטערע מיטלען.

אין מעשעך פונעם אָוונט איז מיַין קוזינע, ווי מע זאָגט עס, געווען אפן זיבעטן הימל. זי האָט זיך געוויצלט, געלאכט און שיר ניט געטאַנצט, ווי א קליינ מיידעלע, ווען מע דערמאַנט איר וועגן א טיול־קליידעלע און וועגן עפּעס אַן אויסערגעוויינלעכער טוניקע. זי איז געווען אזוי פריילעך און ליב ביז צו אומדערטרעג־לעכקיַיט. בּיכלאַל א פרעמדע פרייד פרייט אונדז ווייניק, און די אומדערטרעגלעכע פרייד פון מיַין קוזינע האָט מיך פּאָשעט געּ־בּראכט אין צאָרן. קעדיי ניט זיַין א שוויַיגנדיקער צושויער פון טיפּשעס און געמיינקיַיט, האָב איך פארנומען מיַינע זאכן און בּין ארויסגעגאַנ, — כ'האָב זיך אפילע אָפּגעזאָגט פון וועטשערע. און נאָך אזא שפּאַציר, וואָס איך האָב געמאכט יענעם טאָג, איז עס געווען א גרויסער קאָרבּן פון מיַין זיַיט. פון פאַרדראָס האָב איך געפּרוּווט אַנשלאָפן ווערן, אָבּער דער פרוּוו האָט זיך מיר ניט איַינגעגעבּן. איך האָב געפּרוּווט לייענען — נאָך ערגער. עפּעס א העסלעכן לאַנגוויַיל האָט די קוזינע אַפּ מיר ארופגעטריבּן מיט איר נארישער פרייד. ווי א מיִעסע קאראקאַטיצע, האָט דער לאַנגוויַיל מיך ארומגעכאפּט מיט זיַינע העסלעכע צוויַיגן און א גאַנצע נאכט מיך ניט געלאָזט רוען. אין וואָס כ'זאָל זיך ניט דערמאַנען, וועגן וואָס כ'זאָל נישט א טראכט טאָן, אלץ איז לאַנגוויַיליק, אלץ איז

אומדערטרעגלעך מיִעס. אויב דער ענגלישער ספּלין האָט עפּעס א פאַמיליען־ענלעכקייט מיט אונדזער רוסישן אומעט, איז גלייב איך, אז מע קען צופּוס מאכן א רייזע אפ דער קאמטשאטקע, ווי ס׳האָט עס געטאָן עפּעס א לאָרד, און דערצו האָט ער נאָך כאסענע געהאט אין פּעטראָפּאַוולאָווסק מיט דער טאָכטער פון עפּעס א פּאָנאָמאר. א כאסענע, לעמאָשל, איז א פריילעכע און ליכטיקע זאך פאר געדאנקען, אָבער פּרווּט טראכטן וועגן דעם אין דער צייט, ווען ס׳איז אייך אומעטיק. עס וועט אייך אויסזען, ווי א שווארצע און מיִעסע זאך. איר וועט אפילע די אויגן פארמאכן, און אויב איר זיינט שוין גראָוולעך, אָדער איר האָט א פּליך און דערצו זיינט איר נאָך ניט קיין באַווייבטער, איז בעסער טראכט ניט וועגן א כאסענע. דאָ וועט אייך נעמען קריכן אין קאָפּ אריין אייער עלטער, אייער עלנטקייט, און ס׳וועט זיך ענדיקן דערמיט, אז איר וועט כאסענע האָבן מיטן ערשטן סטויפּ, וואָס וועט זיך אייך אפּן וועג טרעפן, קעדיי אויסמיידן די עלנטקייט. עמעס, אפ דער ראָל פון אן אלטן באָכער איז גאָרנישט ניטאָ וואָס מעקאנע צו זיין, אָבער אויך דער גוירל פון אן אלטן מאן לעבן א יונג ווייבל רופט ניט ארויס קיין קינע. לויט מיין מיינונג, איז בעסער שוין אָפּלעבן וויפל ס׳איז באשערט אלס אן אלטער באָכער, איידער זיך ארומרינגלען מיט פרעמדע ראָז־באפארבטע ברעקלעך, און דעם אייגענעם פּליכעוואטן און בעקאָוועדיקן קאָפּ באשיינען מיט א צירונג, וואָס רופט ניט ארויס קיין שום אכטונג.

שוין צו פארטאָג האָב איך זיך באפרייט פון דעם מיִעסן אומעט און בין אנשלאָפן געוואָרן, און האָב זיך אופגעכאפּט, ווען מע האָט שוין געקלונגען צום באטאָגעדיקן געבעט. ס׳איז נאָך גוט, וואָס טראָכים, גאָט ווייס, וואָס פאר א גוטער גייסט האָט מיט אים אָנגעפירט, האָט מיר פון אָוונט נאָך צוגעגרייט דעם פראק און דאָס איבעריקע, אזוי אז איך האָב זיך אין איין

אָטעם אָנגעטאָן און בין ארויס פון שטוב אין דער זעלבער מי־נוט, ווען מײַן אויסגעפוצטע קוזינע האָט זיך געזעצט אין ברישקע, קעדיי פאָרן צום באַטאָגעדיקן געבעט. זי האָט מיר פאָרגעלייגט אָן אָרט לעבן איר פרעכטיקער פּערסאָן, אָבער איך האָב זיך אָפּגעזאָגט פון דעם קאָוועד און בין אוועק צופוס. איך האָב גערעכנט, אַז לעבן דעם קלויסטער וועל איך דערזען דעם פרעכטיקן עקיפּאַזש פון די כאָסן־קאַלע. אָבער ס'הייבט זיך ניט אָן. ס'האָט דאָרט געשײַנט דער איין־און־איינציקער עקיפּאַזש פון מײַן קוזינע און נאָך עפּעס א קליינע ברישקע מיט א קליינעם אָנטרײַבער. אין קלויסטער האָבן די פויערימלעך, ווי געוויינלעך, שטילערהייט געדאַוונט. אויף דעם קליראָס האָט דער דיאַטשאָק מיט א באַס געליינט „איזשע כערוווימע" מיט דער הילף פון עם נעכ־טיקן קאַוואַלער אָן דער האַנט. און ווו זײַנען די כאָסן־קאַלע? איז דאָ ניט פאָרגעקומען עפּעס א מיספּאַרשטייעניש, ווי ס'טרעפט זיך אָפט אין אַזעלכע פאַלן? נאָך דער גאָט־דינסט האָט דער פאָטער סאַווואַ געבעטן מיך און טראָכים סידאָראָוויטשן אויף א גלעזל טיי, און מיר האָבן זיך ניט אָפּגעזאָגט. ווי נאָר דער פאָ־טער סאַווואַ האָט באַוויזן איבערלייענען „אָטשע נאַש" און בענטשן דאָס עסן און טרינקען, איז אין צימער ארײַן דער פלײַסיקער געהילף פון דעם הייזעריקן דיאַטשאָק — דער קאַוואַלער אָן דער האַנט. נאָך א געוויינלעכער באַגריסונג האָט אים די מאַטושקע אָנגערופן פאָשעט אָסיפּ סידאָראָוויטש און אים געבעטן זיך זעצן. ער האָט פריִער אויפגעהאַנגען די היטל אויף דעם פלעקל, וואָס איז ספּעציעל צוליב דעם צוועק געווען ארײַנגעקלאַפּט אין וואַנט לעבן דער טיר, און שוין דערנאָך האָט ער זיך אוועקגעזעצט לעבן דער שוועל אויף עפּעס א טאַבורעט. די דאָזיקע באַשיידנקייט איז מיר געפעלן, און נאָך מער בײַ א מיליטער־מאַן. איך האָב אָנגעהויבן אים אויפמערקזאַמער באַטראַכטן. דאָס איז געווען א יונגער גע־

זונטער כעוורעמאַנ מיט שוואַרצע שאָרסטקע האָר, וואָס זײַנען געווען קורץ געשוירנ, פּונקט אַזעלכע שוואַרצע געדיכטע בּרעמענ, אונטערגעשוירענע וואָנצעס. די אויגנ פלעג ער שטענדיק אַראָפּלאָזנ און זיי באַהאַלטנ אונטער די שוואַרצע לאַנגע וויִעס, און דערפאַר האָט מענ וועגנ זיי גאָרנישט ניט געקענט זאָגנ, פּונקט אַזוי, ווי וועגנ דער אייבּערשטער ליפּ, וואָס האָט זיך באַהאַלטנ אונטער די וואָנצעס; די אונטערשטע האָט מענ געזענ גאַנצ בּוילעט, זי איז געווענ עטוואָס צו גראָבּ. בּיכלאַל האָט ער געהאַט א פיזיִאָנאָמיע א גראָבּע, אָבּער אַזא באַשיידענע און אויסדריקלעכע, אַז ניט ווילנדיק האָבּ איך געהאַט פאַרגעניגנ פּונ דעמ קוקנ אַפּ אים. ער האָט זיך ניט אַרײַנגעריסנ אינ אונדזער שמועס, ווי עס טוענ עס געווײנלעכ כעוורע פּונ זײַנ גראַד. ווענ דער פּאָטער סאַווא האָט זיך צו אים געווענדעט מיט עפּעס א פּראַגע, פלעג ער ענטפערנ קורצ און צו דער זאַכ. אָט, לעמאָשל, די מאַטושקע האָט בּא אים געפרעגט, ווענ וועט זיי באַזוכנ דער הער קורנאַטאָווסקי. ער האָט געענטפערט: „פאַרנאַכט". און מיט דעמ האָט זיך עס געענדיקט. איך האָבּ זיך אָנגענומענ מיט נאַכעס פּונ דעמ באַשיידענעמ אומבּאַקאַנטנ. דערנאָכ האָבּ איך באַדאַנקט די באַלעבּאַטימ פאַרנ קיבּעד און בּינ אַוועק. טראָכימ סידאָראָוויטשנ האָט די מאַטושקע פאַרהאַלטנ אַפּ מיטיק. אינ מעשעכ פּונ גאַנצנ טאָג האָט זיך דער אומבּאַקאַנטער מאַטראָס געדרייט בּא מיר אינ קאָפּ. איך ווייס אַלײנ נישט, מיט וואָס האָט ער מיכ געקענט אַזוי פאַרינטערעסירנ. אַנ אויסגעדינטער סאָלדאַט און מער גאָרנישט. בּאַמ מיטיק האָבּ איך אַלצ געוואָלט פרעגנ די קוזינע, צי איז עס ניט דער קאַלעס בּרודער געשטאַנענ אַפּנ קליראָס, אָבּער די קוזינע איז געווענ נישט אופגעלייגט, און איך האָבּ מײַנ גאָרניט באַשיידענע פּראַגע באַהאַלטנ אינ קעשענע. איך האָבּ גערעכנט נאָכ מיטיק פרעגנ בּא מײַנ קאָרעוו, נאָר יענער איז נאָכ בּאַמ מיטיק

שיר ניט אנשלאָפנ געוואָרנ. טראָכים האָט זיכ נישט באוויזנ ביזנ סאמע אָוונט — אונ מײַנ נײַגער איז ביזנ אָוונט ניט באפרידיקט געווענ.

X

די טעג פונ ווארטנ זײַנענ אזוי לאנג אונ לאנגווײַליק, ווי די דאָזיקע פאָשעטע דערציילונג, אונ די שאָענ פונ ווארטנ זײַנענ נאָכ לענגער אונ אומעטיקער. אונ א מאָדנע זאכ, שטענדיק האָבנ מיר אונ מיר קענענ זיכ ניט צוגעווינענ צו אָט דעמ מאטערנדיקנ געפיל, מיר קענענ אפילע מיט קיינ איינ מינוט ניט פארקירצנ די אומענדלעכע שאָ פונ ווארטנ. נישט געקוקט דערופ, וואָס איכ בינ די נאכט שלעכט געשלאָפנ אונ וואָס איכ האָב געגעסנ גאָר־ניט קיינ באשיידענעמ מיטיק, האָב איכ נאָכנ מיטיק, כאָטש איכ האָב געפרווּט, דאָכ ניט געקאָנט אײַנשלאָפנ. אונ דאָס האָט מיר אלצ דאָס נארישע ווארטנ געשטערט. אפ וואָס־זשע ווארט איכ אונ וואָס באומרויִקט מיכ? איכ ווייס אליינ נישט, נאָר איכ פיל, אז עפעס באומרויִקט מיכ. קעדיי זיכ באפרײַענ פונ אָט דעמ עפעס, האָב איכ אָנגעטאנ מײַנ ארבעט־בלוזע, גענומענ דאָס רענצל אונ דעמ שטעקנ אונ בינ אוועק אפ מײַנ באליבט בערגל, ווו ס'שטייט א דעמבענער ציילעמ. דער טאָג איז געווענ אנ אויס־געצייכנטער, דער הימל איז געווענ לויטער, בלאס־בלוי, טיפ אונ קלאָר, ווי דער געדאנק פונ א גרויסנ פאָעט. ווײַסע, דורכזיכ־טיקע, שיינע וואָלקנדלעכ, ווי די אומשולדיקע כאלוימעס פונ א קינד, זײַנענ אָנגעגאנ איינס נאָכנ אנדערנ, דורכגעפלויגנ דעמ הימל־שטעכ אונ האָבנ ארופגעוואָרפנ טונקעלע פלעקנ אפ מײַנ פאנאָראמע, וואָס מע קענ זיכ זאט ניט אָנקוקנ אינ איר. די דאָ־זיקע שיינע פלעקנ האָבנ געמאכט די פאנאָראמע אי ברייטער, אי טיפער, אי אומענדלעכ גרעסער. איכ האָב די אויגנ ניט געקענט

אָפרייַסן פון אָט דער אימפראָוויזירטער באלויכטונג. מיר האָט זיך געדוכט, אז איך זע אפ דעם אומענדלעכן האָריזאָנט אי זוועניגאָראָדקע, אי טאלנע און אפילע אומאן.

איך האָב זיך גענומענ פאר דער ארבעט. איך האָב פאנאנדערגעלייגט די טונקעלע און ליכטיקע פלעקן אפ מייַן ניט פארענדיקטן געמעל, און דער געמעל איז אופגעלעבט געוואָרן, אָנגעהויבן רעדן און פון זיך אליין זיך פארענדיקט. אָט ווו ס׳באהאלט זיך דייַן צויבער, דייַן קישעף, קאנאלעטי!

די באלויכטונג האָט זיך געענדערט. כ׳האָב אריינגעלייגט דעם געמעל אינ פאָרטפעל און געוואָלט גיינ אינ דאָרף. איך זע, די גאָלדענע זון איז געבליבן הענגענ איבערן פיאָלעטן האָריזאָנט און האָט צעשאָטן אירע גרינע שטראלן איבער דעם גאנצן אומענדלעכן שטעטל. א נייַע שיינקייַט! א נייַער צויבער! דערשטוינט פון דער וווּנדערלעכער הארמאָניע, האָב איך שווייַגנדיק אראָפגעלאָזט די הענט, כ׳האָב פארהאלטן דעם אָטעם און געקוקט אפ דער דאָזיקער וווּנדערלעכער אָראטאָריע אָנ קלאנגען.

די זון איז שוינ פארגאנ, און איך בינ נאָך אלץ געשטאנענ לעבנ ציילעמ, און מאָדנע, ס׳האָט זיך מיר געדוכט, אז א פלייטע שפילט אינ דעם בערעזענעמ וועלדל, זי האָט געשפילט די פרעלודיע פונעם וואלס „אוואָרע”. און אינעמעסן איז גאָרניט געווען. וועגן א פלייטע האָט קיינער אינ יענער געגנט ניט געהערט. מייַנ קאָרעוו זאָגט, אז ער האָט אמאָל געשפילט אויסגעצייכנט אפ א פלייטע, נאָר ער האָט פארלוירן דעם שליסל פון פוטליאר, ווו עס ליגט די פלייטע, און האָט אופגעהערט שפילן. און ער שפאסט ניט. לויט זייַנע פאָרשטעלונגען איז עס גאנץ פארשטענדלעך. אינ די דאָזיקע קורצע מינוטן בינ איך געווענ אנ עמעסער פאָעט, און מייַנע געדאנקען האָבנ געשוועבט, גאָט ווייס ווו, אינ עפעס געגנטן, וואָס העכער די שטערן. אָבער ווי אן אייַנוווינער פון

דער ערד, האָב איך זיך דערמאנט, עמעס, אביסל צו שפּעט, וועגן דעם ערדישן, ד. ה. וועגן דער כאסענע. — פּע, ס'ארא ציניקער — וועט זאָגן די פארליבטע לייענערן. א כאסענע הייסט בא אים פּאָשעט אַן ערדישע זאַך! — איך בין מאסקים, זאָל עס זײַן א זאַך פונעם אָריאָן אליין, אָבער איך האָב זיך אין איר דערמאנט שוין צווישן טאָג און נאכט.

אָנשטויסנדיק זיך אָפּ פּעניאָקעס און בערגלעך, בין איך ווי ס'ניט איז ארויס פון בערעזענעם וועלדל און בין צוגעקומען צו דער הרעבליע. איך גיב א קוק — דער קלויסטער איז שוין באַלויכטן. איך האָב פארגיכערט די טריט און אזוי ווי כ'בין געווען, אין דער ארבעט־בלוזע מיטן רענצל אין האנט, בין איך גלײַך ארײַן אין קלויסטער. גוט, וואָס כ'האָב זיך דערמאנט און אראָפּגענומען דעם הוט. איך האָב זיך באהאלטן הינטער עפּעס א ברייטפּלייציקן פויער און קוק ארויס, ווי א מויז פון א באהעלטעניש. די צערעמאָניע האָט זיך אָנגעהויבן, און דער אומבאקאנטער קאוואלער אָן דער האנט האלט דעם קראנץ איבערן קאָפּ פון דער קאלע. פון דער זײַט זע איך, אז די קאלע איז א שיינהייט, און א קוק טאָן גלײַך אין פּאָנעם ארײַן קען מען נישט. פארדריסלעך. הייסט עס, אז דער דאָזיקער קאוואלער איז איר ברודער, אנדערש קען עס ניט זײַן. א שאָד, וואָס כ'האָב זיך מיט אים געענטער ניט באקאנט. דאָ איז געוויס פאראן עפּעס א ראָמאנטישע דראמע. און וואָס פאר א באציִונגען קענען זײַן צווישן א רײַכן גוטבאזיצער מיט אַן אָרעמען צענעריקטן אינוואליד? מע דארף באפוילן טראַכימען, ער זאָל זיך וועגן אלץ דערוויסן. צי וועט זיך פון דעם דאָזיקן שטאָפּ ניט אויספּיקן עפּעס א געשיכטעלע, אָדער אַן אָפּערעטקע, ווי, לעמאָשל, „מאָסקאל טשאריוניק". יאָ, יאָ, ניט אנדערש, אז מיט קישעפּ צווינגט ער דעם גײַוועדיקן ראָטמיסטער כאסענע האָבן מיט א פויערטע, מיט זײַן

לײַבײַגענער. װי גוט כ'האָב זיך ניט באַהאַלטן הינטער דעם פּלײציקן פֿויער, דאָך האָב איך ניט געקענט זיך אױסבאַהאַלטן פֿונ טראָכימס שאַרפֿ אױג. ער האָט מיך באַמערקט און, צוגײענדיק, האָט ער מיר א שעפּטשע געטאָן:

— די כאָסנ־קאַלע האָט מענ פֿאַרבעטן אינ הויז אפֿ טײ. אױב איר װעט גײן, דאַרפֿ מענ צוגרײטן דעם פֿראַק און אױספּוצן די שטיװל.

— גײ און פּוץ, — האָב איך קורץ אָפּגעענטפֿערט.

טראָכים איז אַרױסגעגאַנ. אַז איך האָב זיך דערװאַרט אפֿ „איסאַיאַ ליקױ", בינ איך אַרױס פֿונ קלױסטער און זיך געלאָזט לױפֿנ אַהײם. אָט האָסטו דיר אַנ אומגליק: אינ מײַנ אױסגעצײכנטנ גאַרדעראָב האָט געפֿעלט א שניפּס, און איצטער איז ער אומבאַדינגט נײטיק. װאָס טוט מענ? טראָכים איז געפֿאַלנ אפֿ אַנ אײצע: ער האָט צונױפֿגעלײגט א װײַס נאָזטיכעלע, און ס'האָט זיך באַקומענ א נישקאָשעדיקער שניפּס, דער שלײפֿ נאָר איז געװענ צו גרױס. פֿאַרענדיקט מײַנ טואַלעט, האָב איך אַרופֿגעצױגנ אפֿ זיך דעם פֿראַק און בינ אַרײַנ אינ צימער. נאָך אפֿ דער טיר האָט מענ מיך באַגעגנט מיט אַנ אַלגעמײנעם געלעכטער. מײַנ קוזינע האָט אַזױ פֿלײַסיק געקײַכט, אַז איך האָב געמײנט, אַז ס'איז איבער מײַנ שניפּס. אָבער ס'האָט זיך אױסגעלאָזט גאָר עפּעס אַנדערש. נאָכנ ערשטנ צופֿאַל פֿונ געלעכטער האָט מײַנ קוזינע מיך גענומענ פֿאַר דער האַנט און מיך צוגעפֿירט צום שפּיגל. א, ס'אַרא שרעק! דאָס גאַנצע פּאָנעם איז בא מיר געװענ אױסגעשמירט מיט בלײַער. כ'האָב קײנ װאָרט ניט געזאָגט און בינ אַרױס פֿונ צימער. בײַס דער אַרבעט האָב איך אָפּגעטריבנ די קאָמאַרעס, און מיט די הענט, װאָס זײַנענ געװענ אױסגעשמירט מיט בלײַער, האָב איך זיך געכאַפּט פֿאַרנ פּאָנעם און אױסגעפּוצט מײַנ פֿיזיאָנאָמיע א לאַ אָטעלאָ, און טראָכימס שאַרפֿ

אויג האָט עס ניט באַמערקט, ווען ער האָט מיר פאַרבונדן דעם שניפּס.

שוין איינגאַנצן אַן אַנדערער האָב איך זיך דעם צווייטן מאָל באַוויזן אין גאַסטצימער. נאָך די געוויינלעכע באַגריסונגען און ווינטשן, האָב איך אַ קוק געטאָן אויף דער קאַלע. גאָטעניו, ס׳איז אַ שיינקייט אַ פולקומע! ביז גראָווע האָר זיך דערלעבט און האָב אַזאַ אומבאַשרייַבלעכע שיינקייט ניט געזען. די באַוווּסטע שיינהייט, די גרעפן קאַלאָוראַט, וועלכע איך האָב געזען אויף אַ פּאַריזשער ליטאָגראַפיע, וואָלט זיכער ניט אויסגעהאַלטן די ראָל פון אַ פּאַוואָריטן בײַ אָט דער באַשיידענער העלדן, ניט געקוקט אויף אַלע קאָסמעטישע מיטלען, וואָס זייַנען איר צו דינסט. לאַנג האָב איך ניט געקענט אָפּרייַסן די אויגן פון דעם דאָזיקן טיף פון פולקומער שיינקייַט. און וואָס אופמערקזאַמער און גלייַכגילטיקער איך האָב אויף איר געקוקט, אַלץ מער האָב איך געזען דעם צווייבער און די האַרמאָניע אין די שטריכן פון איר ווונדערלעכן פּאָנעם. דעם געטלעכן ראַפאַעל האָט זיך אַפילע נישט געחלומט אַזאַ שיינהייַט און אַזאַ האַרמאָניע פון שטריכן, און דער באַוווּסטער קאַנאָווא וואָלט אויף שטיקלעך צעבראָכן זייַן צוקער־זיסע פּסיכייע, ווען ער וואָלט דערזען אָט די געטן, וואָס נעמט אַזוי גראַציעז אַ גלעזל טיי. און דאָך איז אין איר שיינקייַט ניט געווען אַפילע קיין סימען פון אָט דעם, וואָס איז אָנגענומען פאַר שיינקייַט. דאָס איז געווען אַ זעלבשטענדיקע לעבעדיקע שיינקייַט, דאָס איז געווען דער טיף פון אַ פּרוי פון מייַן היימלאַנד, נאָר אַ ביז גאָר פאַרפולקומטער. און ווי בלאַס, ווי טונקל ביסטו געוואָרן, מייַן אָרעמע קוזינע, אין דער אָנוועזנהייַט פון אָט דער קוים צעבליטער ליליע. ווו איז אַהינגעקומען דייַן געלעכטער? ווו זייַנען דייַנע נעכטיקע אויפטוען די כיטרע? ס׳האָט דיר ניט געהאָלפן, ניט דאָס שמירן זיך, ניט דאָס וואַשן זיך, אַפילע דאָס

טיולענע קלייד האָט ניט געהאָלפֿן! אָרעמע, נעבעכדיקע שיינ־הייט!

די כאָסן־קאַלע האָבן ניט לאַנג פֿאַרבראַכט. נאָך דער טיי זײַנען זיי באַלד אַוועקגעפֿאָרן. איך האָב זיך אויך געזעגנט און בין אַוועק צו זיך אַף דער קוואַרטיר, ווײַט ניט אין קיין נאָרמאַלן צושטאַנד. שיינקייט, אין וואָס זי זאָל זיך ניט אַרויסבאַווײַזן, סײַ אין אַ פּולבלוטיק, סײַ אין אַ קוים לעבעדיק באַשעפֿעניש, האָט שטענדיק געהאַט אַף מיר אַן אַלציינע גוטע ווירקונג. אונטער איר גוטער ווירקונג פֿיל איך זיך גאָר אַן אַנדערער, אַ באַנײַטער מענטש, עפּעס ווי אַן אַלט קינד. דעמלט נייטיק איך זיך אין וואָס פֿאַר ניט איז מענטשן, כ׳זאָל קענען מיט אים טיילן די גוטע געפֿילן, אָדער זיך כאָטש אָנרעדן ביז זאַט, אַניט בין איך ענלעך אַף אַ שיקער, וואָס ווערט ניט אַנשלאָפֿן, ביז ער ניכטערט זיך ניט אויס. איך האָב טאַקע לאַנג ניט געקענט אַנשלאָפֿן ווערן, אָבער דאָס איז געווען ניט קיין מאַטערנדיקע שלאָפֿלאָזיקייט, נאָר אַ שלאָפֿלאָזיקייט, וואָס באַרויִקט. אַן אָנגענעמער, אַן אומויס־דריקלעך־אָנגענעמער געפֿיל! איך דאַנק דיר, אַלמעכטיקער גאָט, וואָס דו האָסט מיך באַשענקט מיט אַ געפֿיל פֿון אַ מענטשן, וואָס האָט ליב און וואָס זעט אַלדאָס שיינע, פֿאַרפֿולקומטע אין דײַן אומענדלעכער שאַפֿונג. ווען די שיינקייט אין אַלע אירע אויס־זענס וואָלט כאָטש אַף אַ העלפֿט פֿון דער מענטשהייט געהאַט אַזאַ גוטע ווירקונג, דעמלט וואָלטן מיר זיך שנעל דערנענטערט צו דער פֿולקומקייט און ענדלעך פֿאַרקערפּערט מיט זיך דעם גע־באָט פֿון געטלעכן לערער. דאַן וואָלטן שוואַרץ און ריוואָליער געגאַנען אין די הײַזער מיט זייערע געניאַלע דערפֿינדונגען, אָדער זיי וואָלטן אַנטדעקט בעסערע און אָרנטלעכערע קוואַלן פֿון מענטש־לעכער פֿאַרפֿולקומטקייט.

לאַנג האָב איך פֿאַנטאַזירט אַף דער דאָזיקער ווונדערלעכער

טעמע, ביז די פיזיקע האָט ענדלעך גויוועך געוועג די מאָראַל און איך בין אנשלאָפּן געוואָרן. אין כאָלעם איז פאָרגעקומען מיט מיר דאָס זעלבע, וואָס אין דער וואָר, נאָר מיט איין אונטערשייד: אָנשטאָט דעם ראָטמיסטער איז לעבן דער קאַלע געזעסן רובענסעס סאטיר מיט שאָפּענע פיס און מיט הערנער. זיין פּאָנעם איז זייער ענלעך אפּן פּאָנעם פון ראָטמיסטער. דער סאטיר טוליעט זיך צו דער נימפע, רוימט איר עפּעס אפּן אויער; די נימפע האָט א שמייכל געטאָן. איך האָב א ציטער געטאָן און האָב זיך אופגעכאפּט. די זון האָט שוין אריינגעקוקט אין דעם גאָטישן פענצטער פון מיין מיניאטיורן געצעלט. צופעליק, אָבער זייער צו דער צייט האָט זיך באוויזן טראָכים. איך האָב אים געמאָלדן, אז איך האָב כיישעק טאקע היינט נאָך מיטיק ארויספאָרן קיין ליסיאנקע, דאָרטן נעמען פּאָטשט-פערד און אהיים פאָרן. ער האָט, ווי געווינלעך, ניט דערווידערט און גלייך גענומען צונויפלייגן דעם פראק און די איבעריקע שמענדריקעס, וואָס האָבן מיר דערמאנט וועגן נעכטיקער געשעעניש. א געשעעניש אזוי זיך, ניט קיין אומגעווינלעכע. אן אלט לידל, נאָר אנדערש געזונגען.

די פריערדיקע איידעלע באַלעבאטים פון לייביגענע האָבן נאָר פאַרפירט הארעמענ פון די אייגענע מיידלעך, און איצטער האָבן זיי אָנגעהויבן מיט זיי זיך מעשאדעך זיין. ערע און רום די קעמפער פון דער נייער ציוויליזאציע! טראָכים האָט זיך מיט פארגעניגן פארנומען מיטן טשעמאָדאן, און איך, קעדיי אים ניט שטערן, האָב געפונען פאר נייטיק אָפּצוגעבן א געזעגנס-וויזיט דעם פּאָטער סאווא. אָבער אפּ דער שוועל פון מיין אידילישער שטילער היים האָט מיך באגעגנט דער פּאָטער סאווא מיטן קאוואלער אָן דער האנט.

— איר קלייבט זיך צו אונדז, און מיר זיינען צו אייך געקומען מיט א וויזיטאציִום, — האָט פריילעך געזאָגט דער פּאָטער

סאווא, — דער דאָזיקער געטלעכער מענטש האָט צו אײַך אַ עקסטראָרדינאַרן בריוו.

איך האָב אפילו ניט באַוויזן זיך שטאַרק פאַרוואונדערן פון אָט דער אומדערוואַרטער זאַך, ווי דער געטלעכער מענטש האָט אַרויסבאַקומען פון עם פּוסטן אַרבל זייער אַ קליינעם קאָנווערט, וואָס איז געווען באַמאַלט, ווי אַ קאָנפעקט. ער האָט אים דערלאַנגט מיר און דערבײַ געזאָגט:

— דער שוואָגער און די שוועסטער, אײַער וווילגעבורט, גריסן אײַך און בעטן אײַך הײַנט אײַנאָוונט קומען צו זיי.

איך האָב זיך ניט אָפּגעזאָגט, ווי אַ שיקער פון אַ קעלישעקל בראָנפן, איך האָב ניט גענומען לייענען דאָס שמעקנדיקע בריוול און געזאָגט: „איך וועל קומען". דעמלט האָט ער מיר דערלאַנגט אַ צווייטן קאָנווערט, פּונקט אַזעלכן, ווי דער ערשטער, און געבעטן איבערגעבן לוקיאַן אַלעקסאַנדראָוויטשס פרוי, ד. ה. דער קוזינע מײַנער. איך האָב צוגעזאָגט. דער פּאָטער סאווא האָט באַמערקט, אַז ס'וואָלט ניט געשטערט, אַז דער קאַוואַלער זאָל אַליין איבערגעבן דאָס בריוול און פאַרזענלעך זיי בעטן. דער קאַוואַלער האָט קיין וואָרט ניט געזאָגט אַף דער דאָזיקער באַמערקונג, ער האָט נאָר זייער אויסדריקלעך אַ שמייכל געטאָן. דער פּאָטער סאווא האָט מיך אײַנגעלאַדן אַף אַ גלעזל טיי, איך האָב זיך אָפּגעזאָגט, כ'האָב זיך מיט זיי געזעגנט און בין אַרײַן אין קוואַרטיר זאָגן טראָכימען, ער זאָל ניט פאַרפּאַקעווען דעם פראַק.

— אַ, פאַרברענט זאָל ער ווערן, אײַער פאַרפלוכטער פראַק! מע האָט נאָר איין אַרבעט מיט אים, ס'בלײַבט קיין צײַט ניט אָפּעסן מיטיק.

און נאָך אַסאַך אַזעלעכס איז געזאָגט געוואָרן אַפן כעזשבון פון פראַק. דאָס אַלץ האָב איך שוין ניט געהערט, ווײַל כ'בין

אוועק איבערגעבן דער קוזינע דאָס פֿרײַנטלעכע בריוול. יענע האָט מיך באַגעגנט מיט אַן אויסרוף:

— און ווי געפֿעלט אײַך די קאַלע?..

איך האָב געענטפֿערט, אַז כ׳האָב אויף מײַן לעבן ניט געזען אַזאַ שיינהײַט.

— הייסט עס, אַז איר קלויבט זיך נישט אַזוי פֿאַנאַנדער, ווי איך האָב געמיינט, — האָט זי קאַלט געענטפֿערט, — פֿאַר אײַך, הייסט עס, איז די בילדונג אין אַ פֿרוי אינגאַנצן אַן איבעריקע זאַך?

— ניט דו דאַרפֿסט עס זאָגן, און ניט איך דאַרף עס הערן, — האָב איך אַ טראַכט געטאָן, און אָנשטאָט צו דערווידערן, האָב איך איר דערלאַנגט דאָס שמעקנדיקע בריוול.

באַם מיטיק איז ווידער דער שמועס אַרויף אויף דער קאַלע; ווידער האָט מיר באַמערקט די קוזינע, אַז איך שעץ ניט קיין ביסל ניט אַ גוטן טאָן און בילדונג אין אַ פֿרוי. איך האָב געשוויגן. דאָס האָט זי געערגערט.

— יאָ! — האָט זי געזאָגט, גרינג פֿון צאָרן, — איר זײַנט אַ קינסטלער, און אַ קינסטלער דאַרף נאָר האָבן אַ מאָדעל, אַ זאַך אויף אָפּמאָלן, און ניט קיין פֿרוי.

ווידער האָב איך אַ טראַכט געטאָן, אַז ניט דו דאַרפֿסט עס זאָגן, און ניט איך דאַרף עס הערן; אָבער איך האָב ניט געפֿונען קיין אָנשטענדיקע דערווידערונג אויף איר ווײַט ניט איידעלער באַמערקונג, און ס׳האָט גענומען הערשן אַ שטילקײַט.

ווי אַן עמעסער האָמעריד, האָט דער קאָרעוו מײַנער קימאַט די גאַנצע גאַנדז מיט קרויט אַרײַנגעשטעלט, מיט פֿאַרגעניגן פֿאַרטרונקען מיט גאָר ניט קיין קליינער גלאָז סליוואָוויאַק, צופֿרידן אַ שמייכל געטאָן און געזאָגט:

— אָט אזוי! — און ווענדנדיק זיך צום קאָזאטשאָק, האָט ער צוגעגעבן:

— דערלאַנג, וואָס איז דאָרט נאָך פאַראַן בא דיר.

דער קאָזאטשאָק איז ארויסגעגאַנגען.

— יאָ, — האָט ער פאָרגעזעצט מיט א געהיימניספולן טאָן, — דאָס איז אזא, וועל איך אייַך זאָגן, געשיכטע, כאָטש פּובליקיר אין די צייַטונגען.

— וואָס פאַר א געשיכטע? — האָב איך געפרעגט ניט אינגאנצן גלייַכגילטיק.

— לאָמיר נעמען אפילע די נעכטיקע כאַסענע, — האָט ער געזאָגט און א קוק געטאָן אף דער פרוי.

— און וואָס אזוינס? — האָב איך געפרעגט און אויך א קוק געטאָן אף דער קוזינע.

— אזוי, גאָרנישט, — האָט ער געזאָגט מיט א טאָן פון א מענטשן, וואָס באהאלט א גרויסן סאָד, — איר האָט באמערקט נעכטן דעם שאפער דער קאַלעס? — האָט ער מיך געפרעגט און ווידער א קוק געטאָן אף זייַן פארכוישעכטער פרוי.

— כ'האָב אפילע היינט געהאט די ערע אים צו זען, — האָב איך געענטפערט.

— דאָס איז ניט מער און ניט ווייניקער ווי אן אויסגע־דינטער מאטראָס, דער אייגענער און איינציקער ברודער פון דער איצטיקער מאדאם קורנאטאָווסקע און גוטבאזיצערין פון פינף הונ־דערט נעפאשעס, ריינע, ניט פארזעצטע, — האָט ער געזאָגט און אָנגעגאָסן זיך נאָך א גלאָז סליוואניאַק.

בא דעם וואָרט „מאטראָס" האָב איך ניט ווילנדיק א ציטער געטאָן: — איז עס ניט דער העלד פון מייַן פּאָעמע? — האָב איך א טראכט געטאָן, איך האָב זיך געווענדעט צום קאָרעוו און אים גע־בעטן, ער זאָל מיר דערקלערן אָט די אומפארשטענדלעכע געשיכטע.

— אָט וואָס פאַר אַ געשיכטע דאָס איז...

די קוזינע האָט אַ פריכע געטאָן, אַרויס פון הינטערן טיש און שוין פון צווייטן צימער אויסגעשריגן:

— גרוביאַן! מוזשיק! אַכוץ געמיינקייט קען מען פון דיר גאָרנישט ניט דערוואַרטן.

מײַן קאָרעוו האָט רויִק איבערגעציילעמט די טיר, פון וועל־כער ס'זײַנען געפלויגן די דאָזיקע ווערטער, און האָט ווידער אָנ־געהויבן:

— אָט ס'אַרא געשיכטע. דער הער קורנאַטאָווסקי, אָדער ווי זי רופט אים מוסיע קורנאַטאָווסקי, איז אַ מענטש אין אַלע הינ־זיכטן אַן אָרנטלעכער. מיר האָבן אים שטאַרק ליב, ווי איר האָט עס געקענט באַמערקן. איינס זאַך נאָר, ניט געקוקט אַף זײַן היי־ליקן אויסזען, איז ער אַ שרעקלעכער „דאַמען־שעצער". נאָך דער ערשטער כאַסענע האָט ער פאַרלאָזט די מיליטער־דינסט און איז געקומען, ווי מע זאָגט, אַף רו אין דאָרף. זײַן פרוי — אַ ווונדער־באַרע פרוי — האָט ניט איבערגעטראָגן דעם ערשטן קימפעט און איז געשטאָרבן, און אַלס סימען פון ליבע האָט זי אים איבער־געלאָזט אַ געזונט שיין קינד. דער כעוורעמאַן אונדזערער, ווי אַ גוטער און צאַרטער פאָטער, האָט אַ כוץ אַן אַמ אַרומגערינגלט דאָס קינד מיט נאָך פיר יונגע שיינע ניאַנקעס. ער האָט זיי אויס־געקליבן פון גאַנצן דאָרף, דער דאָזיקער גאַזלען. צווישן אָט די ניאַנקעס איז געווען אויך די איצטיקע פרוי זײַנע. דאָס קינד איז אינגיכן געשטאָרבן. די אַמ האָט ער אָפּגעזאָגט, און די ניאַניוש־קעס האָט ער איבערגעלאָזט בא זיך אין הויז. ער האָט גערעכנט, פאַרשטייט איר מיך, מאַכן אַ טעפּיך־פאַבריק, אָט דער שווינד־לער! און אָנשטאָט אַ פאַבריק האָט זיך באַקומען אַ קליינער היי־מישער האַרעם. נישקאָשע, אַלץ איז געגאַנגען גוט. די באַווײַבטע שכיינים האָבן אין אָנהייב זיך אָפּגעזאָגט אים אופנעמען בא זיך,

אָבער דערנאָך האָבן זיי איבערגעקלערט. לויט מײַן מיינונג איז דאָס בעסטע ניט לייגן קיין אכט אף פרעמדע כעסרוינעס. דו, יע־רעמיי, דײַן זאך פארשטיי — זאָגט דאָס רוסישע שפריכווערטל. גוט, אָט איז צוגעקומען די ריי צו אָליענקען, צו דער איצט־קער מאדאם קורנאטאָווסקע. אָבער ס'הייבט זיך ניט אָן. אָליענקע האָט זיך אײַנגעשפּארט. ער פּרוּווט אזוי און אזוי, און איינמאָל ניין! ניט קיין צארטקייט, ניט קיין דראָען, ניט קיין בעטן — ס'האָט גאָרניט ניט געהאָלפן. און די הויפּט־סיבע פון איר אײַנגעשפּארט־קייט איז געווען דער ברודער, דער איצטיקער אויסגעדינטער מאטראָס. קעדיי אָפּוועגדן די דאָזיקע שטערונג, האָט אונדזער כעווורעמאנ לאנג ניט געטראכט און באַם ערשטן פּריזיון ארײַנ־געפּאקט דעם פּרײַנט פאר א סאָלדאט. מיט איין קלאַפּ אלץ פאר־ענדיקט. אזוי, יעדנפאלס, האָט ער געטראכט. די שיינהייט האָט זיך נאָך מער אײַנגעשפּארט, — דו גיי נאָר נאָענט ניט צו צו איר! זי חאָט זיך געלאָזט לויפן קיין קיִעוו צום גובערנאטאָר, אָבער, גאָט צו דאנקען, מע האָט עס באלד באמערקט און זי געכאפּט שוין אינ ליסיאנקע. זי וואָלט עס אָנגעמאכט א גערודער, ווען זי וואָלט זיך דערקליבן קיין קיִעוו! דער פרײַנט אונדזערער האָט זיך טאקע גוט דערשראָקן, די זאך האָט שוין געשמעקט מיט אָפּעקע און אויב ניט מער. און איבער וואָס? איבער א פּוסטער נארישקייט! איבער א קאפּריזנער מויד. דעם עמעס געזאָגט, זײַ־נען אונדזערע גוטבאזיצער גענוג צעלאָזט: זיי דערלויבן זיך אמאָל אזעלכע שטיק, אז אף אנ אנדער אָרט וואָלט מען ניט געקוקט דערויף, וואָס ער איז א גוטבאזיצער... אָבער וואָס דארף מען רעדן, ס'איז נישט אונדזער זאך. ס'גייט איבער א יאָר, נאָך א יאָר, אונדזער פרײַנט קריכט פון דער הויט ארויס, און די זאך האָט זיך אף קיין האָר ניט געענדערט. ער איז אראָפּ פון פּאָ־נעם, גרינ געוואָרן. — ווארף אוועק, זאָג איך! שפּײַ זיך אויס אף

איר! — כ'קען נישט, — זאָגט ער. אָט וואָס ס'הייסט אָט די פּאַסקודנע לײדנשאַפט! אין אָנהייב האָט ער זי געהאַלטן אונטער אַ שלאָס, ווי אַ שקלאַפן, נאָר ווען ער האָט דערזען, אַז דאָס העלפט אויך ניט, האָט ער איר געגעבן די פולע פרײַהײַט. נאָר דאָס איז נאָך ווייניק. ער האָט דאָס גאַנצע הויז איבערגעגעבן אין איר רעשוס, אַרומגערינגלט זי מיט קאָלערליי לוקסוסן, אַליין געוואָרן אַ לאַקיי, אָבער ס'העלפט נישט! וואָס וויל זי נאָך? זי וויל אים אפילע נישט זען. אָט ווי זי שטייט אײַן אונדזער פאָטערלענדישע אַקשאָנעס, אָדער ביכלאַל די אַקשאָנעס פון אַ פרוי. אַזוי האָט ער זיך מ'ט איר אָפּגעמאַטערט נאָך אַ האַלב יאָר און האָט שוין געוואָלט זי, די פאַרפלוכטע, אוועקוואַרפן און אַליין געוואָלט פאָרן אין די בעדער זיך היילן. און פּלוצעם — באַץ! אַ בריוו פון פּרעדוואָדיטעל דוואָריאַנסטווא, אָדער בעסער געזאָגט אַ פאָרמעלע פּאָדערונג, אַז ער, דער ראָטמיסטער, דער און דער זאָל לויט דער פּאָדערונג פון דער העכערער מאַכט באַשטימען אַ פּרײַז פאַר זײַן לײַבייגענער דער פּויערטע, דער און דער אַפּנגרונט פון געזעץ באַקומען דאָס געלט פון קאָמיטעט פון פאַרוואַנדעטע. ער איז מיט דעם פּאַפּיר גלײַך צו מיר געקומען צו לויפן. איך האָב איבערגעלייענט און, כ'מוז זאָגן, כ'בין געבליבן אָפּהענטיק. צי האָט זיך ניט דערוווּסט די העכערע מאַכט וועגן זײַנע שטיקלעך? — טראַכט איך. אָבער ניין, די העכערע מאַכט האָט דערויף קיין צײַט ניט. מיר האָבן געטראַכט און געטראַכט און געענדיקט דערמיט, וואָס מיר האָבן גאָרנישט צוגעטראַכט. ס'איז אַריבער נאָך אַ כוידעש, אונדזער פרײַנט שווײַגט, ער וואַרט, צי ס'וועט ניט אַריבער דער שטורעם. אָבער דער שטורעם איז ניט אַריבער. ס'באַקומט זיך נאָך אַ פּאַפּיר פון דעם זעלבן פּרעדוואָדיטעל דוואָריאַנסטווא מיט אַ צוגאָב, אַז פאַר זײַן העלדישקײַט און פאַר זײַנע ווונדן, וואָס ער האָט באַקומען באַ דער

פאַרטיידיקונג פון סעוואַסטאָפּאָל, בעת דער מאַטראָס יאַקאָוו אָבע־רעמענקאָ באַם קאָמיטעט פון די פאַרוווּנדעטע, מע זאָל באַפרייַען זייַן לייַבלעכע שוועסטער פון לייַבקנעכטשאַפט. און צום שלום איז געוואָרן צוגעגעבן, אַז קורנאַטאָווסקי זאָל פּערזענלעך אָדער דורך אַ מענטשן, וואָס ער פאַרטרויט אים, באַקומען אין קיִעוו די סו־מע געלט, וואָס ער אַליין וועט באַשטימען. איז אָט קעדיי ניט באַשטימען און ניט באַקומען קיין שום געלט, איז ער אַליין מיט איר אַוועקגעפאָרן קיין קיִעוו און זיך דאָרטן מיט איר פאַר־קנאַסט. ווי געפעלט אײַך דער דאָזיקער כעוורעמאַן! ער האָט אפי־לע געקלערט דאָרט מאַכן די כאַסענע, אָבער איר האָט זיך פאַר־וואָלט, אַז דער ברודער אידער זאָל איבער איר דעם קראַנצ האַלטן.

— אָט האָסטו דיר די העראָיִשע פּאָעמע, — האָב איך אַ טראַכט געטאָן.

— אַ שיינע געשיכטע, ניט אַזוי? — האָט מיט אַ גענעץ גע־פרעגט מייַן קאָרעוו.

— אַ לייַטישע געשיכטע! — האָב איך געענטפערט צע־שטרייַט.

פאַר אַ שאָ צוויי אײדער די זון איז פאַרגאַנגען, האָט זיך די קו־זינע אונטערגעבונדן די באַק און איז געבליבן אינדערהיים, און איך מיטן קאָרעוו זייַנען אַוועקגעפאָרן צו די כאַסנ־קאַלע.

אונטערוועגנס האָב איך איבערגעמאַכט מייַן העראָיִשע פּאָע־מע אַף אָט דעם באַשיידענעם „אַ שפּאַציר מיט פאַרגעניגן און ניט אָן מאָראַל". און וואָס ס'וועט ווייַטער זייַן, וועלן מיר זען.

צווייטער טייל

I

אזויארום, זײַנען מיר אינצווייען מיטן פרײַנט, ד. ה. מיטן קאָרעוו, אוועקגעפאָרן צו גאסט צום יונגן פאָרפאָלק, און אײַנדערהיים געלאָזט די קלוימערשט שלאפע קוזינע, זי זאָל אפ דער פרײַ באטראכטן, וויאזוי זאָל זי זיך האלטן מיט דער אופגעקרמענער, מיט דער באצויבערנדיקער שכיינע. מיר זײַנען ארויסגעפאָרן פון דאָרף און דערנאָך פונעם טונקעלן לינדן־וועלדל און זײַנען ארויס אפ א שיינעם זיגזאגארטיקן וועג, וואָס האָט זיך געשפרייט איבערן פרײַען פעלד. איבערן פעלד זײַנען געווען ערטערווײַז צעוואָרפן דעמבענע ביימער מיט טרוקענע שפיצן. אז מיר זײַנען אזוי מיט לײַכטן גאנג דורכגעפאָרן א ווערסט צוויי, האָט מײַן קאָרעוו געהייסן דעם אָנטרײַבער זיך אָפשטעלן לעבן קאָלאָסאלן טרוקענעם דעמב, וואָס האָט אינמיטן וועג אוועקגעלייגט זײַנע אנטבלויזטע טרוקענע וואָרצלען, ווי לאנגע מיִעסע פיס.

— איר ווילט, — האָט געזאָגט דער קאָרעוו, — וועל איך אײַך ווײַזן אן אומקלאָרן היסטאָרישן צייכן. איר זײַנט א מענטש א

קלוגער, מיר קענען זיך צו אייך ניט גלייכן, עפשער וועט איר אים פאנאנדערקלייבן.

איך האָב געבעטן דעם קאָרעוו מיר ווייזן דעם אומקלאָרן היסטאָרישן צייכן. ער האָט מיר אָנגעוויזן אין דעמב א לאָך, פון וועלכער ס'איז נאָרוואָס ארויסגעפלויגן א סאָווע.

— זעסטו, ווו זי האָט זיך באהאלטן, — האָט געזאָגט דער אָנטרייבער, קוקנדיק אפ דער סאָווע, וואָס איז אוועקגעפלויגן. און דער קאָרעוו האָט מיך געפרעגט, צי ווייס איך פון אָט דעם אויסהויל. איך האָב געענטפערט, אז איך ווייס וועגן אים גאָרניט.

— איז טרעפט, אויב איר זיינט א כאָכעם, — האָט ער גע־היימניספול פאָרגעזעצט.

— כ'רעכן, אז א פיקהאָלץ האָט אים אפ דער פריי אויסגע־בויערט, — האָב איך געענטפערט און וועגן גאָרנישט ניט געטראכט.

— א פיקהאָלץ, אָבער ניט קיין פּאָשעטער, נאָר פון טשוהון. קוקט זיך גוט איין און טאפט עס אָן, וועט איר זען, וואָס פאר א פיקהאָלץ עס זיצט דאָרט, — האָט ער געזאָגט מיט זעלבסטצו־פרידנקייט.

איך בין ארויס פון עקיפאזש, א קוק געטאָן אפ דעם אומ־פארשטענדלעכן אויסהויל, און וואָס, וואָלט איר געמיינט, האָב איך דאָרט דערזען? א טשוהונענע קויל די גרייס פון א היפשן פויסט.

— נו, ווי געפעלט אייך דער פיקהאָלץ, הא? — האָט לאכנ־דיק געפרעגט מיין קאָרעוו.

— א גוטער פיקהאָלץ, — האָב איך געענטפערט און בין צו־געגאנגען צום עקיפאזש.

— וויאַזוי־זשע און ווען איז ער אהער אריינגעפלויגן? — האָב איך געפרעגט בא מיין באגלייטער.

— אָט דאָס איז שוין אייער זאך. מיר זיינען מענטשן פּינ־

צטערע, ווי אָט דער דאָזיקער היסטאָרישער צייכן. הייסט עס, אַז איר קענט אויך ניט פאַנאַנדערקלײַבן? — האָט ער איראָניש פאַר־געזעצט.

— כ׳קען ניט פאַנאַנדערקלײַבן, — האָב איך געזאָגט און זיך אַרײַנגעזעצט אין ברישקע.

— מע דאַרף קלערן, אַז אַמאָל איז דאָ פאָרגעקומען אַ גרויסע שלאַכט, — האָט ער געזאָגט מיט ווירדע, ער האָט עפּעס אַ טראַכט געטאָן און דערנאָך צוגעגעבן, — און עפּשער איז אויך די אַרטילערישע ציל־ברעט דאָ נאָענט געשטאַנען.

— ס׳קען זײַן, — האָב איך געזאָגט, און מיר האָבן זיך גע־לאָזט ווײַטער.

אָט דאָס, וואָס ער האָט זיך אַזוי גיך אָנגעשטויסן, האָט בײַ מיר צעזייט די פּינצטערע היסטאָרישע געדאַנקען וועגן דער קויל, וואָס איז אַרײַן אין דעם אויסהויל, און איך האָב פּריילעכער אַ קוק געטאָן אַף דעם גרינעם פעלד, וואָס איז נאָר ערטערווײַז געווען אַרומגעשטעלט מיט טרוקנשפּיציקע דעמבעס. און וואָס פאַר אַ שלאַכט האָט געקענט פאָרקומען אין דער דאָזיקער גאַ־ניידנדיקער געגנט? — האָב איך זיך אַליין אופריכטיק געפרעגט. איך האָב פאַרגעסן, אַז אַפילע אין גאַניידן האָט איין ברודער דערשטאָכן דעם צווייטן. כ׳האָב ניט באַוויזן גוט אַ טראַכט טאָן וועגן דעם ערשטן ברודער־מאָרד, ווי אַפן האָריזאָנט פונעם גאַ־ניידן־פעלד האָבן זיך באַוויזן צוויי בערגלעך און עפּעס אַ פּיראַ־מידאַרטיקער לײַכט־טורעם. הינטער די צוויי בערגלעך האָבן מיר דערזען נאָך עטלעכע קליינע קוואָרימ, און באַם סאַמע ראַנד פון פּינצטערן וואַלד, וווּ ס׳האָט זיך באַהאַלטן אונדזער שיינער וועג, האָט זיך באַוויזן אַ קליינע פּירעקעכיקע ערדענע פעסטונג. זי האָט געהאַט פּונקט אַזאַ פאָרם און אַזאַ גרייס, ווי די פעסטונג אַפן פעלד אַרום ליסטוועג, לעבן טשערניגאָוו, וווּ דער העלד

מסטיסלאוו האָט זיכ געשלאָגנ מיט זײַנ אייגענעמ ברודער, מיט יאראָסלאוונ, מיט איינ אונטערשייד נאָר — די ליסטווענער פעסטונג פארזייט מענ מיט ברויט, אונ אינ אָט דעמ באסטיאָנ, אינ וועלכנ די געשיכטע האָט פארגעסנ, האָט דער קלוגער באלעבאָס צונויפגעלייגט די סקירדעס ברויט, וואָס מע האָט צונויפגענומענ אינ פעלד. דער פריערדיקער מיליטער־פלויט דינט איצט אלס א פלויט פאר די פרוכטנ פונ פלײַסיקנ ערד־ארבעטער. אנ אָנגענעמע פארוואנדלונג!

— אונ מײַנ טיפעש דעמ עקאָנאָמ וועט ניט קומענ אינ קאָפ מאכנ בא זיכ אזא פולווארק, — האָט א זאָג געטאָנ מײַנ מיטפאָרער, קוקנדיק אפ דער פעסטונג, וואָס איז באשיצט געווענ מיט די סקירדעס פונ פאראיאָריקנ ברויט.

— איר האָט דענ אויכ אזא נעסט? — האָב איכ בא אימ געפרעגט.

— פאראנ. נאָר ס'איז באוואָקסנ מיט וואלד. אונ ס'איז אנ אויסגעצייכנטער אײַנפאל! איכ וועל אומבאדינגט הייסנ אויסהאקנ דעמ וואלד אונ בא זיכ מאכנ פונקט אזא זאכ.

איכ האָב אימ קיינ וואָרט ניט געזאָגט אפ אָט דעמ געניאלנ אגראָנאָמישנ אופטו, אונ מיר זײַנענ שווײַגנדיק ארײַנגעפאָרנ אינ א פינצטערנ שווײַגנדיקנ וואלד.

פונ די ברעגנ פונעמ שטילנ דאָנ ביז די קרעמענ־ברעגנ פונעמ שטארק־פליסנדיקנ דניעסטער — איז איינ גרונט, איינ שפראכ, איינ שטייגער, איינ פיזיאָנאָמיע פונ פאָלק, אפילע די לידער זײַנענ די זעלבע, ווי קינדער פונ איינ מוטער. אונ דאָס פארגאנגענע לעבנ פונ אָט דעמ הײַפל קינדער, פונ דער גרויסער סלאוויאנישער מישפאָכע איז ניט קיינ אלציינס. אפ די פעלדער פונ וואָלינ אונ פאָדאָליע קענט איר אָפט זענ שיינע כורוועס פונ אוראלטע מאסיווע פאלאצנ אונ זאלנ, וואָס זײַנענ אמאָל געווענ פרעכטיק, ווי לעמאָשל, אינ אָסטרע אונ אינ קאָרעצ. אינ קאָרעצ

איז אפילע דער קלויסטער, ווו ס'זייַנען באַהאַלטן די פאַרבאַלזאַמירטע קערפּערס פון דעם גראַף קאָרעצקיס מישפּאָכע, אויך פאַרוואַנדלט געוואָרן אין א כורווע. איז וואָס־זשע, ווען וואָס דערציילן אָט די שטומע איידעס פון דער פאַרגאַנגענהייַט? וועגן דעספּאָטישקייַט און קנעכטשאַפט! וועגן כלאָפּעס און מאַגנאַטן! א קייווער, א קורגאַן אַף וואָלין אָדער פּאָדאָליע — איז א גרויסע זעלטנהייַט. אַף די ברעגן פון דניעפּער אָבער, אין קיִעווער און פּאָלטאַווער גובערניעס, וועט איר ניט אָפּגיין קיין צוויי ווערסט מיטן פעלד, איר זאָלט ניט זען א הויכן קייווער און אַמאָל אפילע צענדליקער קוואָרים, און איר וועט ניט זען קיין איין כורווע אַף דעם דאָזיקן שעטעך פון דרייַ גובערניעס, סייַדן עפשער בא א רייַכן גוטבאַזיצער — א ליבהאָבער וועט איר אין סאָד געפינען א הילצערנעם אויסגעפּאַרבטן קלויסטער וועסטא אין סטיל פון ראָטאָנדא טיוואָלי. וואָס־זשע זאָגן דעם פאָרשנדיקן יוירעש אָט די פינצטערע קוואָרים אַפן ברעג פון דניעפּער און די גראַנדיִעזע רויִנעס פון הויפן און פּאַלאַצן אַף די ברעגן פון דניעסטער? זיי דערציילן וועגן קנעכטשאַפט און פרייַהייַט! אָרעמע, שוואַכע וואָלין און פּאָדאָליע, זיי האָבן באַשיצט זייערע מערדער אין די אומצוטריטלעכע פּאַלאַצן און אין די קאָסטבאַרע זאַלן. און מייַן שיינע, מעכטיקע אוקראַיִנע, וואָס האָט אַזוי ליב פרייַהייַט, האָט אָנגעפילט מיט אירע פרייַע און מיט פייַנטלעכע קערפּערס די אומצאָליקע גרויסע קורגאַנעס. זי האָט ניט געלאָזט, מע זאָל שענדן איר רום, געטראָטן דעם סוינע דעם דעספּאָט מיט די פיס און געשטאָרבן א פרייַע, א ניט דערשטיקטע. אָט וואָס עס באַטייַטן די דאָזיקע קוואָרים און די רויִנעס. ניט אומזיסט זייַנען אומעטיק און טרויעריק אייַערע לידער, פאַרטראַכטע לאַנדסלייַט מייַנע! געשאַפן האָט זיי די פרייַהייַט, און געזונגען האָט זיי דער שווערער איינזאַמער יאָך.

ביז איך האָב געלייזט אָט די אומקלאָרע ארכעאָלאָגישע אויפֿגאבע, איז דער טונקעלער וואלד, איבער וועלכן מיר זיינען געפֿאָרן, געוואָרן נאָך טונקעלער. די שפּיצן פֿון די אלטע הויכע קליאָנען און יאסענעס, וואָס האָבן ערשט ניט לאנג געפֿינקלט אף דעם העל־פֿיאָלעטן הימל־פֿאָן, זיינען פֿינצטער געוואָרן. הייסט עס, אז די זון איז פֿארגאנגען. ס׳וואָלט ניט געשטערט זיך צוצוײַלן, האָב איך א טראכט געטאָן. אָבער ס׳איז זיך שווער צו אײַלן: אף יעדער טריט — א גרוב, אָנגעפֿילט מיט א שיטערער בלאָטע, אָדער א וואָרצל פֿון א בוים האָט זיך ווי א קלאָץ צעצויגן פֿאַרפֿערעק דעם וועג און וואַרט, ווי צעבערעכט מען עס א גוטן מענטשן א ראָד, אָדער ווי טוט מען עס אָפּ א שפּיצל אף אן אנדער אויפֿן.

ס׳טרעפֿט אויך אמאָל, א צענדליק צוויי טריט איז דער וועג א גוטער, דערפֿאַר גייט פֿון וואלד, ווי אומיסטן, ארויס א טרוקענער וואָרצל, ווי דער מערדער ארקושע, און שטעלט זיך אינמיטן דעם סאמעטענעם וועג. טו זיך וואָס דו ווילסט. עטלעכע דוירעס טשובאטע לאנדסלײַט מײַנע ברעכן די אקסן איבער אָט דעם מערדער, און ער שטייט זיך, ווי גיט אים מייגט מען עס, נאָר זײַנע ווײַסע זײַטן זײַנען אויסגעשמירט מיט סמאָלע און מער גאָרניט. כאָטש א סימען, כאָטש א שאָטן פֿון ווילן צו פֿארניכטן אָט דעם שעדיקער פֿון אקסן. גאָרנישט, קיין קלענסטער סימען נישט. זאָל ער זיך שטיין, ווו גאָט האָט אים אוועקגעשטעלט, זאָגן די נאיווע לאנדסלײַט, — און רוּיק ברעכן זיי ווײַטער זייערע פֿעסטע הראבינע־אקסן. דאָס איז נאָך גאָרנישט, אין וואלד איז ניט קיין כידעש צו צעברעכן איינע צי צוויי אקסן: ווי זאָגט מען עס — א וואלד. אָבער איר פֿרוּווט דערווײַזן פּונקט אזא קונצ אינמיטן העלן טאָג און אף א גלאטן רוישיקן סטעפּ. אָט דאָס איז א זאך, און א דײַטש וועט עס ניט באַווײַזן. און מײַן לאנדסמאַן האָט

עס דערוויזן. ער איז, פאַרשטייט איר מיך, געפאָרן מיטן הויפּטוועג, ער האָט געפירט היי פאַרקויפן די אולאַנער — די מאָסקאַלן. דאָס איז געווען גאַנצפרי. די אָקסן האָבן זיך גערוקט פּאָרויס, און מייַן לאַנדסמאַן, ליגנדיק אפן היי, האָט שטיל א ליד געזונגען, וווייַזט אויס, א פאַנעגיריק זייַנע קרומהאָרנדיקע כאַווייירים. געזונגען, געזונגען, און ניט פאַרענדיקט די ליד, אַנשלאָפן געוואָרן, און די קרומהאָרנדיקע כאַווייירים זייַנען זיך געגאַנגען, געגאַנגען שטילערהייט און האָבן זיך אָפּגעשטעלט, מיטן אקס זיך פאַרטשעפּעט בא אן אויסגעפּאַרבטן ווערסט־סלופּ, וואָס איז ווי אומיסטן אוועקגעשטעלט געוואָרן באם ראַנד פון וועג. אונטער דער ווירקונג פונעם שמעקעוודיקן גראָז און פעסטן פרישטיק האָט דער לאַנדסמאַן מייַנער טאַקע א גוטן כראָפּע געטאָן. אופגעכאַפּט האָט ער זיך שוין צו האַלבטאָג, אַדאַנק די בראָטנדיקע זון־שטראַלן. ער כאַפּט זיך אוף און זעט, אז זייַנע קרומהאָרנדיקע ברידער כיטרעווען, זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט. ער האָט א פּאָכע געטאָן אפ זיי מיטן לאַנגן בייַטש; די ברידער האָבן זיך א ריר געטאָן, און די פּאָדערשטע אקס ווי זי איז נישט געווען. דער פאַרווונדערטער לאַנדסמאַן מייַנער האָט זיך פון ווייכן שמעקנדיקן געלעגער אראָפּגעקאַטשעט אפ דער האַרטער טרוקענער ערד, פויל זיך אופגעהויבן, זיך ארומגעקוקט און, דערזעענדיק די אויסגעפּאַרבטע זאַך, די סיבע פון דער קאַטאַסטראָפע, האָט ער אויסגעצויגן א זאָג געטאָן:

— פאַרפלוכטע דייַטשן, וואָס האָבן זיי אָנגעטאָן? ס'איז ענג געוואָרן א גוטן מענטשן אפילע אין סטעפּ!

אָ, ליבע, אומשולדיקע לאַנדסלייַט מייַנע! ווען איר זאָלט אזוי מיט מאַטעריעלן גוטס רייַך זייַן, ווי מיט מאָראַלן האַרציקן צויבער, וואָלט איר געווען דאָס גליקלעכסטע פאָלק אפ דער וועלט! אָבער צום באַדויערן! אייַער ערד איז, ווי דער גאַניידן, ווי א גאָרטן, פאַרפלאַנצט מיט דער האַנט פון גאָט דעם מענטשנליבנ־

דיקן, און איר זײַנט נאָר אומזיסטע אַרבעטער אין אָט דעם פּרוכטבאַרן, רײַכן סאָד. איר אָרעמע לאַזאַרס, וואָס נערן זיך מיט די פאַלנדיקע שטיקלעך פונעם רײַכן עסן פון אײַערע ברידער די פּרעסער, וואָס עסן און עסן זיך ניט אָן.

— אומזיסט, — האָב איך געזאָגט, — ווענדנדיק זיך צו מײַן קאָרעוו, — האָט איר גענומען די קאָליאַסקע, אין בריטשקע וואָלטן מיר גיכער דערפאָרן.

— מע האָט געמיינט, אַז אויך די באַרימטע וועט פאָרן, — האָט געענטפערט דער אָנטרײַבער אָנשטאָט דעם באַרין, וואָס האָט רויִק געכראָפּעט.

— ס'איז נאָך ווײַט צו קורנאַטאָווקע? — האָב איך געפרעגט באַם אָנטרײַבער.

— גאָט ווייסט עס, — האָט ער געענטפערט, — מע זאָל אויסהאַקן אָט דעם פאַרפלוכטן וואַלד און אוועקשטעלן ווערסט־סלופּעס, וואָלט מען זיי געקענט צונויפציילן און זאָגן. און אַזוי ווי קען מען וויסן. מע קען כאָלילע אַ ליגן זאָגן. און אויב נישט אויסהאַקן דעם וואַלד און אוועקשטעלן ווערסט־סלופּעס, וועל איך אײַך זאָגן, אַז די ווערסט־סלופּעס וועלן גאָרניט העלפן: ווי זאָגט מען עס — אַ וואַלד, — האָט ער צוגעגעבן און אויסגעקערעוועט צו מיר זײַן פּאָנעם. — אַ מידבער, וואָס מע קען ניט דורכגיין! מע קען דעם עקיפּאַזש צעברעכן און וועסט אָפּשטיין אַ מעסלעס אָדער צוויי. אָט האָסטו דיר ווערסטן! דאָס איז נאָר אַ שטערונג פאַר דיר אין דעם וואַלד, ניט מער.

— וואָס־זשע פאַר אַ שטערונג? האָב איך באַ אים געפרעגט.

— אָט אַזאַ שטערונג! וועסטו זיך פאַרקוקן אַף אָט דעם אויסגעפאַרבטן אירהאָד, און פּלוצעם — נאַ דיר אַ פּען אָדער אַ גרוב. אַזוי ווי דער טײַוול אַליין, ניט אַף אונדז געזאָגט געוואָרן, — און ער האָט זיך איבערגעציילעמט, — האָט עס אונ־

טערגערוקט אונטערנ עקיפאזש. אײַך איז, פארשטייט זיך, גאָר נישט, איר קוקט זיך צו אים, וויפל איר ווילט, אפ דעם ווערסט, איר לייענט זיך די ציפרע און מער גאָרנישט. און אונדזער ברודער קענ זיך מיט אזעלכע זאכנ ניט פארנעמענ. דאנקענ גאָט, וואָס איך בינ אנ אמאָרעצ, אניט וואָלט איך אָפט ארײַנגעכאפט איבער די איראָד־ווערסטנ. און ווער האָט עס זיי אויסגעטראכט? ווײַזט אויס, די סאָלדאטנ, ס'זאָל זיי פריילעכער זײַנ אינ מארש גיינ. אניט ווער דענ קענ אויסטראכטנ אזא שטיקל.

ארויסזאָגנדיק אזא שארפזיניקע באמערקונג, האָט דער אָנטרײַבער ארויסבאקומענ פונ דער פאזעכע די ליולקע און גענומענ אויסהאקנ פײַער.

די געדיכטע, טונקעלע מידבאָריעס האָבנ אָנגעהויבנ ווערנ שיטערער, קלאָרער און ענדלעכ זײַנענ זיי אינגאנצנ אָפגעטראָטנ. נאָר בא די זײַטנ פונ וועג זײַנענ געבליבנ שווארצע ריזנ, ווי פארקישעפטע פאסטעכער ארומ א שווארצער פארקישעפטער סטאדע.

דער וועג איז געווענ א גלײַכער און א גלאטער. אָבער די בריטשקע איז געפאָרנ פונקט אזוי פאמעלעכ ווי אינ וואלד. דער פאָרזיכטיקער פילאָסאָפ דער אָנטרײַבער האָט גערויכערט די ליולקע און האָט ניט געלאָזט אינ גאנג זײַנ בײַטש, און די קלוגע פערד האָבנ אוואדע ניט געוואָלט אײַנמידנ זייערע שנעלע פיס. מיר האָבנ זיך גערוקט, ווי זאָגט מענ עס, טאפנדיק דעם וועג. אינ א פאָר מינוט ארומ האָבנ די פערד פארקלענערט זייערע טריט, וואָס זײַנענ אזוי אויכ קורצ געווענ, און איך האָב דערפילט, אז מיר לאָזנ זיך אראָפ פונ א בארג.

— צי דארפ מענ ניט פארהעלמעווענ? — האָב איך געפרעגט באמ אָנטרײַבער.

— מע דארפ נישט. דער בארג איז ניט קיינ מעשופעדיקער

און דער וועג איז ניט קײנ גוטער, — האָט ער געענטפערט, ניט אַרויסנעמענדיק פונ מויל די ליולקע. מיר האָבנ ווײַטער זיך שטיל אַראָפּגעלאָזט. אַז מיר זײַנעג שוינ געווענ אונטערנ באַרג, זײַנענ מיר ווידער אַרײַנ אינ וואַלד. אָבער דאָ איז שוינ דער וועג געוועזנ היפּש ברייטער אונ גלײַכער. רעכטס האָבנ זיך באַוויזנ קאָנישע שוואַרצע שפּיצנ פונ טאָפּאָלנ. צופּאָרנדיק צו די טאָפּאָלנ, האָט דער אָנטרײַבער זיך א קערעווע געטאָנ אפּ רעכטס, אונ מיר זײַנענ אַרײַנ אינ א ברייטער אַלייע פונ טאָפּאָלנ. אפּ דער האָריזאָנטאַלער ליניע האָבנ זיך באַוויזנ פײַערלעכ, אָבער ניט אפּ קײנ גלײַכנ אָפּשטאַנד אײנס פונעמ צווייטנ.

— אָט האָט איר קורנאַטאָווקע, — האָט א זאָג געטאָנ דער אָנטרײַבער אונ האָט נאָכ אַלצ ניט אַרויסגענומענ די ליולקע פונ מויל.

— אונ וואָס זײַנענ עס פאַר א פײַערלעכ, וואָס מיר זעענ? עפּעס א פאַבריק? — האָב איכ געפרעגט בא אימ, קוקנדיק אפּ די פינקלענדיקע פלעקנ פונ פאַרשיידענער גרייס.

— וואָס פאַר א פאַבריק? דאָס איז דעמ פּאָרעצס הויז, האָט ער געענטפערט שפּאָטיש. — דאָרט זײַנענ אַזעלכע זאַלנ, אַז איר וועט איבעראַשט ווערנ. בא אונדזער פּאָרעצ זײַנענ די קאָשאַרנ בעסער, — האָט ער צוגעגעבנ מיט דעמ זעלבנ טאָנ אונ האָט לאַנגזאַמ א פאָכע געטאָנ מיט דער בײַטש.

די פערד האָבנ א פירקע געטאָנ פונ אומדערוואַרטקײַט אונ פאַרגיכערט דעמ גאַנג. פונ דער ברייטער טאָפּאָל-אַלייע זײַנענ מיר אַרויסגעפאָרנ אפּ א שטאַרק ברייטנ הויפ, וואָס איז פונ דרײַ זײַטנ געווענ אַרומגערינגלט מיט אנ אײנשטאָקיקער נידעריקער געבײַדע. לינקס אינ ווינקל האָבנ געברענט צוויי לאַמטערנס איבער א צעעפנטער קלײנער טיר. געשיקט זיכ איז עס דער צענטראַלער אַרײַנגאַנג? — איכ האָב קוימ באַוויזנ פאַרגעבנ די פּראַ־

גע, ווי די קאָליאסקע האָט זיך אָפּגעשטעלט פונקט לעבן אָט דער טיר, וואָס איז באַלויכטן געווען מיט צוויי לאמטערנס.

II

ניט אָן מי האָב איך אופגעוועקט מײַן ליבן באַגלייטער, און מיר האָבן קוים זיך ארויסגערוקט פון עקיפּאַזש. אפן טיר האָט אונדז באַגעגנט א שטארק גרויסער פרעכטיקער שווייצאר מיט א בורלאווע און אף מײַן ריינעם אוקראַיִניש געפרעגט, צי דערלויבן מיר וועגן זיך מעלדן דעם פּאָרעץ. דאָס מעלדן איז געווען איבעריק, ווײַל דער פּאָרעץ אליין איז ארויסגעלאָפן אין קאָרידאָר און אונדז אײַנגעשלאָסן אין זײַנע אָרעמס. נאָך עטלעכע קושן האָט דער באַלעבאָס אונדז ארויסגעפירט פון שמאָלן קאָרידאָר אין א גרויסן צימער, וואָס איז אָבער געווען נידעריק און שמוציק און באַלויכטן מיט איין שפּיגלדיקן זונארטיקן לאָמפּ. אין צימער האָט געשמעקט מיט קעלער. מיר האָבן אָפּגעגעבן די אויבערקליידער א פארשלאָפענעם, אויך א קאָלאָסאלן לאקיי און זיך געלאָזט גיין נאָכן באַלעבאָס. מיר זײַנען ארײַנגעגאנגען אין א לאנגן, שמאָלן און נידעריקן צימער, וואָס איז ענלעך געווען אפן קאָרידאָר. דער צימער איז געווען אויסגעשפּאלירט מיט רויטן שפּאליר און באַלויכטן מיט א פּרעכטיקן לאָמפּ, אונטער א פּאפּירענעם אבאַזשור פון אלערליי קאָלירן. אכוץ אן אָוואלן טיש און א רויטן אָטאָמאַן איז קיין שום מעבל ניט געווען אין אָט דעם אומגעלומפּערטן צימער. און באַלד טאקע נאָכן באַלעבאָס זײַנען מיר דורך א שמאָלער געהיימער טיר (אנדערש קען מען זי ניט אָנרופן, זי איז געווען שמאָל און נידעריק, באַדעקט מיט דעם זעלבן שפּאליר, וואָס דער צימער) ארײַן אין אן אומענדלעך־לאנגן און שמאָלן קאָרידאָר, וואָס איז באַלויכטן געווען מיט צוויי זונארטיקע לאָמפּן. מיר זײַנען אפילע קיין העלפט קאָרידאָר ניט

דורכ, האָט דער באַלעבאָס געעפנט פּונקט אזא געהיימ טירל אונ האָט אונדז אריַינגעלאָזט אינ א גרויסנ פּירעקעכיקנ צימער, וואָס איז געווענ ארומגעשטעלט מיט פארשיידענע קושעטקעס ניט פונ קוסטארישער אויסארבעטונג, נאָר קימאט פונ זאמבקאָווער אויס־ארבעטונג. באַלויכטנ איז געווענ דער צימער מיט א הענגלאָמפּ, איבער וועלכנ א בערדיקע באוואָפנטע פיגור האָט אונטערגעהאלטנ א פּאפּירענעמ פארשיידנקאָלירִיקנ אבאַזשור.

— אונ פארוואָס האָט איַיער ליבע אגאטע אונדז ניט באַ־זוכט? — האָט געפרעגט דער באַלעבאָס בא מיַינ קאָרעוו, דריקנ־דיק אימ די הענט.

— זי איז עפּעס ניט אינגאנצנ געזונט, — האָט געענטפערט מיַינ קאָרעוו אונ זיכ פארהאקט.

— א שאָד, א גרויסער שאָד! — האָט דער באַלעבאָס געזאָגט געריִרט אונ אויכ זיכ פארטשעפּעט, — אונ מיר וואָלטנ צונויפ־געשטעלט א פּרעפעראנסל, — א שאָד, א גרויסער שאָד!

— איכ בעט זיכ זעצנ, מיַינע הערנ, — האָט ער געזאָגט פּאַ־מיליאר, אָנוויַיזנדיק אפ די פארשיידענע קושעטקעס, אונ צוגע־געבנ מיט א כיטרענ שמייכל: „אפ א וועלכנ איר ווילט אינסטרו־מענט".

באַלד נאָכ דעמ האָט ער א פּאטש געטאָנ מיט די הענט, אונ אפ דעמ סולטאנישנ רופ האָט זיכ באוויזנ א יאטל אינ א רויט הוסאריש רעקל.

— טיי אונ ליולקעס! — האָט געזאָגט דער באַלעבאָס, אונ דער הוסאריק איז פארשוווּנדנ געוואָרנ.

פונ דער זעלבער טיר, אינ וועלכער ס׳איז פארשוווּנדנ דער מיניִאטורער הוסאריק, איז ארויסגעקראָכנ א הויכע מאָגערע פּלי־כעוואטע פיגור מיט שטארק גרויסע וואָנצעס אונ מיט א מילי־טער־סערדעטל, אָנ עפּאָלעטנ.

— איך רעקאָמענדיר אײַך, — האָט געזאָגט דער באַלעבאָס, אָנווײַזנדיק אַפּ דער פיגור, וואָס האָט זיך באַוויזנ. — פונ אײנ פּאָלק, אינײנעמ קאשע געגעסנ, איוואַנ איוואַנאָוויטש ווערפּאָרוטשיק בערגאָפּ.

דער אומבאַקאַנטער האָט זיך שווײַגנדיק א נויג געטאָנ אונ האָט אויסגעשטרעקט זײַנע לאַנגע, בײנערדיקע הענט. מיר האָבנ געטאָנ דאָס זעלבע, אונ די מאָגערע לאַנגע פיגור איז שווײַגנדיק אָפּגעגאַנגענ אינ א ווינקל אונ זיך צעשפּרײט אַפּ אײנעמ פונ די אינסטרומענטנ. די שטילקײַט איז צעשטערט געוואָרנ דורכ דעמ קלײנינקנ הוסאַריק, וואָס האָט זיך באַוויזנ מיט צווײ אומענדלעכע ציבעקעס אונ מיט א לאַקײ, אומענדלעכ גרויס, ווי די ציבעקעס. דער לאַקײ האָט געבראַכט אַפּ א זילבערנער טאַצ טײ אונ גלעזער אונ ראָמ אינ א גרינעמ שוואָמאַרטיקנ גראַפינ א גאַנצ היפּשנ. דער באַלעבאָס האָט אָנ צערעמאָניעס דערגאָסנ מיט ראָמ די אומיסטנ ניט פול אָנגעגאָסענע גלאָז פונ מײַנ קאָרעוו אונ מיר איבערגעגעבנ דעמ גראַפינ.

— העלענע מײַנע... — האָט געזאָגט דער באַלעבאָס אונ זיך אָפּגעשטעלט, — מײַנ העלענע, — האָט ער פאָרגעזעצט, אוועקזעצנדיק זיך מיט די פיס אַפּ דער קושעטקע, — זי איז הײַנט אויכ ניט אינגאַנצנ געזונט.

— וואָס איז מיט איר? — האָב איכ געפרעגט מיט מיטגעפיל.

— אַזוי, גאָרנישט... איך קוק אַפּ די זאַכנ ווי א פילאָסאָפ: זאָלנ זײ זיך זאָגנ, וואָס זײ ווילנ. די הינט וועלנ א ביל טאָנ אונ אופהערנ.

איך האָב גאָרניט ניט פאַרשטאַנענ פונ דעמ, וואָס דער באַלעבאָס דער פילאָסאָפ האָט געזאָגט. מײַנ קאָרעוו האָט פילדײַטיק געשאָקלט מיטנ קאָפּ אונ געשמײכלט, אונ פונ דעמ האָב איך באַשלאָסנ, אַז ער האָט פאַרשטאַנענ ניט מער פונ מיר.

נאָך דריַי גלעזער טיי מיט א צוגאָב איז דער שמועס אַרי־בער אף פערד, אף היגט, און ענדלעך אף שכיינים און שכיינעס. אין דער צאָל פון די לעצטע איז עטלעכע מאָל אָנגערופן גע־וואָרן די פאמיליע פון מאדאמ פרעכטעל און אלעמאָל מיט עפּעס א צוגאָב, ווי לעמאָשל „קאראקאטיצע" אָדער „קובאר־טיקע".

וויַיזט אויס, אז די מאדאמ פרעכטעל איז אן אָנשטענדיקע פרוי, אנדערש וואָלטן זיי זי געשעצט. דער שמועס איז געוואָרן לעבעדיקער, אינהאלטלאָזער און שמוציקער, און ס'האָט זיך געענדיקט דערמיט, וואָס דער באלעבאָס האָט געהייסן דערלאנגען א טיש, קאָרטן און בעטן אהער די פאנע דאָראָטע. אין איין מי־נוט איז אלץ געוואָרן אויסגעפילט, און צום שלוס האָט זיך באוויזן די פאנע דאָראָטע. זי האָט שוויַיגנדיק און קאָקעטיש זיך פארנויגט און איז צוגעגאנגען צום טיש. א פארווונדערטער האָב איך אין דער פאנע דאָראָטע דערקענט אָט די זעלבע אלטע דוועניע, בא וועלכער איך האָב ניט העפלעך צוגענומען מיַין טיי אף דער פּאָטשט־סטאנציע. די שפּילער האָבן זיך אוועק־געזעצט אף די ערטער, און איך בין געבליבן עפּעס ניט אהין און ניט אהער.

אין דער געזעלשאפט פון קאָרטנשפּילער, וואָס זיַינען פאר־נומען מיט זייער פּראָפעסיע, איז די נעבעכדיקסטע און געמיינ־סטע פיגור — דער צושויער. און די קוזינע מיַינע, מע זאָל זי מיט עפּעס בעסערס דערמאנען, קען זיך ניט-פאָרשטעלן קיין בעסערן און זיסערן פארגעניגן אין לעבן, ווי שוויַיגנדיק באאָבאכטן פרעמ־דע „צווייען" און „דריַיען". דאָס איז פאר איר העכער, ווי וועלכע ניט איז בילדער־גאלעריע, אלציינס ווי פאר א כאזער א כא־זער־שטאל, אָדער נאָך זיסער. אָבער צום באדויערן! זי האָט ניט פאָרויסגעזען דעם דאָזיקן טיַינעג, וואָס איז צופעליק אויסגע־

פאלן אפ מיין גורל, און אומזיסט האָט זי זיך אויטערגעבונדן די באק און געבליבן אינדערהיים. אזא נאר! און איך בין אן אָפּגעריסענער נאר! קעדיי ניט שפילן די ראָל פון אן אווטאָמאט, די באליבסטע ראָל פון מיין קוזינע די שיינהייט, האָב איך גלייכגילטיק פארלאָזט די געזעלשאפט פון קאָרטנשפילער און בין ארויס פון קאבינעט אָדער גאסטצימער, — דער טייוול ווייסט אים, וואָס ער איז, — איך בין ארויס מיט דער זעלבער טיר, פון וועלכער ס'איז ארויסגעקראָכן די שווייגנדיקע פאנע דאָראָטע, און פארבייגעגאנגען א שמאָלן ניט קיין לאנגן קאָרידאָר, בין איך אריין אין א גרויסן קיילעכיקן צימער, וואָס איז געווען אויסגעפארבט מיט בלאָווע און רויטע פאסן אין סטיל פון א טערקישביידל. א קיילעכיקער גרויסער טיש אינמיטן צימער. און א רויטער טערקישער דיוואן לעבן דער וואנט — דאָס איז געווען די באפוצונג און די מעבל פון צימער, און נאָך א לאָמפּ פון פיר רערן, וואָס האָט העל באלויכטן אָט די קונציקע זאל און דעם לאנגן לאקיי, וועלכער האָט פון טיש אראָפּגעראָמט דאָס טיי־געשיר. דער פּאָשעטער כעוורעמאן האָט מיך ניט געזען און האָט צוגעלייגט דאָס העלדזל פון גרינעם שוואָמארטיקן גראפין צו זיינע שטארק גרויסע ליפּן, אָבער צום באדויערן! אומזיסט, דער באלעבאָס און די געסט האָבן גאָרניש ניט איבערגעלאָזט.

פון דעם קלוימערשטן טערקישן ביידל איז געווען פיר ארויסגאנגען, און איך האָב אויסגעקליבן דעם, וואָס איז געווען קעגן דעם, פון וועלכן איך בין אריין אין דעם קלוימערשטן ביידל. א נייע, אינגאנצן א נייע דערשיינונג! א לאנגע גאלערייע, וואָס איז באלויכטן מיט עטלעכע אויך זונארטיקע לאָמפּן, איז געווען צעטיילט פון איין זייט מיט הילצערנע ווענטלעך אפ קליינע קעמערלעך, נומערירט מיט רוימישע גאָלדענע ציפערן. קעמערלעך איז געווען צען, און אין יעדערן פון זיי איז געווען א

הויקערדיקע קושעטקע און א בילד פון ווולגארער ארבעט און מיט א מיִעסן אינהאלט. דאָס איז נישט מער, ווי דער היימישער האַ־רעם פון דעם הער קורנאטאָווסקי — אַן אָפענע הייל פון זנוס, באַלויכטן מיט לאָמפּן! פּאסקודנע! מיִעס און פּאסקודנע! איז דאָס ניט די זעלבע פאַרשיידנאַרטיקע ריַיכקייט, מיט וועלכער ער האָט ארומגערינגלט זיַין איצטיקע פרוי און וועגן וועלכער ס'האָט מיר דערציילט מיַין נארישער קאָרעוו? נאָך פּאסקודנער און מיִעסער! מיר'ן זען, וואָס עס טוט זיך וויַיטער. פון דער פּאסקוד־נער גאַלערייע בין איך ארויס אין אַן אכטקאַנטיקן צימער, אויס־געפארבט לויטן כינעזישן געשמאַק. דער צימער איז באַלויכטן געווען מיט כינעזישע לאמטערנס און האָט געהאט פיר ארויס־גאַנגען, באַפּוצט מיט רויטע אויפשריפטן. איבער דער טיר, פון־וואַנען איך בין ארויס, איז געווען אָנגעשריבן: פ א ר ג ע נ י ג ן. אַף דער קעגנאיבערדיקער טיר — ב א וו ע ג ו נ ג, רעכטס, — ר ו, און לינקס — ל ו י ב. פון דער זיַיט פון „רו" און „לויב" האָט גע־שמעקט מיט שטאַל פאַר פערד און פאַר הינט. איך האָב אויסגע־קליבן די פירמע „באוועגונג" און בין אריַין אין א טונקעלן דופטיקן סאָד.

III

כ'האָב קוים באוויזן מאכן עטלעכע טריט אַף דער שמאָלער סטעזשקע, ווי כ'האָב דערהערט קלאַנגען פון עפּעס א קאַטערינ־קע, וואָס האָט געשפּילט עפּעס א מארש. די קלאַנגען האָבן זיך געטראָגן פון דער לינקער זיַיט, און, וויַיזט אויס, ניט וויַיט פון מיר. איך האָב געמאכט נאָך עטלעכע טריט פאָרויס און האָב זיך אָפּגעשטעלט. לינקס האָט זיך געצויגן א לאַנגע און שמאָלע אַלייע פון טאָפּאָלן, און אין עק פון דער אַלייע האָט געברענט א רויטער לאמטערן. איך האָב זיך געלאָזט צום לאמטערן אַז

איך בין דורכגעגאנגען די אַלייע, האָב איך זיך אָפּגעשטעלט אין פאַרווּנדערונג: פאַר מיר איז געווען אַ העל־באַלויכטענער פּאַווילִיאָן, אָדער עפּעס ענלעכס אַף אַ קאַמער, און דאָרט אין אים האָט געריפּעט אָן אויפהער די קאַטערינקע און ס׳האָבן זיך באַוועגט עפּעס ווײַסע פיגורן. די קאַטערינקע האָט געשפּילט אַ וואַלס, און די פיגורן האָבן זיך ניט געדרייט, ווי מ׳וואָלט געקענט עס דערוואַרטן, נאָר זיך באַוועגט הין און צוריק, הילכיק צוקלאַפּנדיק מיט די פיס. אַ מאָדנע דיסהאַרמאָניע — האָב איך אַ טראַכט געטאָן, צוגייענדיק שטיל צום פּאַווילִיאָן. פאַרזיכטיק ווי אַ קאַץ, האָב איך זיך אונטערגעגאַנווּעט צו איין פענצטער און דערזען... וואָס, מיינט איר, האָב איך דערזען? אַ הײַפל שיינע דאָרף־מיידלעך אין ווײַסע סוויטקעס טאַנצן פלײַסיק די „מעטעליצע", און מײַן ברייטהאַרציקער העלד אָן דער האַנט שפּילט נאָך פלײַסיקער אַ וואַלס אַף דער קאַטערינקע.

פון דעם הײַפל שיינע נאַיִווע טענצערנס האָט זיך מיר אין די אויגן געוואָרפן איינע, וואָס איז געווען שענער און גראַציִעזער פון אירע כאַווערטעס. זי האָט געטראָגן אַ בלומען־קראַנץ אַפן קאָפּ. דאָס איז געווען די שוועסטער פון מײַן העלד — די מאַדאַם העלענע קורנאַטאָווסקע. איך האָב זיך אַזוי צוגעדריקט צום פענצטער, אַז איך האָב שיר ניט צעקוועטשט די שויב מיט מײַן פליכעוואַטן פּאָרטרעט. די טענצערנס האָבן אַזוי ערנסט און מיטן גאַנצן האַרצן געטאָן זייער זאַך, אַז איך האָב ניט מוירע געהאַט פאַר מײַן אומהעפלעכקײַט. זיי וואָלטן ניט נאָר מיך, נאָר אַ סרייפע, דאַכט זיך, וואָלטן זיי אין אָט די זיסע מינוטן ניט באַמערקט.

אַגעוו, דאָס איז ניט קיין פאַרענטפערונג פאַר מיר. איך בין דאָך אַביסל ענלעך געווען אַף דעם לעבּיונג אַקטעאָן. ס׳האָט נאָר געפעלט די שאַרפוּיִגיקע דיאַנע, קעדיי מיך באַקרוינען מיט אַ קראַנץ, וואָס פּאַסט פאַר ניט־פאַרטרויענדיקע מענער.

נעכטן א פּרעכטיקע שײנע קאלע פון רײַכן פּאָרעץ, און הײַנט א פּויערטע, א כאווערטע פון אירע אָרעמע כאווערטעס. הײַנט איז זי שענער און פּרעכטיקער פון דער נעכטיקער רײַכער קאלע. און ווי אופריכטיק זי נעמט ארום און קושט אירע כאווערטעס...

איך בין פארגאפּט געווען פון פארווונדערונג, קוקנדיק אפ אָט דעם ברײטן, אומשולדיקן און שטארק אָרנטלעכן הארץ.

דער הער קורנאטאָווסקי האָט, הײסט עס, געזאָגט א ליגן. זײַן העלענאָטשקע איז אינגאנצן געזונט און אינגאנצן גליקלעך. זי האָט אפילע ניט געטראכט אײַנלאדן צו זיך אירע גײַוועדיקע און פּוסטע שכײנעס. ווי א געטרײַע ליבנדיקע כאווערטע פון פּונקט אזעלכע געטרײַע און ליבנדיקע כאווערטעס פײַערט זי פרײלעך און מיטן גאנצן הארצן איר אויסערגעווײנלעכע כאַסענע.

דער אומדערמידלעכער ווירטואָז איז ענדלעך מיד געוואָרן צו דרײען די קאטערינקע, האָט ער צוגענומען די האנט פון דעם בלישטשענדיקן הענטל און האָט זיך לאנגזאם אראָפּגעלאָזט אפן בענקל. דאָס טאנצן האָט זיך געענדיקט. די ערשטע איז צו אים צוגעגאנגען זײַן שוועסטער, זיך א נויג געטאָן קימאט ביז דער ערד, דערנאָך שטארק צעווײנט זיך, פּיבערדיק ארומגענומען זײַנע ברײטע אקסל מיט אירע ווײַסע הענט און האָט זיך צוגעדריקט צו זײַן שטרענגן פּאָנעם מיט איר צארטן שײנעם געזיכט. דער שטרענגער פארטײדיקער פון סעוואסטאָפּאָל האָט ניט אויסגעהאלטן. ווי ווײַסער פּערלמוטער האָבן א בלישטשע געטאָן גרויסע טרערן אפ זײַנע ברוינע באקן און זיך א קײַקל געטאָן אפ די פארפלאָכטענע שווארצע צעפּ פון זײַן גליקלעכער שוועסטער.

אויב דאָס איז ניט קײן פול גליק, איז קײן פול גליק ניטאָ צווישן מענטשן. איך האָב זיך נאָך פעסטער אײַנגעקלעפּט אין

פענצטער, אונ זי, די פארעטערנ, איז אָפּגעשפּרונגענ פונ איר כליפּענדיקנ ברודער אונ האָט זיכ באהאלטנ צווישנ אוילעמ פונ די שלוכצנדע כאוורטעס. די כאוורטעס זײַנענ איינע נאָכ דער אנדערער לאנגזאמ צוגעגאנ צומ שפּילער, זיכ גענויגט פאר אימ אונ געדאנקט פאר דער טירכע. אונ אָט האָט זיכ באוויזנ זי, א פארויטלטע מיט א גרויסער טאץ אינ די הענט, אפ וועלכער ס׳זײַנענ געווענ אָנגעוואלגערט פארשיידענע נאשערײַענ, זי האָט גענומענ אײַנריידנ אונ מעכאבעד זײַנ אירע ווירקלעכ טײַערע געסט.

דער אומדערמידלעכער ווירטואָז, וואָס האָט צוגענומענ די גאָב פאר זײַנ ארבעט אונ קונסט, איז רויִק אופגעשטאנענ פונ בענקל, א טאָפּ געטאָנ פונ דער צווייטער זײַט די קאטערינקע אונ זי גענומענ דרייענ. די קאטערינקע האָט אָנשטאָט א וואלס אָנגעהויבנ פּישטשענ אָגינסקיס פּאָלאָנעז, אונ די טענצערנס האָבנ אפּגיכ פארוויקלט אינ די נאָזטיכלעכ די ניט אופגעגעסענע נאשערײַענ, זיכ אויסגעשטעלט איינע אנטקעגנ דער צווייטער אינ דער זעלבער אָרדענונג, וואָס פריִער, אונ האָבנ ווי פריִער א קלאפּ געטאָנ די „מעטעליצע״.

נאָכ א דויערנדיקנ טאנצ איז אָפּגעגעבנ געוואָרנ דער זעלבער קאָוועד דעמ פלײַסיקנ שפּילער אונ דער זעלבער קיבעד די טענצערנס. פארענדיקט מיטנ מעכאבעד זײַנ, האָט די באלעבאָסטע אוועקגעשטעלט די שווערע טאץ אפ דער קאטערינקע, עפּעס א שעפּטשע געטאָנ דעמ ברודער אונ, ווענדנדיק זיכ צו די כאווערטעס, האָט זי געזאָגט אינ דער הייכ:

— לאָמיר, שוועסטערלעכ, עסנ וועטשערע!

— לאָמיר, — האָבנ זיכ די כאווערטעס אָפּגערופנ אלע צוזאמענ.

מיכ האָט געכידעשט, וואָס דאָ איז פאָרגעקומענ, איכ האָב

פאַרשטאַנען, אַז ס'איז בעסער צו פאַרלאָזן מײַן אָבסערוויר־פּונקט און זיך בעשעפֿטיקן מיט פאַרנעמענע אהיים. וואָס, אייגנטלעך, פאַר אַ אינטערעס שטעלן פֿאַר מענטשן, וואָס קיַיען, און ביפּראַט נאָך מיידלעך, אָט די פֿלייש־פּרעסנדיקע און גראָז־פּרעסנדיקע כיַיעס און ניט מער? אפֿילו אין זאָאָלאָגישן זין איז עס ניט אינ־טערעסאַנט.

ווי אַ פֿלינקער גאַנעוו, בין איך אומבאַמערקט אַרײַן אין עפּעס אַ שטעכיקן קוסטש, זיך דערשלאָגן צום רויטן לאַמטערן און בין אַרויס אַף דער באַקאַנטער טאָפּאָל־אַלייע.

כ'האָב נאָר דערפֿילט, אַז כ'בין אויסער דער געפֿאַר באַמערקט צו ווערן, און פּלוצעם האָבן זיך פֿאַר מיר באַוויזן צוויי פּויערים מיט גרויסע קוישן אַף די קעפּ. אָט די אומדערוואַרטע באַגעגעניש האָט מיך אַזוי פֿריטשמעליעט, אַז איך האָב זיך אינגאַנצן פֿאַר־לוירן, איך בין געבליבן שטיין אײַנמיטן אַלייע און ניט געוווּסט, וואָס צו טאָן מיט זיך. די פּויערים זײַנען דורכגעגאַנגען פֿאַרבײַ מיר, און איינער פֿון זיי האָט פֿאַרגעסן וועגן זײַן מאַסע און האָט גע־וואָלט זיך באַגריסן מיט מיר. דער קויש האָט פֿאַרלוירן דעם גלײַכגעוויכט און די קלינגענדיקע טעלער האָבן ווי אַ דונער זיך אַ שאָט געטאָן אַף דער ערד און מיך אינגאַנצן צונישט געמאַכט. אַף דעם דאָזיקן פֿאַרעטערישן דונער איז פֿונעם פּאַווילִיאָן אַרויס די באַלעבאָסטע אַליין און נאָך איר עטלעכע מיידלעך. איך האָב געמאַכט דרײַ טריט זיי אַנטקעגן, — נאַרישער פֿון דעם האָב איך גאָרנישט ניט געקענט טאָן, — כ'האָב זיך אָפּגעשטעלט. און דער העפֿלעכער שולדיקער פֿון אָט דעם גאַנצן טומל האָט אַף דער פֿראַגע פֿון דער באַלעבאָסטע, וואָס האָט זיך געטראָפֿן, צונויפֿגע־נומען די צעבראָכענע טעלער, און צונויפֿלייגנדיק זיי אין קויש, האָט ער קוים אַרויסגערעדט: פּאַניטש (אַזוי האָבן זיי גערופֿן קור־נאַטאָווסקין). די באַלעבאָסטע האָט אַ קוק געטאָן אַרום זיך און,

דערזעענדיק מיך, האָט זי זיך געלאָזט צו מיר, זי האָט ארומגע־
כאפּט מיט די הענט מײַן פארברעכערישן קאָפּ און גענומען מיך
קושן און מיט אנטציקונג צוגעגעבן: נעשאָמע מײַנע! מאַן
מײַנער! — און איך האָב דערפילט איר ווארעמע טרער אפ מײַן באק.—
דו ביסט געקומען א קוק טאָן אפ מײַן כאסענע, אפ מײַן
פרייד?

דאָ ערשט האָב איך פארשטאנען, אין וואָס עס האנדלט זיך.
זי האָט געמיינט, אז איך בין עס איר מאַן.

מיט באדויערונג, — איך בין זיך מודע, — האָב איך אָפּגעפירט
איר פּאָנעם פון מײַנעם, און מיר האָבן א קוק געטאָן איינער אפן
צווייטן.

— גאָט מײַנער, וואָס האָב איך עס אָנגעטאָן! — האָט זי אויס־
געשריגן און פארדעקט דאָס פּאָנעם מיט די הענט.

אין א מינוט ארום האָט זי אָפּגעדעקט דאָס פּאָנעם און, ווענ־
דנדיק זיך צו מיר, האָט זי געזאָגט:

— אנטשולדיקט מיר, איך האָב געמיינט, אז דאָס איז מײַן
מאַן, איך האָב געמיינט, אז ער איז געקומען א קוק טאָן אפ מײַן
דאָרפישער כאסענע.

— צי וועט איר מיר מוחל זײַן מײַן אומהעפלעכקײַט? — האָב
איך געזאָגט און איר דערציילט מײַן גאנצע פּאסירונג.

— זײַנט איר דער גאסט פון אונדזערע ליבע שכיינים? —
האָט זי צעצויגן געזאָגט און, נעמענדיק מיך פאר די הענט, האָט
זי צוגעגעבן: — איז זײַט־זשע אויך מײַן ליבער גאסט. גייט כאָטש
ארײַן אפ א מינוטקעלע; גיט כאָטש נאָר א קוק אפ מײַן כאסענע
און אפ מײַן איינציקן פרײַנט, אפ מײַן ברודער!

ווי זי האָט נאָר געענדיקט די פראזע, איז איר ברודער שוין
געשטאנען לעבן מיר און זיך שעמעוודיק באגריסט. איך האָב אים
אויסגעשטרעקט די האנט, ווי אן אלטן באקאנטן. די באלעבאָסטע

האָט מיך אָנגענומען פאַר דער צווייטער, און מיר זײַנען אוועק צום פּאַווילּיאָן. באַם סאַמע אַרײַנגאַנג איז מיר געקומען אַן אָריגינעלער געדאַנק. איך האָב זיך אָפּגעשטעלט, געבעטן די שוועסטער מיטן ברודער מיך לאָזן הינטער דער טיר און אַרויסשיקן אַהער דעם פּויער, דעם שולדיקן אין דעם דאָזיקן טומל. דער פּויער איז גלײַך אַרויסגעקומען. איך האָב ניט אָן מי אים אײַנגערעדט אָנטון מײַן פּראַק, און איך אַליין האָב זיך פּאַרפּוצט אין זײַן יאָנטעוודיקער ווײַסער סוויטקע. אַזוי, שוין איבערגעטאָן, האָבן מיר זיך ביידע געגומען פּאַר די הענט און זײַנען אַרײַן אין פּאַווילּיאָן. דער ברודער און די שוועסטער, נאָכדעם ווי זיי זײַנען אַ ווײַלע געשטאַנען אין פּאַרלעגנהײַט, האָבן מיט פרייד מיך אַרומגענומען, אונטערגעכאַפּט מיך און מײַן כאַוער אונטער די הענט, אונדז צוגעפירט צו די מיידלעך, וואָס זײַנען האַרט געשטאַנען איינע לעבן דער אַנדערער אין צווייטן עק פּאַווילּיאָן. אין אָנהייב האָבן די מיידלעך געשוויגן, אָבער ווי נאָר זיי האָבן אַ קוק געטאָן אַף זייער געראַסים אין פּראַק און אין די אומענדלעך ברייטע הויזן, האָבן זיי אַ פּאָרסקע געטאָן און זיך צעלאַכט מיט אַ יונגן מיידלשן געלעכטער.

— אַ מײַסטער! אַ מײַסטער! געראַסים איז אַ מײַסטער! — האָבן זיי געכאַזערט און געלאַכט. און געראַסים, דער מײַסטער אַף ברעכנטעלער, האָט זיך ניט אַף קיין שפּאַס צעבייזערט און האָט שוין געוואָלט אַראָפּוואַרפן פון זיך דעם לעכערלעכן פּראַק, דאָס האָט מען אים אָבער ניט דערלויבט צו טאָן. ווען די מיידלעך האָבן זיך באַרויִקט, האָבן זיי מיך גענומען באַטראַכטן, און אַלע ווי איינע האָבן זיי מיך אָנגערופן „הרעטשקע־זייער״, וואָס ס׳האָט מיך זייער געפרייט. אין זייער גוטהאַרציקײַט האָבן זיי ניט געוווּסט, אַז זיי האָבן מיר געמאַכט דעם ליבסטן קאָמפּלימענט, ווי אַ גוטן אַקטיאָר.

אַפֿ וויפֿל איך בין געווען פֿריילעך, פֿאַמיליאַר און גליקלעך, אַפֿ אַזויפֿיל איז דער אָרעמער גערשים געווען אומעטיק, ניט פֿריי און אומגליקלעך. די שטיפֿערנס האָבן אים ניט געלאָזט צורו און האָבן אים, נעבעך, געבראַכט דערצו, אַז ער האָט אַראָפּגענומען פֿון זיך דעם פֿראַק, און ווען די באַלעבאָסטע וואָלט ניט צוגע־האַלטן זײַנע שטאַרקע הענט, וואָלט איך זיך שוין מער ניט באַ־וויזן אַפֿ כאַסענעס אין מײַן אײַביקן פֿראַק, וואָס טראָגט זיך גאָר־ניט אָפּ. ער וואָלט אים צעריסן און אַוועקגעוואָרפֿן, ווי אַ שמאַטע, וואָס טויג אַפֿילע ניט אַפֿ קיין אָנעטשע, וואָס עס וואָלט, צווישן אונדז רעדנדיק, זייער געפֿרייט טראָכימען, און מיר וואָלט אויס־געקומען צו פֿאַרזעצן די ראָל פֿון אַ „הרעטשקע־זייער”, ביז כ׳וואָלט זיך אומגעקערט צו מײַנע קרויווים. געענדיקט האָט זיך עס אָבער דערמיט, וואָס דער מײַסטער גערשים, לויט דער פֿאָ־דערונג פֿון דער באַלעבאָסטע, האָט ווידער אָנגעטאָן דעם פֿראַק און איז אַזוי פֿריילעך געוואָרן און זיך אַזוי צעגאַנגען, אַז ווען מ׳האָט נאָך דער וועטשערע אַרויסגעטראָגן דעם טיש פֿון פֿאַווילּיאָן און די קאַטערינקע האָט ווידער אַ הודע געטאָן עפּעס אַ וואַלס, האָט דער מײַסטער גערשים זיך גענומען פֿאַר די זײַטן און האָט אַזאַ זעץ געטאָן אַ קאַזאַטשאָק, אַז די שויבן האָבן אָנגעהויבן קלינגען. די באַלעבאָסטע, די געסט און דער שווײַגנדיקער באַשיצער פֿון סעוואַסטאָפּאָל זײַנען זיך פֿאַרגאַנגען אין האַרציקן געלעכטער.

און, דעם עמעס גערעדט, איז געווען וואָס צו לאַכן. ווען אַ טויטער זאָל געווען אופֿשטיין פֿון קייווער און אַ קוק טאָן אַפֿ מײַן לאַנדסמאַן, ווי ס׳איז געווען איצט אָנגעטאָן גערשים, און טאַנצט נאָך דערצו אַ קאַזאַטשאָק, פֿאַרזיכער איך אײַך, אַז אויב ער וואָלט זיך ניט צעלאַכט, וואָלט ער יעדנפֿאַלס אַ שמייכל גע־טאָן. אַזאַ לעכערלעכע פֿאַרוואַנדלונג וואָלט אין קאָפּ ניט געקומען אָווידיע נאַזאָנען אַליין.

די באַלעבאָסטע און די געסט זײַנען שוין מיד געוואָרן לאַכן און האָבן נאָר געשמייכלט, קוקנדיק איינער אויפֿן צווייטן, און דער אומדערמידלעכער גערעסים האָט ערשט גענומען אַרײַנגיין אין זײַנע אומענדלעך־אויסדריקלעכע פּאַ. די פֿרײלעכע שטיפֿערנס האָבן ענדלעך אויפֿגעהערט שמייכלען, און נאָר אייניקע פֿון זיי האָבן פֿון צופֿיל באַוווּנדערונג אויסגעשריגן: „אָט אַזוי גאָר!״ — „אַן עמעסער פּאָרעץ אין אַ קורצן זשופּאַן!״ — האָבן צוגעגעבן אַנדערע. נאָר גערעסים האָט גאָרנישט ניט געהערט, ער האָט מיט דערפֿאָלג פֿאָרגעזעצט די אָנגעהויבענע זאַך.

— גענוג פֿון דײַנעטוועגן! — האָבן געזאָגט די מיידלעך אַלע צוזאַמען.

— וואָס פֿאַר אַ פּאָרעץ ביסטו דאָרט, צום טײַוול? דו ביסט אונדזער עמעסער מײַסטער גערעסים! — האָט באַמערקט איינע פֿון זיי.

אַז דער טאַנצאָר האָט דערהערט, אַז פֿון אים איז אַראָפּגענומען דער שענדלעכער נאָמען „פּאָרעץ״, האָט ער אַרויסגעשלעפּט פֿון אונטערן אַרבל פֿון פּראַק דעם ברייטן אַרבל פֿון זײַן ווײַס העמד, אויסגעווישט מיט אים זײַן נאַס פּאָנעם און, אָנהייבנדיק פֿון דער באַלעבאָסטע, האָט ער זיך צעקושט מיט אַלע שטיפֿערנס, צוגעבנדיק: „אָט האָט איר אײַך אַ פּאָרעץ! אָט האָט איר אײַך אַ פּאָרעץ!״ דערנאָך האָט ער אַראָפּגענומען דעם פּראַק, אים דערלאַנגט מיר, זיך אַ נויג געטאָן און געזאָגט אַדאַנק פֿאַר דעם אַנטליִענעם.

— און אײַך אַדאַנק, הער מײַסטער גערעסים! — האָב איך געזאָגט, אָפּגעבנדיק אים די סוויטקע.

ער האָט אָנגעטאָן זײַן סוויטקע, זיך אַ נויג געטאָן דער באַלעבאָסטע און איז אַרויס פֿון פּאַווילִיאָן. דעמאָלט האָב איך זיך געווענדעט צו איינער פֿון די מיידלעך און געפֿרעגט:

— וואָס פאר א מײַסטער איז געראסים?

— אפּ אלצדינג, — האָט זי געענטפערט, — וואָס ער זאָל ניט וועלן, וועט ער מאכן.

איך האָב זיך וויניק וואָס דערוווּסט וועגן דער עמעסער פּראָפּעסיע געראסימס.

די געסט, דערפילנדיק, אז קיין בעסערן פינאל וועלן זיי שוין ניט צוטראכטן, האָבן מיט קלינגענדיקע קושן באדאנקט זייער גליקלעכע כאווערטע פאר דעם קיבעד און זײַנען ארויס נאָך גערסימען.

די באלעבאָסטע האָט געהייסן דעם צווייטן פויער, גערסימס כאווער, אויסלעשן די שײַן און זיך לייגן שלאָפן ווו ער וויל; דערנאָך האָט זי גענומען מיך און דעם ברודער אירן אונטער די הענט און אונדז ארויסגעפירט אין סאָד. אין סאָד האָט זי געזאָגט דעם ברודער:

— גיי, אָסיפּ, גרייט צו א וווינונג פאר אונדזער טײַערן גאסט אין נײַעם הויז און שטעל צו אים צו דעם אלטן פּראָכאָרן, ער זאָל אים באדינען.

— און איר, מײַן טײַערער גאסט, — האָט זי צוגעגעבן, פרײַנטלעך דריקנדיק מײַן האנט, — באגלייט מיך אין די צימערן.

מיר האָבן זיך צעשיידט מיט מײַן העלד און שטיל זיך געלאָזט לענגויס דער אלייע.

IV

שווײַגנדיק זײַנען מיר דורכגעגאנגען די באקאנטע טאָפּאָל־אלייע און עטלעכע מאָל האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט און צוגעהערט, ווי די פרייליכע כאווערטעס פון מײַן שיינער און אומעטיקער באגלייטערן האָבן געזונגען כאסענע־לידער, דערוויַטערנדיק זיך פון פּאווילי־אָן. דאָס לעצטע מאָל האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט לעבן

דער טיר, וואָס פירט אין הויז אונטער דער פירמע „באַוועגונג“, און לאַנג נאָך האָבן מיר געהערט די קלאַנגען, וואָס האָבן זיך געהאַלטן אין איין דערווײַטערן. ענדלעך זײַנען זיי שטיל געוואָרן, און מײַן באַגלייטערן איז נאָך אַלץ געשטאַנען שווײַגנדיק, ווי זי וואָלט זיך נאָך אַלץ צוגעהערט צו די ליבע קלאַנגען, וואָס זײַנען אַזוי נאָענט איר האַרצ.

— מײַנע כאַווערטעס זײַנען זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען אין די כאַטעס, — האָט זי קוים אַרויסגעזאָגט און זיך צעוויינט, ווי אַ קליין קינד.

מיט מײַן מינדסטער באַוועגונג האָב איך ניט געוואַגט צעשטערן אירע טיפע שטילע שלוכצן. זי האָט אופריכטיק, האַרציק זיך געזעגנט מיט אירע כאַווערטעס, מיט איר אָרעמער מיידלשער פרײַהײַט. ערשט איצט האָט זי פאַרשטאַנען איר קנעכטשאַפט, ערשט איצט האָט זי דערפילט איבער זיך דעם ווילן פון דעם פרעמדן, ניט ליבן מענטשן אין אַלע הינזיכטן. אומגליקלעכע, וואָס וואַרט אַף דיר? וואָס וועסטו טרעפן אַפן וועג, וואָס דו האָסט אויסגעקליבן?

— איאָ, איך בין אינגאַנצן גליקלעך? — האָט זי געזאָגט, אָפּווישנדיק די טרערן, און פּיבערדיק געדריקט מײַן האַנט.

איך האָב מיט אומצוטרוי אַ קוק געטאָן אַף איר, און זי האָט פאָרגעזעצט:

— איר גלייבט נישט? זאָגט־זשע, מײַן טײַערער פרײַנט, צי האָט כאָטש איין שוועסטער אַף דער גאַנצער וועלט געהאַט אַזאַ ברודער, ווי איך האָב? און ווי שולדיק איך בין פאַר אים, — האָט זי צוגעגעבן, — איך וואָלט באַדאַרפט געוועז גיין פאַר אַ מאָנאַשקע און בעטן גאָט פאַר אים, און וואָס האָב איך געטאָן?

און זי האָט ווידער אָנגעהויבן וויינען.

די מינוטן פון גליק זײַנען אַריבער, ס'זײַנען געקומען יאָרן

פונ לײדנ! — זאָגט עפּעס א פּאָעט, אונ איכ, קוקנדיק אפ מײַנ העלדנ, האָב געזאָגט: אויב דו װעסט אפ שטענדיק בלײַבנ אזוי רײנ אונ אומשולדיק, װי איצטער, װעט די מינוט פונ דײַנ ליכ־טיקער פרײד דויערנ ביזנ טויט. — זי האָט װי אונטערגעהערט מײַנ געדאנק, פלוצעמ אופגעהערט װײנענ, זיכ איבערגעצײלעמט, שטיל א קוק געטאָנ אפ מיר, א שמײכל געטאָנ, אונ מיר זײַנענ שװײַגנדיק ארײַנ אינ כינעזישנ צימער.

— זעט איר, סארא יאָנטעװדיקע באלויכטונג ס'איז הײַנט בא אונדז אינ הויז, — האָט זי געזאָגט, ארופּנעמענדיק פונ קאָפּ דעמ בלומענ־קראנצ. — ער, דער מאנ מײַנער, האָט געװארט אפ געסט, אונ אכוצ אײַכ זײַנענ קײנ שומ געסט נישט געקומענ. הײסט עס, אז איכ האָב אפ האלב געטראָפנ. אונ װער װעט איצט צו אימ פאָרנ? קײנער, אכוצ די פרעכטעלס, אָבער ער דערװײַטערט זיכ פונ זײ.

— זאָגט מיר, אומ גאָטעס װילנ, װאָס פאר א מענטשנ זײַנענ די דאָזיקע פרעכטעלס?

— אונדזערע נאָענטע שכײנימ, גוטע מענטשנ, ער איז א גוטער דאָקטער, אונ זי די בעסטע פרוי אינ דער געגנט.

הײסט עס, אז איכ האָב קײנ טאָעס ניט געהאט, מאכנדיק אנ אויספיר פונ די װערטער פונ מײַנ קוזינע אונ איר אָרנטלעכנ פרײַנט.

שװײַגנדיק אונ גיכ זײַנענ מיר דורכ די גאלערײע מיט די אומפארשטענדלעכע קעמערלעכ אונ זײַנענ ארײַנ אינ קײַלעכיקנ צימער, װאָס איז פארפוצט געװענ װי א בײַדל. דאָרט איז גע־װענ די פאנע דאָראָטע.

די פאנע דאָראָטע איז געשטאנענ לעבנ א קײַלעכיקנ טיש, װאָס איז געװענ באדעקט מיט א װײַסנ רײנעמ סערװעט, די ארבל אירע זײַנענ געװענ פארקאטשעט, א סערװעטל איז געװענ בא

איר צוגעבונדנ אָנשטאָט א פאַרטעכ, זי איז געווענ פאַרטיפט אינ גרייטנ אפ וועטשערע א קרעס־סאַלאט מיט שמעקעוודיקנ אוגערקע־ראָסל.

— מײַנ ליבע פאנע דאָראָטע, באגריס אונ פאַרווײַל מײַנ טײַערנ גאסט, ביז איכ וועל זיכ איבערטונ,— האָט אפ פוילישׂ געזאָגט מײַנ באגלייטערנ אונ איז מיטאמאָל פאַרשווונדנ געוואָרנ.

די פאנע דאָראָטע האָט לאנגזאמ אופגעהויבנ דעמ קאָפּ, זי האָט אומבאשטימט א קוק געטאָנ אפ מיר אונ האָט קוימ צו באמערקנ א שאָקל געטאָנ מיטנ קאָפּ. איכ האָב געטאָנ דאָס זעלבע. זי האָט א שעפּטשע געטאָנ: איכ בעט אײַכ, זעצט זיכ. איכ האָב זיכ אוועקגעזעצט, איכ האָב געפילט, אז מײַנ לאגע איז גאָרניט קיינ פויגלדיקע, אויב ניט די נארישסטע. אינ קריטישע אומשטאנדנ, אינ אזעלכע, לעמאָשל, ווי איצטער, בינ איכ ביז טעמפּ ניט אײַנפאלעריש, אונ די פאנע דאָראָטע איז, דאכט מיר, ניט שארפער פונ מיר. לאנג בינ איכ אזוי שווײַגנדיק געזעסנ אונ געקוקט אפ דער אלטער אידיאָטקע אונ ענדלעכ א טראכט געטאָנ:

— איז דאָס דײַנ מוטער, דײַנ לערערנ, דײַנ גוווערנאנטקע? נישקאָשע, ניטאָ וואָס צו זאָגנ. פונוואנענ־זשע האָסטו זיכ, מײַנ העלדנ, אויסגעלערנט רוסיש אונ פויליש? אונ דעריקער, פונ וועמענ האָסטו איבערגענומענ אונ אזוי טיפּ באהערשט אָט דעמ צארטנ טאקט אונ אָט די ליבע הארציקע מאנירנ? פונ גאָט, פונ דער נאטור? יאָ, אָבער דאָ איז אויכ נייטיק א מענטשלעכע הילפ.

אזעלכע אונ ענלעכע פראגעס אונ אופגאבעס האָבנ זיכ געדרייט אינ מײַנ קאָפּ, ביזוואנענ ס׳איז שטיל, ווי א צארט קעצל, ארײַנ אינ צימער מײַנ שיינע באגלייטערנ, אָנגעטונ פּאָשעט אונ עלעגאנט. אינ דער צײַט, וואָס איכ האָב זיכ געוווּנדערט איבער דער ענדערונג, האָט זי צוגעלייגט א פינגערל צו די ליפּנ אונ איז אפ די שפּיצ פינגער פאַרגאנ אינ רוקנ דער פאנע דאָראָטע

און האָט אפגיכ פארדעקט אירע אראָפּגעלאָזטע אויגנ מיט אירע קינדער־קליינע הענט. ביז די פאנע דאָראָטע האָט אויסגעווישט מיט דעמ סערוועטל אירע נאסע הענט, האָט די שטיפערנ אראָפּגע־נומענ אירע הענט און שנעל, ווי א קעצל, האָט זי א שפרונג געטאָנ צו מיר און מיט א קלינגענדיקנ געלעכטער א פאל גע־טאָנ אפנ דיוואנ.

— שטיפסט, העלענע! — האָט אומצופרידנ א בורטשע געטאָנ די פאנע דאָראָטע און האָט פאריכט איר צעקנייטשטנ טשיפּעק.

— כ'וועל מער נישט, כ'וועל מער נישט, מײַנ גוטע, מײַנ ליבע מאמאשע! — האָט געזאָגט העלענע און, צוגייענדיק צו דער אלטער בורטשענדיקער דאָראָטע, האָט זי זי צארט א קוש גע־טאָנ אינ שטערנ. די אלטע האָט א שמייכל געטאָנ, געענטפערט דער שטיפערנ מיט א קוש און האָט עפעס שטילערהייט געפרעגט בא איר. יענע האָט געענטפערט אויכ אזוי שטיל. ווײַזט אויס, מע האָט גערעדט וועגנ מיר. בייס דאָס אלצ איז פאָרגעקומענ, האָב איכ זיכ אלצ געוווּנדערט, ווי זי האָט זיכ עס געענדערט, די שטיפערנ: קיינ סימענ פונ דער געוועזענער פויערטע, פונ קאָפּ ביז פיס א בארישניע, און נאָכ א מינ בארישניע! די סאמע עלעגאנטסטע. אינ וואָס פאר א שול, אינ וואָס פאר א אינסטיטוט האָט זי זיכ אויסגעלערנט אזוי עלעגאנט־פּאָשעט זיכ אָנטונ און אזוי צום פּאָנעמ. א וווּנדערבארע זאכ איז אָט דער געפיל פונ עלע־גאנטקײַט! זי איז געווענ אינ א טונקל־גרוי זײַדנ קלייד מיט אזעלכע ברייטע שיינע פאלדנ, אינ וועלכע ס'שפּאצירנ נאָר ראפאעלס מוזעס. אינ דעמ טונקעלנ שיינעמ צאָפּ האָט, ווי אנ איידלשטיינ, געפינקלט א העל־בלויע בלומ מיט עטלעכע גרינע בלעטלעכ. א שמאָל קעלנערל און פונקט אזעלכע מאנזשעטנ האָבנ דעקאָראַצנ איר שיינ אָנטונ. ווענענ וואָלט אינ קאָפּ געקומענ, קוקנדיק אפ דער דאָזיקער פערטער גראציע, פרעגנ בא איר, צי זי קענ לייענענ

רוסיש. איז אָט טאַקע מיר געקומען אין קאָפּ, איך מוז זאָגן, אזא וויכטיקע פראגע.

— וועגן וואָס האָט איר זיך אזוי שטארק פארטראכט, מיַין טיַיע־רער גאסט? — האָט זי א זאָג געטאָן, צוגייענדיק צו מיר.

— וועגן... וועגן, — האָב איך געזאָגט און געקוקט אין אירע שיינע קלוגע אויגן און כ'האָב זיך שיר אליין ניט אויסגעגעבן.

— וועגן וואָס־זשע? זאָגט, — האָט זי געפרעגט שמייכלענדיק.

— מאָרגן וועל איך זאָגן, און היַינט קען איך נישט. אָדער אָט וואָס, — האָב איך צוגעגעבן ניט דרייסט, — טוט נאָכאמאָל אָן דעם בלומען־קראנץ, וועל איך איַיך דעמלט זאָגן.

— איר וועט זאָגן?

איך האָב ניט באוויזן ארויסזאָגן: יאָ, ווי זי איז ארויסגע־פלויגן אין גאלעריי מיט די עקלהאפטע קעמערלעך, און ביז איך האָב זיך אופגעהויבן פון ווייכן אָטאָמאן, איז זי ווידער ארײַנגע־פלויגן אין דעם קיַילעכיקן צימער מיטן בלומען־קראנץ אפן קאָפּ.

— טערפּסיכאָרס מוזע! — האָב איך אויסגעשריגן אין פארוווּנ־דערונג.

— ווו איז מוזיק? האָט זי געפרעגט נאַיוו.

— איר זיַינט די מוזע פון הארמאָניע! איר זיַינט די באגיַיסטער־טסטע, די העכסטע מוזיק! — האָב איך געענטפערט מיט אנטציקונג.

איך האָב אָנגעקוואָלן פון דעם, וואָס זי איז געווען צעמישט, האָב ניט געקענט אָפּריַיסן די אויגן פון איר שיין יונג קעפּל מיטן קראנץ פון העל־בלויע בלומען. אן אנדערער וואָלט גליַיך אפּ די קני געפאלן, ווי פאר א געטן, און וואָלט זיך דערקלערט אין ליבע. איך האָב געטאָן אנדערש. אז איך האָב זיך ביז זעט אָנ־געקוקט אין מיַין מוזע, האָב איך זי אוועקגעזעצט אפּ דעם אָטאָ־מאן, א וויַילע נאָך געקוקט אפּ איר און האָב געזאָגט:

— איר רעדט גוט רוסיש און פּויליש, לייענט איר כאָטש אַפּ איינער פון די דאָזיקע שפּראַכן?

— כ'לייען, — האָט זי געענטפערט דרייסט, — און כ'הייב שוין אָן אַפילו שרײַבן. פּויליש לערנט מיך די פּאַנע דאַראָטע, און רוסיש — דער אַלטער פּראָכאָר, דער זעלבער, דער זעלבער, וואָס וועט אײַך באַדינען.

— איז אַנטשולדיקט מיר מײַן גראָבע, אָבער פריינטלעכע פראַגע, מאַדאַם העלענע, — האָב איך צוגעגעבן מיט אַכטונג.

— ווי איר ווילט, אַזוי רופט מיך, נאָר האָט אונדז ליב, מיך און מײַן איינציקן ברודער, — האָט זי צוגעגעבן און האָט געשמייכלט דורך טרערן, — און פאַר אײַער פראַגע בין איך אײַך האַרציק דאַנקבאַר...

זי האָט געוואָלט נאָך עפּעס זאָגן, נאָר אין צימער איז אַרײַן אַ לאַנגער לאַקיי און, צוגייענדיק צו דער פּאַנע דאַראָטע, וואָס האָט שווײַגנדיק געהערט אונדזער שמועס, האָט ער אַ פרעג געטאָן:

— צי איז נאָך ניט צײַט גרייטן דעם טיש?

פּאַנע דאַראָטע האָט געענטפערט מיט אַ שטילן נויג און, זיך ווענדנדיק צו אונדז, האָט זי אַ זאָג געטאָן אַפּ רוסיש:

— צי וועט איר ניט זײַן אַזוי גוט און אַרײַנגיין אין קאַבינעט?

— צי וועט איר ניט זײַן אַליין אַזוי גוט און אַרײַנגיין אין קאַבינעט? — האָט איר געזאָגט העלענע. — איך וועל אַכטונג געבן אַפּ דער אָרדענונג, איך בין איצטער די באַלעבאָסטע.

— אויסגעצייכנט! — האָב איך פריינטלעך געזאָגט און בין נאָכגעגאַנגען נאָך דער ניט אײַנגעשפּאַרטער פּאַנע דאַראָטע אין קאַבינעט.

שווײַגנדיק, ווי מיִעסע פאַרזעענישן, אײַנגעהילט אין וואָלקנס

טאבאק־רויך, זײַנען געזעסן די פרײַנט און הייס געשפּילט אין שטאָס, אָדער, ווי ס׳דריקט זיך אויס מײַן ניט באַריידעוודיקער קאָרעוו, צונויפגענומענע דאָס ניט דערצאָלטע.

אזוי־ווי די טאַליע איז געווען אין פולן גאַנג און זי האָט זיך געגאָסן פון די קונציקע ביינערדיקע הענט פון איוואַן איוואַנאָוויטש בערגאָפ, האָט אונדזער אָנוועזנהײַט קיינער ניט באַמערקט. איך האָב אויסגענוצט דאָס, וואָס מע קען מיך ניט, און בין אוועק אין א פינצטערן ווינקל און זיך ווי ס׳ניט איז אײַנגעמאָסטעט אף א האָרבאַטער קושעטקע. די פאַנע דאָראָטע האָט אויך אויסגענוצט דאָס, וואָס מע האָט זי ניט באַמערקט, זי האָט זיך נאָר א קרים געטאָן און אָפּגעגאַנגען אין א זײַט פון די ריטער פון גרינעם טיש, וואָס האָבן אומבעראכמאָנעסדיק געראַכערט, זי האָט זיך אראָפּגעלאָזט אף א האָרבאַטער קושעטקע און זיך פאַרטראכט. אָבער צי איז עס אזוי? גיכער פון אַלץ האָט זי גלאַט אזוי געקוקט אפן געדיכטן טאַבאַק־רויך און ביכלאַל וועגן גאָרנישט ניט געטראַכט. קוקנדיק אף איר נעבעכדיקע פיגור, האָב איך בא זיך דעם ערשטן מאָל געפרעגט, ווער איז זי און וואָס איז זי באַם הער קורנאַטאָווסקי. צי איז זי א ווײַטע קרויווע, א שליאַכטיאַנקע א היימלאָזע, צי זײַנע א ניאַנקע? מעגלעך, אז דאָס ערשטע און דאָס צווייטע, יעדנפאַלס, ניט קיין אָנשטענדיקע פרוי. א לײַטישע פרוי קען זיך ניט אײַנפּאַסן אין הויז פון א מענטשן, זאָל זײַן אפילע א נאָענטן קאָרעוו, וואָס האַלט א האַרעם פון זײַנע לײַבייגענע פוי־ערטעס און האָט כאַסענע פאַר איינע פון זײַנע אָדאַליסקעס און קלערט גאָרניט ווערן איר פרײַנט, איר באַשיצער. ער איז ווי פריִער איר הערשער, ער איז אַן עמעסער סולטאַן, א הוסאַר; אפן צווייטן טאָג פון כאַסענע פאָנטירט ער וווילינגעריש און וויל וועגן גאָרנישט ניט וויסן. ער האָט אָפּגעטאָן זײַן זאַך און איז זיך אָפּגעגאַנגען אין א זײַט. זי, די גוטהאַרציקע, באַגעגנט אים

מיט פרייד אין סאָד, זי מיינט, אז ער איז א גוטער און גייט מיט איר טיילן די אומשולדיקע פרייד, כאָטש דורכן פענצטער א קוק טאָן אפּ איר גליק, אפּ איר הארציקן יאָנטעוו! און ער... כייַע! דו מיִעסע כייַע! אן אָנשטענדיקע פרוי וועט גיכער אויס־שטרעקן די האנט און וועט אין גאָטס נאָמען בעטן אן אָפּגעהרי־זעט שטיקל ברויט, איידער גרייטן סאלאט צום רייַכן טיש פון א נאשער און אויסגעלאסענעם מענטשן.

צי האָב איך ניט צופיל דאָ אָנגערעדט אפּן כעזשבן פון דער פאנע דאָראָטע? זי, די פאנע דאָראָטע, אויב זי האָט אפילע ניט ליב, דאָך פאראכטעט זי ניט די געוועזענע שקלאפן, און דאָס איז שוין א גרויסע זאך. אן אויסגעלאסענע פרוי וועט עס ניט טאָן. — מייַן קוזינע? נאָר דאָס איז גאָר אן אנדער זאך. וואָס שטעלט מיט זיך ענדלעך פאָר די דאָזיקע שווייַגנדיקע פאנע דאָ־ראָטע? דערווייַל א היִעראָגליף, אן אומפארשטענדלעכער היִעראָג־ליף, איבער וועלכן שאמפּאָליאָן אליין וואָלט זיך פארטראכט. אָבער די צייַט באווייַזט דעם עמעס. די צייַט און די פלייַסיקע אויספאָרשונג אנטדעקן די מיִעסע מייַסים פון די הערשער פון דער וועלט, אין וועלכע די שפּעטער געקומענע גוטהארציקע דורות האָבן שוין פארגעסן. איך האָפּ, אז די צייַט וועט אויך מיר וואַרפן א שייַן אפּ דער אומפארשטענדלעכער, נעבעכדיקער פאנע דאָ־ראָטע.

און ביז ס'וועט ארייַנקומען דער לאקיי און וועט מעלדן וועגן דעם, אז דאָס עסן איז גרייט, וועל איך אייַך, מייַנע גו־טע צוהערער, אויסמאָלן דאָס בילד פון דעם הייסטן שטאָס, און דעריקער פון דעם שטאָסמייַסטער, ד. ה. דעם באנקהאלטער. ניין, איך קען נישט!.. איך בין ניט קיין מאָלער פון עקלהאפטע סצענעס און פון בלאסע, הילצערנע פיזיאָנאָמיעס. און וואָס פאר א נייַס, אָריגינעלס קען זייַן אין אָט דעם אנטימאָראלן, מיִעסן בילד?

דער אינהאַלט זײַנער איז דער זעלבער סײַ אין סאַן פראַנציסקאָ, סײַ אין קאַבינעט בא קורנאַטאָווסקין, און אַף וואָס פאַר א ניט איז יאַריד. די דעקאָראַציע איז נאָר ניט די זעלבע, אין סאַן־פראַנציסקאָ, לעמאָשל, דינגט דער באַלעבאָס פון הײַזל א פרוי, ד.ה. עפּעס ענלעכס אַף א פרוי, קעדיי זי זאָל, פונקט ווי די קיניגן פון געגעם פראָזערפּינע, זיצן אַפן טראָן און בײַזײַן דעם קאַמף פון די שולערס.

אָבער ס'איז ניטאָ קיין שלעכטס אָן גוטס. גוט, וואָס מײַן ליבע קוזינע לייענט גאָרנישט, אנדערש וואָלט זי איבערגעלייענט ראָטשעווס נאָטיצן וועגן קאַליפאָרניע און וואָלט געצווונגען איר לעקיש דעם מאַן בארויבעווען די פויערים און פאָרן גלײַך קיין סאַן־פראַנציסקאָ נאָר צוליב דעם, קעדיי זי זאָל אַליין א גלאַנץ טאָן אין דער אינטערעסאַנטער ראָל פון פראָזערפינען. צי זאָל איך איר אמאָל א שעפּטשע טאָן וועגן דער באַלערנדיקער ראָל? זי וועט מיך צעקושן פאַר אָט דעם נײַס. זי וועט פארגעסן אַלע באַליידיקונגען, זי וועט אַפילע פארגעסן, אַז איך דער ערשטער האָב איר געמאָלדן וועגן דער פאַרניכטונג פון איר אָפּגאָט — וועגן די עפּאָלעטן, זי וועט אַלץ פארגעסן; נאָר דאָך וועט זי א צווייפל טאָן וועגן אזא ניט געהערטן פארגעניגן אַף דער ערד.

אגעוו, איז ניט וועגן איר האַנדלט זיך עס, — זי איז צופעליק ארונטער אונטער דער פען, — נאָר די רייד איז וועגן דעם, ווי געפינט זיך בא אונדז אין רוסלאַנד אזא גרויסע אקאַדעמיע, וואָס לאָזט ארויס אזעלכע טעמפּע אווטאָמאַטן, שטאָס־און באַנקמײַסטערס, ווי לעמאָשל, איוואַן איוואַנאָוויטש בערגאָף? אין ערגעץ מער, אכוץ אין קאַוואַלעריע, מיין איך. כאָטש א פעכטינער קען זיך אויך אַן אנדערש מאָל באַווײַזן, אָבער דאָס איז ווײַט ניט אזוי ווי א קאַוואַלעריסט, ווײַט ניט אזוי, ניט אומזיסט

האָט מײַן קוזינע אַזױפֿיל אָפּשײַ פֿאַר די קאַװאַלעריסטן, דערי־קער פֿאַר די הוסאַרן.

ענדלעך איז דערשינען דער לאַנגער לאַקײ און מיט אַ הײזעריקן באַס געמאָלדן װעגן דעם גרײטן מאָלצײַט. די קאָרטן־שפּילער האָבן זיך פֿון אָרט ניט גערירט. זײ האָבן װי גאָרנישט ניט געהערט, און מיר מיט דער פֿאַנע דאָראָטע זײַנען שװײַגנדיק אַרױסגעגאַנגען אין דער קײַלעכיקער זאַל, װאָס איז אױך געװען אַן עסצימער.

V

אינמיטן זאַל איז געשטאַנען אַ קײַלעכיקער טיש, זײער שײן סערװירט, און אינמיטן טיש איז געשטאַנען אַ סאָסנע־צװײַגל, װאָס איז געװען אַרײַנגעשטעלט אין אַ זילבערנער װאַזע פֿון אַנ־טיקער פֿאָרם. דאָס צװײַגל איז געװען באַהאַנגען מיט קאָנפֿעקטן, מיט זאַנגען פֿון האָבער און אַרומגעבונדן מיט אַ גירלאַנדע פֿון בלו־מען. דאָס איז געװען ניט קײן דײַטשישע יאָלקע, נאָר אַן אַזױ־גערופֿענע הילצע (צװײַגל), אַן אומבאַדינגלעכע באַפּוצונג פֿון כאַסענע־טיש בײַ די אוקראַינער.

די שװײַגנדיקע פֿאַנע דאָראָטע האָט אַ קוק געטאָן אױף דעם ליבן אופֿטו פֿון איר העלענע, האָט אַ שמײכל געטאָן און איז צוגעגאַנגען צום דיװאַן. איך בין אױך שװײַגנדיק געבליבן שטײן פֿאַר דער נאַיװער באַפּוצונג, װאָס איז דערפֿירט געװאָרן ביז עלעגאַנטקײַט. גאָט אַלײן גיט דיר סײכל, מײַן העלענע! די שײ־נע העלענע אַלײן איז ניט געװען אין זאַל, דאַן װען איך האָב אַזױ געטראַכט און געשעפּט פֿאַרגעניגן פֿון איר ליבער שאַפֿונג, און קעדײ כאָטש מיט עמעצן צעטײלן מײַן שטילע אַנטציקונג, האָב איך זיך געװענדעט צו דער פֿאַנע דאָראָטע, װאָס האָט שװײַגנדיק געשמײכלט, און האָב איר געזאָגט אױף פּויליש עפּעס

א קאָמפּלימענט, וואָס האָט געפּאַסט פאַר איר יוגנט, פאַר דער דערציִונג פון איר ליבע העלענע. אָנשטאָט א שמייכל האָט זי געמאַכט א גרימאַסע און דערמיט האָט זיך געענדיקט איר העפלעכקייט.

איינער נאָכן אַנדערן זײַנען אין זאַל אַרײַנגעקומען די קאָרטנשפּילער, זיי האָבן גאָרנישט ניט באַמערקט און האָבן שווײַגנדיק און שנעל זיך געזעצט בײַם טיש, ניט איינער לעבן אַנדערן און ניט איינער אַנטקעגן צווייטן, נאָר אַזוי ווי ס'האָט זיך געמאַכט.

— דערלאַנג! — האָט געזאָגט דער באַלעבאָס דעם לאַנגן לאַקיי.

דער לאַקיי איז פאַרשוווּנדן אין טיר, און פון דער צווייטער איז שטיל און גראַציִעז, ווי די ליכטיקע אווראָרע, אַרויסגעגאַנגען די באַלעבאָסטע אין א ווײַס זײַדן קלייד, פּונקט אַזוי געניייט ווי דאָס פריִערדיקע. איך בין צעמישט געוואָרן פון אַנטציקונג און האָב קוים געקענט זיך אופהייבן פון אָטאָמאַן, קעדיי מיט ערפורכט באַגריסן דעם אופגייענדיקן שטערן. די קאָרטנשפּילער האָבן ניט באַמערקט איר פײַערלעכן אַרײַנקומען. זיי זײַנען אומעטיק אײַנגעזונקען אין דעם זילבערנעם געשיר. ווי א דערשראָקן ווײַס טײַבעלע האָט זי זיך אפּ א מינוט אָפּגעשטעלט, ניט דרייסט א קוק געטאָן אפּ די געסט, שטיל, קוים צוגעגאַנגען צום מאַן, אים א קוש געטאָן אין דעם פאַרויטלטן שטערן און שווײַגנדיק זיך אוועקגעזעצט לעבן אים, און מיר א ווונק געטאָן, איך זאָל זיך זעצן לעבן איר. איך האָב געפאָלגט. די פאַנע דאָראָטע האָט זיך אוועקגעזעצט פון דער צווייטער זײַט לעבן איר פאַוואָריט. א שטילקייט האָט געהערשט אין אונדזער פאַרשיידנאַרטיקער קאָמפּאַניע. ענדלעך האָט דער באַלעבאָס איבערגעריסן איר אומעטיקע הערשאַפט און האָט געזאָגט דער פרוי זײַנער:

— איך האָב געמיינט, אַז דו ביסט הײַנט ניט אינגאַנצן געזונט.

— פולקום געזונט, — האָט זי געזאָגט און זיך געזעגנט שמייכלענדיק, — און בין אינגאַנצן גליקלעך, — האָט זי צוגעגעבן, קוקנדיק אים אין די אויגן.

— און איך בין ניט אינגאַנצן גליקלעך, — האָט ער אַ בורטשע געטאָן.

— וואָס איז געשען? — האָט זי שנעל געפרעגט.

— גאָרנישט, פריינט מיינער, פאַרשפּילט אַביסל, — האָט ער געענטפערט ניט ווילנדיק.

זי האָט ניט פאַרשטאַנען אין וואָס עס האַנדלט זיך, אַ ווײַלע האָט זי געשוויגן, דערנאָך געזאָגט:

— און בײַ מיר זײַנען הײַנט געווען געסט, מײַנע כאַווערטעס, און מיר האָבן עס געטאַנצט! אַך, איז עס געווען פריילעך! דעריקער, ווען ס'איז צו אונדז געקומען אונדזער טײַערער גאַסט, — זי האָט מיט אַ שמייכל אַ קוק געטאָן אויף מיר.

— ווער־זשע איז אונדזער טײַערער גאַסט? — האָט ער בײַ איר געפרעגט און אָנגעפאַקט זײַן ברייט מויל מיט שמעקעוודיקן פּאַטעפּרוא.

— מײַן שאָכן, — האָט זי צוגעגעבן און אָנגעוויזן אויף מיר.

— איך רעכן, אַז אײַך איז געווען זייער אָנגענעם אין אַזאַ ליבער געזעלשאַפט? — האָט געזאָגט דער באַלעבאָס איראָניש.

— מער ווי אָנגענעם, — פריילעך! — האָב איך געזאָגט.

— עמעס, איר זײַנט אַ קינסטלער, דאָס איז לויט אײַער געשמאַק, — האָט ער אַ זאָג געטאָן און געהריזעט דעם ביינ.

איך האָב ניט געפונען פאַר נייטיק צו באַשטעטיקן זײַן ריכטיקע באַמערקונג, און ווידער האָט גענומען הערשן די שטילקײַט.

די שיינע באַלעבאָסטע האָט זיך פאַרלוירן און האָט ניט געפונען קיין ווערטער פאַר אירע אומעטיקע געסט. ווי הונגעריקע

הינט האָבן זיי שווייַגנדיק געהריזעט די ביינער און פּאַרטרונקען מיט עפּעס א ווייַן. די געסט האָבן זיך געייַלט און האָבן זיך געוואָרגן מיט די ביינער: זיי האָבן קיין צייַט ניט געהאַט. די פאַרוווּנדערטע און באַליידיקטע באַלעבאָסטע האָט ווי א שטיל שעפעלע דערשראָקן געקוקט אַף אירע געסט — די וועלף און האָט ניט געקענט פאַרשטיין אָט די אומעטיקע אייַלעוודיקייַט. נאָך דעם געבראָטנס האָבן די קאָרטנשפּילער אויסגעטרונקען צו גלעזער שאַמפּאַניער, אָנגעגאָסן נאָך צו גלאָז, זיך איבערגעקוקט, זיך אופגעהויבן פון טיש, שווייַגנדיק זיך א נויג געטאָן דער באַלעבאָסטע און אַרויס אין קאַבינעט צוזאַמען מיטן באַלעבאָס מיט די גלעזער אין די הענט.

— און דער קוכן? און די עפּל? — האָט געזאָגט די צעטומלטע באַלעבאָסטע.

— שיק אונדז אין קאַבינעט, — האָט א זאָג געטאָן דער ראָטמיסטער, ער האָט זיך אומגעקערט און, באַווייַזנדיק זייַנע ווייַסע גרויסע ציין, האָט ער אויסגעשטרעקט דער פרוי די האַנט און האָט געזאָגט:

— גיב מיר די האַנט אַף גליק.

שווייַגנדיק האָט זי אים דערלאַנגט די האַנט און האָט א געשריי געטאָן פונעם שטאַרקן קוועטש. און ער, ווי ס'וואָלט גאָרנישט ניט פאָרגעקומען, האָט זיך א קער געטאָן און איז אַרויס פון זאַל.

ווי א ווייַסע מאַרמאָרנע קייוור־סטאַטוע האָט זי אַראָפּגעלאָזט איר שיינעם קאָפּ אַף דער הויכער ברוסט און איז אומבאַוועגלעך שטיל געזעסן א באַליידיקטע, מייַן וווּנדערלעך־שיינע העלענע. איך האָב געקוקט אַף איר, אַף דער שיינער, באַליידיקטער, און מיט הארצקלעמעניש האָב איך אַף עפּעס געוואַרט. זי האָט שווער א זיפץ געטאָן, אומעטיק א שמייכל געטאָן, מיר א קוק געטאָן אין די אויגן און האָט קוים א שעפּטשע געטאָן: א כאַ־

סענע! און גרויסע בלישטשענדיקע טרערן האָבן ווי פּערל זיך אַ גאָס געטאָן פון אונטער אירע לאַנגע אַראָפּגעלאָזטע וויִעס.

די פאַנע דאַראַטע האָט געקוקט אַף איר און געשוויגן. איך האָב אויך קיין וואָרט ניט געקענט אויסרעדן, און זי האָט גע־וויינט, שטיל און ביטער געוויינט. איך האָב מיטן אָטעם מײַנעם ניט געוואגט צעשטערן די שטילקייט, ווען אַפן אַלטאַר פון פּאַ־מיליען־גליק איז געבראַכט געוואָרן אַ גרויסער געהיימניספולער קאָרבן. זי, אַ פּאָשעטע, אָרעמע פּויערטע, זי, אַ הייסע, אומשול־דיקע, ליבנדע און אַזוי גראָב באַליידיקטע, האָט זי טיף און דעם ערשטן מאָל אין לעבן דערפילט אָט די סאַם־ביטערקייט פון באַליידי־קונג און האָט זיך צעוויינט, ניט ווי קיין געוויינלעכע פּרוי, נאָר ווי אַ פרוי אַ דערהויבענע, וואָס אַנערקענט טיף איר אייגענע זעלבסט־ווערדע און ביכלאַל די זעלבסטווערדע פון אַ פרוי. ווי איז צו דיר, דו קוים צעעפנטע לילי פון עדעם! דיך האָט אַראָפּגע־ריסן דער שטורעם פון לעבן און אַ וואָרף געטאָן אונטער די פיס פון אַ גראָבן מענטשן, פון אַ קאַלטן באַלטײַוועניק. ערשט איצט האָסטו זיך דערוווסט, אין וואָס עס באַשטייט דער עמעסער אומגליק און, ווי איבער אַ טײַערן אייגענעם מעס, האָסטו זיך צעוויינט איבער דײַן געשטאָרבענעם גליק.

אָט האָט איר אײַך אַ כאַסענע! — האָט זי געזאָגט שמייכלדיק און אויסגעווישט די טרערן. — איך האָב געמיינט, אַז איך וועל הײַנט ניט וויינען, און דאָך האָב איך זיך צעוויינט... און איר, מײַן ליבע פאַנע דאַראַטע, — האָט זי פאַרגעזעצט מיט אַ ציטער־דיקער שטים, — פאַרוואָס־זשע וויינט איר נישט? איר זײַנט מײַן מוטער, איר האָט מיך אַרויסגעפּראַוועט צו דער כאַסענע, — און זי האָט ווידער אָנגעהויבן שטאַרק וויינען.

די פאַנע דאַראַטע האָט אופמערקזאַם אַ קוק געטאָן אַף איר און גענומען שיילן אַן עפּל. איך האָב פאַרשטאַנען די עמעסע

טיבע פון אירע טרערן און האָב, ווי כ'האָב נאָר געקענט, דער־קלערט איר, וואָס הייסט א קאָרטנשפּילער. זי האָט מיך פארשטא־נען, זיך בארויִקט און אינגיכן איז זי אזוי פריילעך געוואָרן, אז זי האָט אָנגעגאָסן זיך, מיר און דער פאנע דאָראָטע שאמפּאניער אין די גלעזער.

— פארן געזונט פון אייער ברודער! — האָב איך געזאָגט און אופגעהויבן די גלאָז מיט ווייַן.

זי האָט לאנזאם, הארציק, צארט א קוק געטאָן מיר אין די אויגן, שווייַגנדיק מיר דערלאנגט די האנט. מיר האָבן דערנעענ־טערט די גלעזער און פרייַנטלעך אויסגעטרונקען.

— העלענע, דו פארגעסט זיך! — האָט א בורטשע געטאָן די פאנע דאָראָטע, און העלענע אָנשטאָט אן ענטפער האָט מיט א האלבער שטימ אָנגעהויבן זינגען:

אָנגעטרונקען האָב איך זיך
ניט פאר אייער געלט,
כ'האָב א הינדעלע, לייגט עס זיך —
איז קיין בראָנפן מיר ניט פעלט.

און אז זי האָט געענדיקט דעמ קופּליעט, האָט זי זיך אָנגע־בויגן צו דער בורטשענדיקער אלטער און האָט זי א שטארקן קוש געטאָן אין אָנגעכמורעטן שטערן.

— דו פארגעסט זיך, העלענע! — האָט איבערגעכאזערט די פאנע דאָראָטע, און מיר זייַנען אופגעשטאנען פון טיש.

— וואָס־זשע זאָלן מיר איצטער טאָן? — האָט געזאָגט די באַ־לעבאָסטע און זיך אראָפּגעלאָזט אפן אָטאָמאן.

— שלאָפן, — האָב איך געזאָגט אָפּנהערציק.

— איך וויל ניט שלאָפן, איך וואָלט איצט געטאנצט, גע־טאנצט ביז אינדערפרי — האָט זי געזאָגט לאכנדיק און כיטרע גע־קוקט אפ דער פאנע דאָראָטע.

— איז וואָס־זשע שטערט אײַך? — האָב איך געזאָגט, — קומט ווידער אין פּאַווילְיאָן, איך וועל דרייען די קאַטערינקע, און איר טאַנצט מיט דער פֿאַנע דאָראָטע.

— ניין, ניט אַזוי! מיר וועלן די פֿאַנע דאָראָטע צווינגען שפּילן, און מיר מיט אײַך וועלן טאַנצן.

— מאַמעניע מײַנע! — האָט זי צוגעגעבן און האָט צאַרט געקושט איר דועניע, — קומט, לאָמיר גיין אין פּאַווילְיאָן.

— דו פֿאַרגעסט זיך, העלענע! — האָט אַ בורטשע געטאָן די רויִקע אַלטע און האָט אַ שאָקל געטאָן דעם קאָפּ אָפּ ניין.

— און איך וועל אײַך ניט לייענען „אַסטאַפֿ און אוליאַנע", אַז איר וועט זיך לייגן שלאָפֿן. איך לייען איר יעדע נאַכט, — האָט זי פֿאַרגעזעצט, ווענדנדיק זיך צו מיר, — און זי וויל אַפֿילע ניט קיין איינ שאָ פֿאַר מיר דרייען די קאַטערינקע. אָפּ מײַנ ערנוואָרט, כ'וועל ניט לייענען, און מאָרגן וועל איך די בלומען ניט באַגיסן פֿאַרן זונ־אויפֿגאַנג. זאָלן זיי פֿאַרוועלקט ווערן, אײַך וועט דאָך ערגער זײַנ: איר וועט מוזן אַנדערע פֿאַרזעצן, און איך וועל די אַנדערע אויך ניט באַגיסן. קומט־זשע, מײַנ מאַמעלע, כאָטש אָפּ איינ שאָעלע, קומט, — האָט ענדלעך געזאָגט העלענע און האָט זיך צאַרט צוגעטוליעט צו דער פֿאַנע דאָראָטע.

— דו פֿאַרגעסט זיך, העלענע, — האָט ווידער אַ זאָג געטאָן מיט איר הילצערנער שטימ די פֿאַנע דאָראָטע.

העלענע האָט זיך פֿאַרטראַכט אָפּ אַ מינוט און דערנאָך האָט זי געזאָגט צו איר דועניע:

— לאָמיר בעסער גיין שלאָפֿן. איך וועל אײַך אויסטון, מײַנ מאַמעלע, כ'וועל אײַך צודעקן, איך וועל אײַך לייענען.

— איך ווינטש אײַך אַ לײַכטע נאַכט, — האָב איך געזאָגט, געזעגנענדיק זיך.

— וואַרט אויסעט, איך וועל אײַך באַגלייטן ביזן שווייצאַר, אנדערש וועט איר פאַרבלאָנדזשען אין אונדזער וואַווילאָן, און וועל אײַך איבערגעבן אין די הענט פון דעם אַלטן פּראָכאָר, — האָט זי געזאָגט. זי איז אופגעשטאַנען און גענומען זיך צופּוצן.

איך האָב זיך אָפּגעזאָגט פון אָט דער ליבער פרײַנטלעכקײַט. גלײַך נאָך דער באַלעבאָסטע בין איך אַרויס אין איינער פון די טירן. מיר זײַנען דורכגעגאַנגען דעם שמאָלן קאָרידאָר און דעם רויטן צימער, וואָס איז שוין באַקאַנט דעם לייענער, און מיר זײַנען ווידער אַרויס אין קאָרידאָר און זײַנען צוגעקומען צום אַרויסגאַנג אין הויף. זי האָט אַ קלאַפּ געטאָן אין טיר, און אָנגעשטאָט דעם שטאַרק גרויסן לאַקיי האָט זיך באַוויזן אַ קליינינקער שיטערער אַלטיטשקער מיט אַ לאַמטערן אין דער האַנט.

— אָט האָט איר אײַך פּראָכאָרן, — האָט זי מיר געזאָגט און, ווענדנדיק זיך צום אַלטן, האָט זי פאַרגעזעצט: — און דו, פּראָכאָר, זײַ אַזוי גוט, ווי די אויגן דײַנע היט דעם פּאַרעץ.

— זײַט געזונט! — האָט זי געזאָגט און מיר דערלאַנגט די האַנט.

איך האָב קוים באַוויזן אַרויסזאָגן: זײַט געזונט! און זי איז גלײַך פאַרשוווּנדן אין טיפן קאָרידאָר, און נאָר דאָס שורשען פון זײַדענעם קלייד איז צו מיר דערגאַנגען.

איך בין געשטאַנען אומבאַוועגלעך און זיך צוגעהערט צו אָט דעם האַרמאָנישן גערויש. פּראָכאָר איז, דאַכט מיר, אויך געווען אונטער דער ווירקונג פון דער דאָזיקער שטילער האַרמאָניע. אַזוי זײַנען אַריבער עטלעכע מינוט. פּראָכאָר האָט זיך דערשטער אַ כאַפּ געטאָן און אַרויסגעלאָזט מיך אין הויף.

איך בין אָפּגעגאַנגען אַ שטיקל וועג נאָך פּראָכאָרן, אָדער, ריכטיקער געזאָגט, נאָכן לאַמטערן זײַנעם, און מיר זײַנען צוגעקומען צו טרעפּ. מיר זײַנען אַרופגעגאַנגען אפן צווייטן שטאָק און

זײַנען אַרײַן אין אַ קלײנעם רײנעם צימער און דערנאָך אין אַ גרױסן, װאָס איז באַלױכטן געװען מיט אַ װאַקסענער ליכט. איך האָב באַדאַנקט פּראָכאָרן און אים אָפּגעלאָזט. כ׳האָב זיך אױסגעטאָן, אױסגעלאָשן די ליכט און בין דערטרונקען געװאָרן אין אַ פרישן רײנעם געלעגער.

VI

קעגן מײַן געװױנהײַט בין איך גיך אַנשלאָפן געװאָרן. איך בין געשלאָפן שטאַרק, אָבער ניט לאַנג. װי ס׳האָט נאָר אָנגעהױבן אַרײַנדרינגען די שװאַכע שײַן דורך די װײַסע דורכזיכטיקע שטאָרן, האָב איך זיך אױפגעכאַפּט. איך האָב זיך אָפּגעקערעװעט צו דער װאַנט און געפּרוּװט װידער אַנשלאָפן װערן, אָבער אומזיסט האָב איך עס געפּרוּװט. די געשעענישן פון דער פאָריקער נאַכט האָבן זיך מיטאַמאָל גענומען דרײען אין מײַן קאָפּ און מיך ניט געלאָזט רוען. כ׳געדענק ניט, מיט װאָס פאַר אַ זײַט איך בין פון בעט אױפגעשטאַנען און בין צו צום פענצטער, קעדײ אַ קוק טאָן אױפן פּראָנטאָן פון אָט דעם מיִעסן לאַבירינט, װוּ כ׳האָב באַגעגנט אַזאַ װוּנדער־שײנע קישעפמאַכערן.

איך האָב אױפגעהױבן די שטאָרע, און דאָס ערשטע, אױף װאָס מײַנע אױגן האָבן זיך אָנגעשטױסן, דאָס איז דער אַלטער פּראָכאָר. ער איז געגאַנגען איבערן הױף מיט װאַש־געשיר אין האַנט און מיט אַ האַנטעך איבערן אַקסל. דאָס איז געװען פאַר מיר פּונקט צו דער צײַט. הײסט עס, אַז פּראָכאָר איז גאָרנישט קײן שלימאַזל אין דער לאַקײִשער פּראָפעסיע, און אַ קוק טאָן אױף אים, איז ער גאָרנישט ענלעך אױף אַ מיטגליד פון אָט דעם פּילצאָליקן צעלאָזטן און צעפּױלטן צעך. ער איז מער ענלעך געװען אױף אַ מענטשן, װאָס גײט אַרום די בעהײמעס, אױף אַ הױף־װעכטער אָדער אױף אַ גערטנער, אָבער בעשומױפן ניט אױף אַ לאַקײ.

און וואָס האָט זיך איר פאַרוואָלט באַשטימען פאַר מיר אַזאַ ניט צעכאָוונ באַדינער? צי האָט איר ניט געזאָגט עמעצער, אַז איך קען ניט פאַרליידן די לאַקייִשע צעכ־מייַסטערס? מיטגעפיל, ניט מער! און דערווייַל איז אינ ערשטנ צימער שטיל אַרייַנגעגאַנגענ מייַנ ליטשאַרדאַ. אינ אַ ווייַלע אַרום האָט ער שטיל, קוים צו הערנ אַ הוסט געטאָן, דערנאָך האָט ער שטיל געעפנט די טיר און מיר באַוויזנ זייַנ באַשיידענע מאָגערע פיזיאָנאָמיע.

— אַ גוטנ מאָרגנ אייַך! — האָט ער אַ זאָג געטאָן מיט אַ הייזעריקנ דיסקאַנט, אופגעעפנט אינגאַנצנ די טיר און געפרעגט: — פאַרוואָס־זשע שלאָפט איר ניט?

— ס'שלאָפט זיך ניט, פראָכאָר! — האָב איך אים געענטפערט אפ זייַנ אויסשפּראַך.

— ס'שלאָפט זיך ניט? — האָט ער שטיל איבערגעכאַזערט, — מאָדנע, אינ קאָרטנ שפּילט איר ניט און איר שלאָפט ניט; איז לאָמיר זיך נעמענ וואַשנ, אויב אַזוי, — האָט ער געזאָגט און אוועקגעשטעלט די וואַש־מאַכשירימ אפ אַ בענקל.

— צי דענ שפּילנ נאָך די פּריצימ אינ קאָרטנ? — האָב איך בא אים געפרעגט.

— זיי שפּילנ, — האָט ער לאַקאָניש געענטפערט.

— אָט כעוורע! — האָב איך אויך לאַקאָניש אַ טראַכט געטאָן. מיר איז געפעלנ דער באַשיידענער, אומעטיק־שמייכלענדיקער אויסדרוק פראָכאָרס. איך האָב בא אים געפרעגט, צי איז ער ניט געווענ אַ מאָל אַ גערטנער אָדער אַ פּאַסטעך פונ אַ פרעמדער סטאַדע.

— אי אַ גערטנער, אי אַ פּאַסטעך געווענ, — האָט ער געענטפערט און געקוקט אפ מיר פרעגנדיק.

— און וואָס ביסטו נאָך געווענ?

— אי אַ פּאָנאָמאַר, אי אַ בראָדיאַגע, און אַ בלינדנ קאָבזאַר

געפירט אמאָל, ווען איך בין נאָך קליין געווען; אָט האָט מיר נאָך גאָט געהייסן א לאַקיי זײַן.

די לעצטע ווערטער האָט ער ארויסגעזאָגט זייער שטיל.

נאָכן וואשן זיך האָב איך אפגיכ, אָן דער הילף פון פּראָכאָרן זיך אָנגעטאָן, גענומען די היטל, דעם שטעקן און בין ארויס אין פּאָדערצימער.

— איר זײַנט, ווײַזט אויס, פּונקט אזא פּאָרעצ, ווי איך אײַער לאַקיי, — האָט געזאָגט פּראָכאָר, באטראכטנדיק מיך, — איך האָב נאָך די שטיוול ניט אויסגעפּוצט, און איר האָט זיי שוין אָנגעטאָן.

— וועסט מאָרגן זיי אויספּוצן, פּראָכאָר, — האָב איך געזאָגט, ארויסגייענדיק פון טיר.

— איר זאָלט זיך ניט פארבלאָנדזשען אין אונדזערע ווערטעפּן, — האָט געזאָגט פּראָכאָר, צומאכנדיק די טיר.

איך בין ארויס אפ א ברייטן הויף, וואָס איז באדעקט געווען מיט גרינעם יונגן גראָז. איך האָב זיך ארומגעקוקט. איך האָב אפילע אין כאָלעם ניט געזען קיין מער מיִעסע און אָריגינעלע געבײַדע, ווי כ׳האָב איצט געזען אין דער וואָר. קיין סימען פון צוגעפּאסטקײַט, קיין ביסל סימעטריע. אין דער גאנצער געבײַדע איז ניטאָ קיין צוויי אלציינע פענצטער, אין דער גאנצער געבײַדע הערשט ווי אן אומיסטן מיִעסע פארשיידנארטיקײַט. די פענצטער, טירן, דער דאך, דער קוימען — אלץ האָט זיך געקריגט איינס מיטן אנדערן, ווי שיקערע באבעס אפן מארק. פון הינטער עפּעס א קאמער מיט א קײַלעכיקן פענצטער און א זעקסקאנטיקער טיר האָבן ארויסגעקוקט דרײַ אלטע וויאזן, ווי דרײַ פּויערים וואָלטן צוגעגאנגען כאפּן א קוק אפ זייערע שיקערע אומרויִקע ווײַבער. אלץ, וואָס איך האָב געזען ארום זיך, איז ווירקלעך ענלעך געווען אפ א מארק אין סאמע ברען זײַנעם. מיט וואָס

פאר א געדאנק, מיט וואָס פאר א ציל איז אָנגעוואלגערט גע־וואָרן די דאָזיקע אומגעלומפּערטע מיִעסקייט?

מע דארף ווערן נעענטער מיט פראָכאָרן: ער מוז קענען אָט דעם מעשוגענעם בויער, זאָל זיין לויט דעם, ווי מע דערציילט וועגן אים, און ס'איז אינטערעסאנט צו קענען אזא טשודאק. מיר דאכט זיך, אז דאָ איז פאראן עפּעס ענלעכס צווישן דער פאנע דאָראָטע און אָט דער געביידע. און עפשער איז נאָך צווישן היגע אוילעם פארשפרייט א לעגענדע אָדער א ליד וועגן דעם דאָזיקן וואווילאָן? און אויב ס'איז טאקע פאראן, ווייסט עס פראָכאָר אפ זיכער. באשלאָסן, איך מוז אומבאדינגט דערגיין א טאָלק אין אָט דער אומגעלומפּערטער זאך.

און דערווייל בין איך פון הויף ארויס אף א ברייטער טאָ־פּאָל־אלייע, מיט וועלכער מיר זיינען נעכטן אריינגעפאָרן אין דעם דאָזיקן לאבירינט. איך בין דורכגעגאנגען די אלייע און בין ארויס אף א בערגל. כ'האָב זיך ארומגעקוקט. אומעטום א געדיכטער וואלד, פון וואלד האָבן וווּ־ניט־ווו געסטאָרטשעט אין פארשיי־דענע ריכטונגען די שפּיצן פון די טאָפּאָלן און ס'האָט זיך גע־צויגן אין דער הייך א העל־בלוי רויכל אין דער ריכטונג פון הויז. צי איז עס ניט א געוועזענע באנדיטישע נעסט? — האָב איך בא זיך אליין א פרעג געטאָן און זיך אימגעקערט צוריק. איך האָב זיך אלץ געוווּנדערט איבער דעם געוועזענעם.

מיר האָט זיך געוואָלט דורכדרינגען אין סאָד אריין. נאָר וויִאזוי, דאָס האָב איך ניט געוווּסט. איך האָב ניט געוווּסט און האָב זיך פארלאָזט אף א צופעליקייט. און די צופעליקייט איז טאקע באלד אונטערגעקומען. פון דער אלייע, מיט וועלכער איך בין ארויסגעגאנגען און זיך איצטער אומגעקערט צוריק אין הויז, האָב איך רעכטס דערזען א שמאָל סטעזשקעלע אָדער, ווי מיינע לאנדסלייט זאָגן, א וואָלפיש סטעזשקעלע. איך

האָב זיכ געלאָזט מיט דעמ וואָלפּישנ סטעזשקעלע אונ בינ אריינ אינ א פינצטערנ לינדנ־וואלד. אז כ׳בינ אָפּגעגאנגענ א הונדערט טריט, האָב איכ דערזענ א פּרוכטנ־סאָד אָנ א שום פּלויט אונ, דורכגעגאנגענ דעמ פרוכטנ סאָד, בינ איכ, ווי א פארקישעפּטער העלד, געבליבנ שטיינ פאר דריי צעצווייגטע סטעזשקעס. א ווײַלע האָב איכ א טראכט געטאָנ אונ האָב אויסגעקליבנ די סטעזשקע פונ דער לינקער זייט, וואָס האָט געפירט, ווי ס׳האָט זיכ מיר געדוכט, פונ דער זייט פונ הויז. די סטעזשקע, וואָס איכ האָב אויסגעקליבנ, האָט דורכגעשניטנ אנ אלטנ ניסנוואלד, ווו ס׳האָבנ אויכ געסטאָרטשעט אלטע גראָבע צעצווייגטע לינדנ אונ פונקט אזעלכע גראבנ אונ קליאָנעס מיט טרוקענע שפּיצנ. דאָס אלצ איז באלויכטנ געווענ מיט דער פרימאָרגנדיקער ווארעמער זונ, אונ, ווי מע שרייבט, ס׳האָט זיכ אליינ געבעטנ אונטער דעמ פּענדזל פונ מאָלער. נאָר מיר איז דאנ ניט אָנגעגאנ די מאָלעריי, מיכ האָט פארנומענ די פראגע, ווהינ וועט מיכ ארויספירנ אָט די וואָלפּישע סטעזשקע. אונ קעדיי צו לייזנ אָט די אויפגאבע, האָב איכ פארטאָפּלט די טריט אונ זיכ אָנגעשטויסנ אפּ א גראָבנ ווייסנ וואָרצל, וואָס איז געלעגנ פּאָפּערעק דעמ וועג. איכ האָב זיכ אָנגעשטעלט אונ אופגעהויבנ דעמ קאָפּ. איכ קוק אונ זע: אנ אלטער טרוקענער שטארק גרויסער קליאָנ האָט צעשפּרייט זיינע אנטבלויזטע צווייגנ, ווי א גראָווער פּאטריארכ וואָלט ארופגעלייגט זיינע אלטע הענט אפּ די קעפּ פונ זיינע קינדער אונ געבעטנ, אז גאָט זאָל זיי בענטשנ.

ווי איכ בינ ניט געווענ פארנומענ מיט דעמ, וואָס פאר א רעזולטאט ס׳וועט געבנ די סטעזשקע, אָבער פאר דעמ אלטנ ויידנ, דעמ ניסנבוימ, האָב איכ זיכ אָפּגעשטעלט אונ שיר ניט אראָפּגענומענ די היטל. אזוי טרעפט זיכ אמאָל, אז מע באגעגנט אמאָל אינ גאס אנ אָנשטענדיקנ אלטנ, אונ ניט ווילנדיק גיט זיכ

די האַנט אַ צי צום היטל. אָט דער שיינער געפיל, רעכן איך, איז שוין אײַנגעבוירן אינעם מענטשן, און ניט דורך דער דער־ציִונג דערוואָרבן. ווי ס'וואָלט דאָרט ניט געווען, אָבער איך האָב ווי פאַר אַ לעבעדיק באַשעפעניש מיט אָפּשײַ זיך אָפּגעשטעלט פאַר דעם אײַנגעטריקנטן גרויסאַרטיקן קליאָן. די זון־שטראַלן זײַנען דורכגעדרונגען דורך די געדיכטע צווײַגן פון די ניסנבוי־מער און זײַנען געפאַלן אַף זײַנע אַלטע אַנטבלויזטע פיס, ד. ה. וואָרצלען, און אַזוי עפעקט, אַזוי העל און שיין זיי באַלויכטן, אַז איך האָב זיך אָפּגערוקט אַף וויפל ס'איז מעגלעך ווײַטער, זיך באַזעצט אין אַ שאָטן פון די ניסנביימער, ווי אַן עמעסער מאָלער, איך האָב זיך געפרייט איבער דעם שיינעם ליכטיקן פלעק אַף דעם טונקעלן גרוי־גרינעם פאָן.

ווי לאַנג כ'האָב געקוקט אַף אָט דעם בילד, געדענק איך ניט. כ'געדענק נאָר, אַז גרויסע טראָפּנס טוי זײַנען אַראָפּגעפאַלן פון די בלעטער פון די ניסנביימער מיר אַפן פּאָנעם און האָבן מיך אויפגעוועקט.

אַז כ'האָב זיך אויפגעכאַפּט, האָב איך זיך באַקלערט, אַז כ'האָב דאָ ניט וואָס צו טאָן, ווײַל דער ווײַסער פלעק איז פאַרשוואונדן. ס'איז נאָר געבליבן דער טרוקענער קליאָן און זײַנע גאַנץ גע־ווינלעכע וואָרצלען. איך האָב זיך פויל אויפגעהויבן, כ'האָב פון זיך אַראָפּגעטרייסלט די טרוקענע בלעטער און, ווי ס'וואָלט זיך גאָרנישט ניט געטראָפן, האָב איך זיך געלאָזט ווײַטער מיט דער וואָלפישער סטעזשקע. די סטעזשקע האָט מיך געבראַכט צו עפּעס אַ קאַמער אָן פענצטער, אָן טירן און וואָס האָט געהערט צום הויפּט־קאָרפּוס פון אַ געבײַדע מיט פאַרשיידנערליי פענצטער. די קאַמער האָט, ווײַזט אויס, אַנטהאַלטן אין זיך עפּעס אַ פירמע „רו” אָדער „פאַרגעניגן”, ד. ה. אַ שײַער אָדער אַ הינט־שטאַל. די סטעזשקע האָט פון דער דערמאַנטער קאַמער זיך פאַרנומען אַף

רעכטס. איך בין אוועק ווײַטער. אָנשטאָט די קושטשעס פון ניסנ־ביימער האָבן זיך באוויזן קושטשעס פון בוזינע, אגרעסן און ווײַמפּערלעך. הייסט עס, אז איך בין שוין דערגאַנגען צום עמעסן פּריצישן סאָד. נישקאָשע, — האָב איך זיך געטראַכט, — און האָב פאָרגעזעצט מײַן ניט קלאָרן וועג. אינגיכן בין איך ארײַן אין אַן אלייע פון טאָפּאָלן. איך גיב א קוק, אין עק פון אלייע שטייט עפּעס א געבײַדע. צי איז עס ניט דער נעכטיקער פּאווי־ליאָן? דאָס איז ער. איך האָב פארגיכערט די טריט און אין א מינוט ארום בין איך שוין געווען לעבן באקאנטן פּאווי־ליאָן. די טירן זײַנען געווען צעעפנט; כ׳גיי ארײַן און זע די שוויגנדיקע פּאנע דאָראָטע זיצט בײַ א קײַלעכיקן טיש פאר א גרויסן זיל־בערנעם קאווע־קרוג.

— א גוט מאָרגן! — האָב איך איר געזאָגט און זיך פארנייגט.

— א גוט מאָרגן! — האָט זי געענטפערט, א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און העפלעך א שמייכל געטאָן.

כ׳האָב נאָר באוויזן אומהעפלעך זיך אוועקזעצן אנטקעגן דער פּאנע דאָראָטע, ווי ס׳איז ארײַנגעלאָפן אָדער, בעסער גע־רעדט, ארײַנגעפלויגן אין פּאווילאָן, ווי א פרימאָרגן־פייגעלע, מײַן וווּנדערשיינע העלענע און איז ארופגעפאלן מיר אפן האלדז.

— דו פארגעסט זיך, העלענע! — האָט א וואָרטשע געטאָן די דועניע און גענומען אָנגיסן קאווע.

— ווו זײַנט איר פארפאלן געוואָרן? — האָט אפגיך געפרעגט בײַ מיר די שטיפערן העלענע, און ניט געבנדיק מיר קיין מעג־לעכקײַט ענטפערן, האָט זי פאָרגעזעצט:

— און דער ברודער האָט שוין געוואָלט פאָרן נאָך אײַך קיין בודישטשע, און דער אומגליקלעכער פראָכאָר וויינט פון צאָרעס. איך האָב אויך זיך שיר ניט צעוויינט, — האָט זי צוגעגעבן מיט א שמייכל.

— יאָ! — האָט זי געזאָגט, ווי זי וואָלט זיך אין עפּעס דער־מאנט, — איך דארף אײַך זאָגן אן אָנגענעמע נײַס, אָבער בע־סאָד.

זי האָט זיך אָנגעבויגן צו מיר און א שעפּטשע געטאָן:

— איר זײַנט געפעלן דער פאנע דאָראָטע!

— גרייט צו דינסט! — האָב איך געזאָגט לאכנדיק און א טראכט געטאָן: דערשלאָגן א ביבער!

— לאכט נישט, — האָט זי ערנסט געזאָגט, — דאָס איז א זעל־טענע זאך; איר געפעלט ניט אפילו מײַן ברודער. איך ווייס ניט, ווער ס׳זאָל איר געפעלן, אכוץ מיר און פראָכאָרן. און איר זײַנט דער דריטער, אָט וואָס! — האָט זי צוגעגעבן און א קוק געטאָן אף דער שווײַגנדיקער פאנע דאָראָטע.

— און אויב אזוי, — האָב איך געזאָגט אין א שפּאס, — איז דארף מען ניט אומזיסט פאטערן קיין צײַט, לאָמיר אין א גוטער שאָ א כופּע שטעלן.

— זי וועט ניט כאסענע האָבן, — האָט זייער ערנסט געזאָגט די וווּנדערשיינע העלענע. — זי איז שוין פון לאנג א מאָנאשקע, א שוועסטער קארמעליטן, און נאָר מיר צוליב בלײַבט זי דאָ און פאָרט ניט אין איר קלויסטער.

— העלענע! די קאווע ווערט קאלט! — האָט הויך א זאָג גע־טאָן די פאנע דאָראָטע.

— באלד, מײַן מאמעלע, — האָט צארט געזאָגט מײַן ווונדער־שיינע מיטשמועסערן און א צי געטאָן די האנט נאָך דער טשאשקע.

נאָך א מינוט שווײַגן האָט זי זיך ווידער געווענדעט צו מיר און געזאָגט:

— איך האָב געהערט, אז איר קענט מאָלן פּאָרטרעטן. מאָלט מיר אָן מײַן מאמעלע, מײַן ליבע פאנע דאָראָטע.

— דו פארגעסט זיך, העלענע! — האָט א בורטשע געטאָן די פאנע דאַראָטע און האָט קוים־קוים א שמייכל געטאָן.

— איך פארגעס זיך ניט, מײַנע ליבע מאמעניו, איך פארגעס זיך ניט. אז איר וועט אוועקפאָרן אין אײַער קלויסטער, וועל איך קוקן אף אײַער פאָרטרעט און כ׳וועל אים א בוך לייענען, ווי כ׳לייען עס איצטער אײַך. איר וועט אָנמאָלן? — האָט זי צוגע־געבן, ווענדנדיק זיך אפגיך צו מיר.

איך האָב געגעבן דאָס וואָרט אויספילן איר ווונטש.

— איר וועט אויך מײַן ברודער אָנמאָלן? — האָט זי געפרעגט נאַיִוו.

— אי אײַך, אי דעם ברודער, כ׳וועל אַלעמען אָנמאָלן.

— אך, ווי צופרידן איך בין, אך, ווי צופרידן איך בין! — האָט זי געזאָגט און געפּאטשט מיט די הענט.

— און איר האָט פארבן? — האָט זי געפרעגט נאָך א מינוט שווײַגן.

— פאר אן אין בודישטשע, — האָב איך געזאָגט.

— הייסט עס, אז ס׳איז אלציינס ווי דאָ, — האָט זי געזאָגט, ארויסלויפנדיק פון פּאווילִיאָן.

אין א האלבער שאָ ארום האָט זי זיך אומגעקערט און האָט געזאָגט:

— דער ברודער פאָרט אליין קיין בודישטשע און וועט אײַך ברענגען אלץ, אפילע אײַער טראָכימען. מײַן ברודער האָט אים זייער ליב, און איך האָב אים נאָך אפילע ניט געזען, — האָט זי צוגעגעבן. — ער מוז זײַן א גוטער מענטש, אויב דער ברודער האָט אים ליב באקומען.

— ער קער אָן אן אייגן אייניקל אײַער פּראָכאָרן, — האָב איך געזאָגט.

— נו, איז ער זיכער א גוטער. און א גראַמאָטנער?

— יאָ, — א גראמאַטנער.

— ווי צופרידנ און גליקלעך וואָלט איך געווען, ווען מײַנ ברודער לערנט זיך אויס לייענען און שרײַבן, — האָט זי געזאָגט ווי צו זיך און זיך פאַרטראַכט. איר שיינ קעפּל האָט זי אָנגעשפּאַרט אפ די אַקסל פון דער טרויעריקער און אומבאַוועגלעכער פאַנע דאָראָטע.

— איך אַליינ וועל אים אויסלערנען לייענען, — האָט זי געזאָגט, ווי זי וואָלט זיך אופגעכאַפּט פון שלאָף. — און ווער וועט אים אויסלערנען שרײַבן? פּראָכאָר קענ אויך נישט שרײַבן. ער לייענט נאָר דעם פּסאַלטיר. גיט מיר אַן אײַצע, וואָס טוט מען? — האָט זי צוגעגעבן, ווענדנדיק זיך צו מיר.

— איך וועל אײַך נישט נאָר אײַצען, נאָר אײַך אויך העלפן אינ אָט דער גוטער זאַך, — האָב איך געזאָגט, און טאַקע דאָ אפן אָרט פאַרגעלייגט טראַכימען אַלס לערער פאַרן העלד אַן דער האַנט.

איצט שוין ניט נאָר לויט דער געוווינהײַט און ניט אומזיסט האָט די פאַנע דאָראָטע א בורטשע געטאָן: „דו פאַרגעסט זיך, העלענע!”, ווײַל איר שטיפערן העלענע האָט ניט באַוויזן אויסהערן ביזן סאָף מײַן פאָרשלאַג, זיך א וואָרף געטאָן מיר אפן האַלדז און געצומען מיך קושן מיט דער גאַנצער צאַרטקײַט פון א ליבנדיקער שוועסטער.

— מיט וואָס־זשע וועלן מיר מיטן ברודער באַצאָלן אײַך פאַר אײַער ליבע? — האָט זי געזאָגט, ווען זי האָט זיך אַביסל באַרויִקט.

— מיט ליבע, — האָב איך רויִק געענטפערט. — הערט מיך אויס, — האָב איך פאָרגעזעצט, — אָט איז מײַן פּלאַן. איך וועל אײַך איבערלאָזן מײַן טראַכימען אפ א גאַנץ יאָר, אויב נאָר פּראָכאָר וועט אײַנגיין אײַך פאַרלאָזן.

בא די ערשטע ווערטער מײַנע האָט די פּאנע דאָראָטע א קוק געטאָנ אפ מיר, ווי זי וואָלט זיכ דערשראָקנ," אונ דערנאָכ האָט זי ווידער ארויפגעלאָזט דעמ קאָפּ.

— א, ער וועט זיכער מאסקימ זײַנ, איכ וועל אימ אײַנרעדנ.

די פּאנע דאָראָטע האָט זיכ א קרימ געטאָנ אונ א קוק געטאָנ אפ איר העלענע, אונ יענע האָט פארשטאנענע איר בליק אונ מיט טרערנ אינ די אויגנ זיכ א וואָרפ געטאָנ פאר איר אפ די קני, געקושט אירע הענט אונ געזאָגט:

— מאמעניו מײַנע, נעשאָמע מײַנע! איכ וועל אלײַנ נעמענ די לאָפּעטע אונ וועל צעגראָבנ דײַנע בייטנ, נאָכ בעסער פונ פּראָכאָרנ וועל איכ עס טאָנ, נאָר לאָז אימ אָפּ, מאמעלע, נעשאָמעלע מײַנע!

— די פּאנע דאָראָטע האָט א ווײַלע געשוויגנ, דערנאָכ האָט זי זיכ אָנגעבויגנ צו איר, א קוש געטאָנ זי אינ קאָפּ אונ קוימ ארויסגעזאָגט:

— מאסקימ.

אינ דער זעלבער צײַט איז אינ פּאווילאָנ ניט דרייסט ארײַנגעגאנגענ פּראָכאָר. דערזענ מיכ, האָט ער זיכ איבערגעציילעמט אונ האָט געזאָגט:

— אדאנק דיר, גאָט, דו האר פונ הימל! טאקע פאָרט געפונענ! אונ איכ האָב געמיינט, אז איר זײַנט שוינ קיינ בעסאראביע פונ אונדז אוועק, — האָט ער צוגעגעבנ מיט א שמייכל אונ האָט אָפּגעווישט דעמ שווייס פונ שטערנ.

איכ בינ צו צו פּראָכאָרנ, אימ דערקלערט אינ וואָס עס האנדלט זיכ. איכ האָב זיכ נישט פאָרגעשטעלט, אז ער קענ האָבנ עפּעס קעגנ. אָבער ס'האָט זיכ באקומענ אנדערש. ער האָט אופמערקזאמ מיכ אויסגעהערט, זיכ פארטראכט, אונ נאָכ א ווײַלע

טראכטן האָט ער א קוק געטאָן אף דער פאנע דאָראָטע און לאקאָניש געזאָגט:

— איך וועל נישט גיין!

— פארוואָס? — האָב איך אויך לאקאָניש אים געפרעגט.

— און אף וועמען וועל איך זיי לאָזן? — האָט ער געזאָגט, ווײַזנדיק אף דער פאנע דאָראָטע.

— אף זייערע הענט, — האָב איך געזאָגט און אָנגעוויזן אף דער באַלעבאָסטע.

— צו יונג! — האָט ער געזאָגט און איז ארויס פון פאוויליאָן.

אָט דאָס אנטשיידענע אָפּזאָגן זיך פון אָט דעם האַלב־דערשלאָגענעם אָרעמען פויער איז מיר שטארק געפעלן. דאָס האָט טיף אָנגערירט מײַן נעשאָמע. אָט דאָס איז א מענטש, און ניט קיין שטומער קנעכט, וואָס קאָן נאָר זאָגן: ווי איר וועט באפוילן! איך האָב זיך געגעבן דאָס וואָרט אים איבערעדן. מיט אָט דעם אקשאָנעסדיקן ווילן האָב איך זיך געווענדעט צו די פרויען, דערציילט זיי וועגן דעם, אז פראָכאָר האָט זיך אָפּגעזאָגט און זיי געבעטן, זיי זאָלן אים אײַנרעדן, אז ער זאָל פאָרן מיט מיר קיין קיִעוו, כאָטש נאָר צוליב דעם, קעדיי א בוק טאָן זיך די טשודאָטוואָרצעס אף פעטשערסק.

— פון אײַך הענגט עס איצט אָפּ, אז מײַן פראָיעקט זאָל פארווירקלעכט ווערן, — האָב איך צוגעגעבן.

די פאנע דאָראָטע האָט צוגעזאָגט, אז זי וועט מיטהעלפן. איך האָב א קוש געטאָן איר ביינערדיקע האנט און האָב פאָרגעלייגט דער ווונדערשיינער העלענע זיך דורכשפאצירן, אָבער די וווּנדערשיינע העלענע האָט מיר, דעם פאריס אירן, אָפּגעזאָגט. איך האָב זיך געזעגנט און בין ארויס אין סאָד.

VII

— און וווהין וועט אײַך איצטער גאָט אוועקטראָגן? — האָט מיך געפרעגט פראָכאָר, וואָס איז געשטאַנען הינטער דער טיר.

— וווהין די אויגן וועלן פירן, — האָב איך געענטפערט.

— וווהין די אויגן וועלן פירן, — האָט ער שטילערהייט איבערגעכאַזערט. — און ווו זאָל איך אײַך דאַן זוכן, אז איר וועט פאַרבלאָנדזשעט ווערן אין אונדזער וואַווילאָן?

אף זײַן קלוגער פראַגע האָב איך ניט געוווּסט וואָס צו ענטפערן, און ער האָט געקוקט אף מיר, געשמייכלט, געדרייט אין דער האַנט די היטל זײַנע, די טשאַבאַנקע.

איך האָב קיינמאָל ניט ליב געהאַט צו שפּאַצירן מיט עמעצן, אפילע מיט דער בעסטער און גאָרניט סענטימענטאַלער פרוי. א שפּאַציר אליין האָט פאַר מיר עפּעס א באַזונדערן חיין, און דערפאַר בין איך טיף אין האַרצן צופרידן געווען אפילע מיט דעם, וואָס די שיינע העלענע האָט זיך אָפּגעזאָגט מיך באַגלייטן, אָבער כ׳האָב געמוזט אָנערקענען די ריכטיקע ווערטער פון דעם פאַרזיכטיקן פראָכאָר און בין גרייט געווען אים בעטן, ער זאָל מיך באַגלייטן אין אָט דעם אומפאַרשטענדלעכן לאַבירינט, אָדער ווי ער רופט אים אָן, וואַווילאָן. און ס׳איז געווען זייער צו דער זאַך: באַם שפּאַצירן וואָלט איך געקענט פאַרפירן א שמועס וועגן דער פאַנע דאָראָטע און זיך דערוויסן וועגן איר אַלץ ביז א מינדסטער קלייניקייט, און דאָס האָט מיך זייער אינטערעסירט.

— וועסטו עפּשער מיטגיין מיט מיר, פראָכאָר, א שפּאַציר טאָן איבער אײַער וואַווילאָן? — האָב איך געפרעגט בא אים.

— קומט, — האָט ער געזאָגט מיט א שמייכל און האָט צוגעדעקט זײַן פּליך מיט דער טשאַבאַנקע.

אינ דער זעלבער צײַט האָט פונ דער טיר ארויסגעקוקט די צויבערלעכע העלענע אונ האָט א רופ געטאָנ פראָכאָרנ צו דער פאנע דאָראָטע. איכ האָב פארשטאנענ די סיבע פונ אָט דער פלורצעמדיקער אאודיִענצ, כ'האָב אָפּגעלייגט די אויספאָרשונג וועגנ דער פאנע דאָראָטע אפ אנ אנדערש מאָל אונ זיכ געלאָזט גלאט אזוי, ווו די אויגנ וועלנ פירנ.

פונ צווישנ די פארוואָרפענע שטעכיקע קושטשעס ווײַמפערלעך אונ אגרעסנ האָב איכ זיכ ארויסגעקליבנ צו אנ אלט שיטער בריקל, וואָס איז געווענ איבערגעלייגט איבער א רויט-גרינער קאליוזשע גלאט אזוי זיכ, ווײַל די קאליוזשע קענ מענ אסאכ גיכער אונ זיכערער ארומגיינ. איכ בינ ארומגעגאנ די בלאָטע אונ מיט די שפיצנ, מיט פונקט אזעלכע שטעכיקע קושטשעס בינ איכ ארופ אפנ בארג. אפנ בארג האָבנ געסטאָרטשעט אינ אומאָרדענונג אלטע אפ חאלב אײַנגעטריקנטע טאָפּאָלנ אונ איינ ברייטער צעצווײַגטער לינדנבוים, ווי א פעטע קרעמערנ צווישנ מאָגערע אסעסאָרשעס. איכ האָב זיכ צוגעלייגט אָפּרוענ אפנ בארג, פארשטייט זיכ, לעבנ דער קרעמערנ. פאר מיר האָט זיכ געשפּרייט א פאנאָראמע, וואָס איז ביז ווונדער ניט מאָלעריש געווענ אינ אָט דעם מאָלערישנ ווינקל פונ מײַנ שיינעם היימלאנד. גלײַכ פאר די אויגנ — א ברייטער, געדיכטער וואלד, הינטער וועלכנ ס'האָבנ ערטערווײַז געסטאָרטשעט קאָנוסארטיקע שפּיצנ פונ טאָפּאָלנ אונ ס'האָבנ ארויסגעקוקט טשערעפּיצעס-דעכער פונ פּריצישנ הויז, ברייט אונ ניט ריכטיק אָנגעוואלגערטע. דאָס פּריצישע הויז איז געווענ ארומגעשטעלט מיט מיִעסע קוימענער, פונ וועלכע ס'האָט זיכ געצויגנ א בלוי רויכל. רעכטס פונ וואלד האָט געבלישטשעט א ברייטער טײַכ; הינטערנ טײַכ איבערנ בערגל האָט זיכ צעשפּרייט א גרוי דערפל, אונ אינ צענטער פונ דאָרפ האָט געסטאָרטשעט פונקט אזא גרויער הילצערנער קלויסטער פונ אנ אומקלאָרער ארכיטעקטור.

הינטערן דאָרף, אף דעם ניט מעשופּעדיקן בערגל האָבן מיט די פליגל געפּאָכט, ווי זיי וואָלטן א הייסן שמועס געפירט צווישן זיך, צוויי ווינטמילן און פאַרביי זיי איבערן גרינעם פעלד האָט זיך געצויגן א שמאָל סטעזשקעלע און איז פאַרשוווּנדן אין דעם שמאָלן איינטאָניקן האָריזאָנט, באַפּוצט מיט צוויי קליינע בערגלעך.

א ניט ווײַטער האָריזאָנט האָט פאַר מיר, כ'וועל ניט זאָגן קיין כיין, נאָר א מין צויבער. שטענדיק טראָגט מיך עפּעס אונטער ארופגיין צו אים און א קוק טאָן, וואָס ס'געפינט זיך הינטער אים. דער דאָזיקער אומרויִקער געפיל האָט מיך נאָך אין די קינדער־יאָרן נישט געלאָזט רוען. אָט אזוי אמאָל, ווען כ'בין אלט געווען א יאָר זעקס אָדער זיבן, האָב איך געקוקט אף פונקט אזא האָריזאָנט און מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אז הינטער אים האָט זיך דער הימל אראָפּגעבויגן צו דער ערד און האָט זיך זיכער אָנגעשפּארט אף אײַזערנע סלופּעס, ווײַל אנדערש — ווי וואָלט ער זיך געהאלטן? איך האָב זיך ניט געקענט אָפּזאָגן פון דעם פארגעניגן א קוק טאָן אף דער דאָזיקער אינטערעסאנטער קאָלאָנאדע. איך בין געגאנגען, און צו מײַן גרויסן פארדראָס האָב איך דערזען אף דעם פאַמעלעך־אנטבלויזטן האָריזאָנט פונקט אזא דאָרף, ווי אונדזערס. ליג איך מיר אזוי איצט לעבן דעם לינדנבוים און עס קאָרטעט מיך א קוק טאָן, וואָס פאר א בילד וועט זיך עפענען הינטער אָט די אומרויִקע ווינטמילן. אָבער דער פּילאָסאָף בעקאָן לערנט, אז פריִער באַדארף מען באַפרידיקן דאָס נייטיקסטע, און דערנאָך שוין דעם נײַגער. און איך האָב געטאָן לויט זײַן קלוגער אייצע, ווײַל דער מאָגן מײַנער האָט שוין אָנגעהויבן זאָרגן וועגן דעם נייטיקסטן.

דאָס נײַגעריקע האָב איך אָפּגעלייגט אף אן אנדערש מאָל און מיט דעם זעלבן וועג האָב איך זיך אומגעקערט אין פּאוויליאָן. דאָרט איז שוין קיינער נישט געווען. איך האָב ניט געביטן

דעם מאַרשרוט און אין אַ שאָ אַרום בין איך אָנגעקומען אין דער צענטראַלער וווינונג. אין הויף לעבן די פענצטער פון קאַ־בינעט איז געשטאַנען, ווי איך האָב פאַרשטאַנען, די דראָשקע פון מיין קאָרעוו, און זיין אָנטרייבער האָט שוין דורכן הויף גע־פירט די פערד צום עקיפּאַזש.

— מיר פאָרן אַהיים? — האָב איך געפרעגט באַם אָנטרייבער.

— מיר וועלן זיך רוקן צוריק, — האָט ער אומצופרידן גע־ענטפערט און האָט פאַרדרייט די לייצעס אַרום דעם דישל.

וואָס זאָל באַטייטן זיין ענטפער? געשיקט זיך איז מיין פלאַ־טשיקער און גלייכגילטיקער קאָרעוו גאָרניט אַזוי פלאַטשיק און קאַלטבלוטיק? געשיקט זיך איז ער ניט בייגעשטאַנען דעם ני־סויען און האָט אָן מוירע פאַרבויגן אַ ווינקל אַף זיין קאַפּיטאַלן אייגנטום? אָבער איידער מע מאַכט אַן אויספיר מוז מען זיך איבערצייגן, לערנט ניט בעקאָן, נאָר עפּעס אַן אַנדער פילאָסאָף־יוריסט.

אַז כ'בין אַריין אין מיין צימער, האָב איך זיך אויסגעטאָן, מיין פּערזאָן איז געבראַכט געוואָרן אין אַ האָריזאָנטאַלער לאַגע און איך האָב זיך פאַרטראַכט וועגן דעם, וואָס כ'האָב געזען נעכטן און היינט. דער דאָזיקער געדאַנק האָט מיך געבראַכט צו אַן אומאָנגענעמען באַליידיקנדיקן געפיל. זי איינע, מיין שיינע, אומשולדיקע העלענע, זי איינע, שיין, ווי אַ ליכטיק שטערנדל אין דער געדיכטער, פוילער פינצטערניש, און אַלס אַ קאָנטראַסט צו איר, ווי דער מאַגעלאַן־וואָלקן, איז אָט די פינצטערע, אומפאַר־שטענדלעכע אַלטע אידיאָטקע, די פאַנע דאָראָטע. אינטערעסאַנט צו וויסן, וויאַזוי האָבן זיי געענדיקט מיט פּראָכאָרן? צי וועט ער פאָרן מיט מיר קיין קיעוו אָדער ער וועט אַלץ שטיין אַף זיי־נעם? אָט דער געדאַנק, צי עפּעס אַן אַנדערער האָט מיך גע־צוווּנגען אופשטיין און צוגיין צום פענצטער. פּראָכאָר איז לאַנג־

זאַמ געגאַנ איבערנ הויפ צו מײַנ וווינונג, און מײַנ קאָרעווס אָנטרײַבער איז אויכ לאַנגזאַמ געגאַנ אימ אנטקעגנ. זיי האָבנ זיכ באַגעגנט, געגומענ זיכ פאַר די היטלענ, אפ א מינוט זיכ אָפגעשטעלט און זיכ פאַנאַנדערגעגאַנגענ.

— וואָס הערט זיכ, פאַרשפּילט ? — האָב איכ געפרעגט באַמ ארײַנגייענדיקנ פראָכאָר.

— אי די פערד, אי די בריטשקע, אי קאָרניענ, אלצ פאַרשפּילט אונדזער איוואַנ איוואַנאָוויטשנ. און ביז אפדערנאַכט קענ גאָט העלפנ, ער זאָל אויכ זיכ אלײנ פאַרשפּילנ. אונדזער איוואַנ איוואַנאָוויטש איז א כעוורעמאַנ!

און דער קאָרעוו מײַנער, ווײַזט אויס, איז אויכ נישט קײנ פראָמאַכ, — האָב איכ א טראַכט געטאָנ און האָב געפרעגט באַ פראָכאָרנ, וויאַזוי האָט ער געענדיקט מיט דער פאַנע דאָראָטע.

— כ'וועל אײַכ אָפּפירנ קײנ קיִעוו, — האָט ער געזאָגט ניט גערנ.

— שוינ לאַנג באַדאַרפט אזוי זאָגנ, — האָב איכ געזאָגט און זיכ האַרציק געפרײט, וואָס איכ האָב איבערגעשפּאַרט דעמ אלטנ. איכ האָב זיכ אײַנגעקוקט אינ זײַנ באַשײדענער פיזיאָנאָמיע, און א צופרידענער האָב איכ זיכ אומגעקערט אינ צימער מיט א ווילנ ברענגענ מײַנ פערזאָנ אינ א האָריזאָנטאַלער לאַגע און ווי געהעריק אָפּפײַערנ מײַנ זיג. באַלד נאָכ מיר איז אינ צימער ארײַנ פראָכאָר און מיט זײַנ אָנוועזנהײַט האָט ער צעשטערט מײַנ שטאָלצנ מײנ. ער האָט זיכ אוועקגעשטעלט לעבנ דער טיר און האָט געשוויגנ, און איכ בינ אומגעגאַנ איבערנ צימער און האָב אויכ געשוויגנ. ער האָט, דאַכט מיר, געוואַרט, ביז איכ וועל אָנהייבנ רעדנ, און איכ האָב געוואַרט, וואָס ער וועט מיר זאָגנ. אונדזער שטומע טעט־א־טעט האָט געקענט לאַנג דויערנ (דאָס ליגט שוינ אינ כאַראַקטער פונ מײַנע לאַנדסלײַט), ווענ ניט דאָס קלאַפערײַ

פון רעדער, וואָס האָט זיך דערהערט הינטער די פענצטער פון מײַן קוואַרטיר. אָט דער אומדערוואַרטער קלאַפּ האָט געצוווּנגען פאַרכאַפּן עפּעס דאָס מויל און זאָגן: „אַך!“, אָבער דער טיפֿזיניקער פּראָיעקט האָט זיך אים ניט אײַנגעגעבן. אין מײַנע אויערן איז נאָך געשטאַנען דאָס קלאַפּערײַ פון די רעדער, און אין צימער איז אַרײַן מײַן העלד אָן דער האַנט און נאָך אַ באַגריסונג האָט ער מיר ראַפּאָרטירט, אַז מײַנע באַפֿעלן זײַנען פּינקטלעך אויסגעפילט.

— וווּ־זשע איז טראָכים? — האָב איך געפרעגט בײַ מײַן העלד און האָב געטרײַ געדריקט זײַן האַנט.

— זיי פאָרן אין דער קאַרעטע, — האָט ער געענטפערט.

— טראָכים! אין אַ קאַרעטע! — האָב איך אויסגעשריגן אין פאַרוווּנדערונג.

— דערציילט מיר, אום גאָטעס ווילן, וויאַזוי אַרום איז טראָכים אַרײַן אין קאַרעטע? — האָב איך געפרעגט מײַן שמייכלענדיקן העלד.

— גאַנץ פּאָשעט. די היגע וועג־קאַרעטע איז נאָך פון די פּאָסט־טעג אָן געבליבן אין בודישטשע, און קעדיי זי זאָל נישט פוילן דאָרט אפן הויף, האָב איך באַשלאָסן זי ברענגען אפן אָרט.

— אויסגעצייכנט, — האָב איך אים איבערגעשלאָגן; — הייסט עס, אַז איר האָט אויך פערד גענומען בײַ מײַן קאָרעוו?

די פראַגע האָב איך געשטעלט, קעדיי מע זאָל די פערד באַלד אומקערן און מיר זאָלן ניט בלײַבן מיט פיר אָדער מיט זעקס פערד.

— צוליב וואָס דאַרף מען אומזיסט טרײַבן פערד, — האָט ער געענטפערט. — איך האָב געליגן צוויי פּאָר אָקסן בײַם פּאָטער סאַוואַ, און די אָקסן וועלן זי ברענגען אהער צוזאַמען מיט אײַערע זאַכן און מיט טראָכים סידאָר...

דאָס לעצטע וואָרט האָט ער עפּעס נישט דערזאָגט.

איך האָב זיך געלאַכט, ווען כ'האָב זיך פאַרגעשטעלט מײַנע טראָכימענע, וואָס קוקט גרויסאַרטיק אַרויס פון דעם פּרעכ־טיקן דאָרמעז, וועלכע ס'שלעפן פיר אָקסן. איך האָב באַדאַנקט מײַן העלד פאַר דער טירכע און האָב שוין געוואָלט גיין אַנטקעגן טראָכימענע.

— גאָט ווייסט, ווער ס'זאָרגט וועגן אים, — האָט ער שטיל געזאָגט און אויסדריקלעך מיך אַ כאַפּ געטאָן פאַר דער האַנט. איך האָב אַרויסגעריסן מײַן האַנט, האָט ער אַרומגעכאַפּט מײַן האַלדז מיט זײַן אײַנציקער האַנט און זײַנע טונקעלע אויגן האָבן אַ פינקל געטאָן מיט טרערן. ער האָט געגומען קושן מײַן קאָפּ. אָט די שווײַגנדיקע פילזאָגנדיקע סצענע האָט איבערגעריסן דער אַלטער פּראָכאָר מיט זײַן אַרײַנקומען: ער האָט בײַ מיר גע־פרעגט, צי וויל איך עסן מיטיק מיט די פּריצים אין קאַבינעט אָדער אין סאָד מיט די פּריצטעס.

— ניט דאָ און ניט דאָרט, — האָב איך געזאָגט, — דו ברענג אונדז אַהער, מיר וועלן עסן צוזאַמען מיט אָסיפּ פּיאָדאָראָוויטשן.

— גוט איז אויך אַזוי! — האָט געזאָגט פּראָכאָר און איז פאַרשוווּנדן הינטער דער טיר.

דער העלד מײַנער האָט אָנגעהויבן זיך אָפּזאָגן פון מײַן אימפּראָוויזירטער העפלעכקײַט. נאָר איך האָב איס פאַרזיכערט, אַז זײַן קאָמפּאַניע איז פאַר מיר אינטערעסאַנטער פון אַ קאָמ־פּאַניע גענעראַלן אָדער אַפילו אַדמיראַלן. דער לעצטער אויסדרוק מײַנער האָט געבראַכט אין פאַרלעגנהײַט אָט דעם פּאָשעטן מענטשן און ער האָט עס באַהאַלטן אין זײַן בונטן נאָזטיכל.

אין פּראָכאָר, דער אַלטער, שוואַכער פּראָכאָר, איז ווי אַ שטוביקער קאָזאַטשאָק געשווּמען הין און צוריק. ס'איז קיין צען מינוט ניט אַריבער, ווי אַלץ איז שוין גרייט געווען — בראָנפן,

פֿאַרבײַסן און אַ זילבערנע וואַזע מיט סוף האָט זיך געדרייכערט אויפֿן טיש. און פּראַכאַר, ווי ס׳וואָלט גאָרנישט ניט פֿאָרגעקומען, איז זיך געשטאַנען לעבן דער טיר מיט אַ סערוועטל אין דער האַנט און האָט נאָר געשמייכלט.

מיר האָבן קוים באַוויזן זיך זעצן צום טיש, האָט זיך די טיר צעעפֿנט און ס׳איז צו אונדז אַרײַנגעפֿלויגן, ווי אַ גרינ־פֿליגלדיק באַבעלע, די צויבערלעכע באַלעבאָסטע אַליין.

— איך וועל אויך מיט אײַך אָפּעסן מיטיק, — האָט זי געזאָגט און זיך אַוועקגעזעצט צווישן מיר און דעם ברודער, — און די פֿאַנע דאָראָטע, — האָט זי פֿאָרגעזעצט, — האָט זיך צערעמאָניעט — זאָל זי אַליין עסן מיטיק.

— איך רעכן, אַז איר איז אַלציינס, האָב איך געזאָגט.

— אָ, ניין! די פֿאַנע דאָראָטע האָט ליב אַ פֿריילעכע קאָמ־פּאַניע.

בײַ איר לעצטן וואָרט איז אין צימער אַרײַנגעגאַנגען אַ לאַנ־גער לאַקיי מיט אַ הויכער זילבערנער וואַזע און מיט אַ פֿלאַש שאַמפּאַניער אין איר. אַוועקגעשטעלט אויפֿן טיש אָט די אינטע־רעסאַנטע קיילע, האָט דער לאַקיי אַ זאָג געטאָן:

— די פֿאַנע דאָראָטע האָט באַפֿוילן...

— באַדאַנק די פֿאַנע דאָראָטע, און דו, פּראַכאַר, ברענג די גלעזער, — האָט זי צוגעגעבן.

אין מעשׂעך פֿון גאַנצן מיטיק האָט פּראַכאַר געאַרבעט גיכער און פֿלינקער פֿון אַ פֿראַנצויזישער קאַמעריסטן. איך האָב גע־קוואָלן פֿון מײַן צוקונפֿטיקן דינער. נאָר ווען די זאַך איז דער־גאַנגען צו דער פֿלאַש שאַמפּאַניער, דאָ איז ניט נאָר פּראַכאַר און דער אָרנטלעכער העלד, איך אַליין האָב זיך פֿאַרטראַכט: די געהיימניסן פֿון דער דאָזיקער הוסאַרישער קונסט זײַנען פֿאַר מיר פֿאַרמאַכט. אָבער ס׳איז ניט געווען ווער ס׳זאָל מיך פֿאַרבײַטן,

און איך האָב זיך גענומען פאַר דער אַרבעט. נאָך גרויס מי איז דער קאָרעק ענדלעך אַרויסגעפלויגן און דערלאַנגט ביז דער סטע־ליע. איך האָב זיך אָבער נישט פאַרלוירן און האָב ווי געהעריק אַרײַנגעפירט דעם ווילדן קוואַל אין זײַן געלעגער. די קונציקע אָפּעראַציע מײַנע האָט געבראַכט אין אַנטציקונג דעם אַלטן פּראָ־כאָר. און קעדיי פאַרלענגערן אָט די נאַיִווע אַנטציקונג, האָב איך פאַרגעלייגט אים אויסטרינקען אַ גלאָז דולע וואַסער. ער האָט זיך אַנטשיידן אָפּגעזאָגט. מיט דער הילף פון דער ליבער באַ־לעבאָסטע האָב איך אים ענדלעך פאַרזיכערט, אַז ס׳איז נישט אַזוי שרעקלעך, ווי מע דערציילט. קעגן אַזאַ שטאַרקן אַרגומענט האָט ער ניט געהאַט וואָס צו זאָגן, מיר האָבן אַלע פיר אַ קלונג געטאָן מיט די גלעזער און פרײַנטלעך אויסגעטרונקען דעם בייזן ווײַן. פּראָכאָר האָט אַ שטילן הוסטל געטאָן און קוים אַרויס־געזאָגט:

— ניטאָ וואָס צו זאָגן, אַ געשמאַקער הונט!

VIII

די צויבערלעכע באַלעבאָסטע איז גלײַך נאָך מיטיק אַוועק מיט איר ברודער. נאָך זיי איז אויך אַוועק דער קלוגער פּראָכאָר, און איך האָב אַביסל אַ טראַכט געטאָן, דערנאָך האָב איך זיך ווייך, סאַמעט־ווייך צוגעמאַכט מײַנע פאַרקישעפטע וויִעס, אַוועק־לייגנדיק מײַן פאַרזאָגן אַפּן ווייכן געלעגער. אָבער צום באַדויערן! כ׳האָב נאָך ניט באַוויזן איבערצוטרעטן די גרענעצן פון דערווירקלעכקײַט, ווי צו מײַן האַלבן געהער זײַנען דערגאַנגען עפּעס מאָדנע אומקלאָרע קלאַנגען, וואָס דערמאָנען דאָס לייענען פּסאַל־טיר איבער אַ טויטן. איך הער זיך אײַן, ס׳איז ווירקלעך אַ מין לייענען, און אַ קלויסטער־לייענען. און די שטימ איז, דאַכט זיך,

א באקאנטע, אָבער ווו איז זי, די באקאנטע שטים? הינטער דער וואנט, אָדער אונטער דער פּאָדלאָגע? כ׳קען נישט פאר־שטיין. איך האָב אופגעעפנט די אויגן, אָבער דאָס קוקן האָט ניט גע־האָלפן צום הערן. איך בין אופגעשטאנען, שטיל צוגעגאנגען צו דער טיר, צעעפנט זי, איך גיב א קוק — אין פּאָדערצימער איז קיינער ניטאָ, און די קלאנגען ווערן אלץ דייטלעכער און זיינען אלץ ענלעכער אפ פסאלטיר לייענען. צי האָב איך ניט אינדערעמעסן א שאָכן א געשטאָרבענעם? איך עפן די צווייטע טיר, איך פלי ארויס אפ די טרעפ, און די זאך איז גאָר פּאָשעט: דער פסאלטיר־ליבהאָבער, דער וועכטער מיינער פראָכאָר, קעדיי מיך ניט באומרויִקן מיט זיין פסאלטיר, האָט ער זיך אוועקגעזעצט אפ דעם לעצטן שטאפל פון די טרעפ און לויט אלע געזעצן פון דער דיאקאָנישער דעק־לאמאציע האָט ער גענומען געשמאק לייענען: — „זאָלסט ניט גיין אין געוועט מיט קיין בייזע, זאָלסט ניט מעקאנע זיין די, וואָס טוען אומרעכט". — מיט פארגעניגן האָב איך אויסגעהערט דאָס קאפיטל פסאלטיר ביזן סאָף און זיך אומגעקערט צו זיך אין צימער, און זיך אלץ געוווּנדערט איבער דעם געשעענעם.

דאָס גאָטפּאָרכטיקע לייענען פראָכאָרס האָט אפ מיר איצט געווירקט אנדערש. אין א פּאָר מינוט ארום זיינען די אומקלאָרע קלאנגען אינגאנצן פארשווּנדן געוואָרן, און מיר האָט זיך שוין אָנגעהויבן פּאָרשטעלן א צויבערלעכע זעונג, ווי לעמאָשל, די ווונדערשיינע העלענע, אָבער פלוצעם האָט זיך דערהערט פראָ־זאיִש הויך: צאבע! צאבע!... סאָב! טרפררו!...

איך קען נישט זאָגן פּינקטלעך וואָס, נאָר מיר האָט זיך פּאָרגעשטעלט עפּעס שרעקלעכס. איך בין אופגעשפרונגען, צוגע־לאָפן צום פענצטער און — אָ, סארא סצענע! זי איז ווערט צו זיין וווּערמאנס א ווערק! — דער פרעכטיקער דאָרמעז, איינגע־שפּאנט מיט פיר שטארק גרויסע אָקסן, האָט זיך אָפּגע־

שטעלט פאר מײַן קוואַרטיר. פּראָכאָר האָט געעפנט דאָס טירל און, ווי עפּעס א קאַרדינאַל, האָט ער ארויסגעזעצט פון דאָרמעז מײַן גאַרניט פּרעכטיקן טראָכימען. די דאָזיקע אָריגינעלע סצענע האָט אין מיר פאַרניכטעט דעם געדאַנק ניט נאָר פון שלאָפן, נאָר אויך וועגן ליגן אביסל.

די לאַנדסלײַט מײַנע, איך אויך מיט זיי, קענען ניט אין דער סאַמע ערנסטער מאַטעריע ניט ארײַנפלעכטן כאָטש א קליין שפּאַסעלע. דער לאַנדסמאַן מײַנער וועט דיר (פאַרשטייט זיך, ניט אומיסטן) אין דערשיטערנדיקן פינאַל פון „האַמלעט" ארײַנרוקן אזא ווערטל, אז דו וועסט אפילע א שמייכל טאָן צווישן טרערן. אלס א באַשטעטיקונג וועל איך ברענגען א בײַשפּיל א היסטאָרישן.

די מיטפּאַרטרויטע פון „איסקרא און קאָטשובײ", דער גאַלעך N N און דער פיסאַר פּאָדאָבײַלאָ, נאָכדעם ווי מע האָט זיי גוט געפּײַניקט מיט א בײַטש, זײַנען געלעגן צעבלוטיקט אף דער פּאָדלאָגע אונטער א ראָגאָזשע און האָבן געטײַנעט, אז ס'וואָלט ניט געשאַט צו אנטלײַען באַם מאָסקאַל די בײַטש פאַר זייערע ווײַבער וועגן, וואָס פּאָלגן נישט. א שפּאַסעלע, ניט אזוי?

איז אָט גרייט איך איצט טראָכימען מײַנעם פאַר א פּעדאַגאָג, אַן אַרבעט זייער אַן אָרנטלעכע און אַן ערנסטע. וואָלט מען זי טאַקע געדאַרפט אזוי אָרנטלעך אָנהייבן אָט די גוטע זאַך. ניין, איך האָב עס אָנגעהויבן מיט א שפּאַסעלע, און פון דעם שפּאַס איז שיר ניט אינגאַנצן צונישט געוואָרן מײַן גוטער און ערנסטער מיין.

אָן א שום באַזונדער סיבע איז מיר אין קאָפּ געקומען אַן אומגעלומפּערטע פאַנטאַזיע — זיך מאַכן, אז איך בין באַרויגעז אף טראָכימען און א קוק טאָן, וואָס דערפון וועט ארויסקומען. ווען ער האָט מיט דער הילף פון פּראָכאָרן ארײַנגעטראָגן דעם טשע־

מאָדאַן אין שטוב, האָב איך אַף אים אַפּילע קיין קוק ניט געטאָן. טראָכים האָט עס באַמערקט און האָט מיט אומצוטרוי אַ קוק געטאָן אַף מיר. און איך זעץ פאַר מײַן ראָל. איך לייג קיין אכט ניט אַף דעם פאַרשעמטן טראָכימען; איך הייס פּראָכאָרן צדנעמען לויט אַ כעזשבן דאָס וועש, די ביכער און די איבעריקע זאַכן, און אַליין טו איך זיך אַפּגיך אָן און גיי אַוועק. נאַריש, מאָדנע נאַריש! אָבער איך בין, ווי אַ שילער, צופרידן געווען מיט מײַן אימפּראָוויזירטער נאַרישקייט.

מיט דער וואָלפישער סטעזשקע, וואָס איז שוין באַקאַנט דעם לייענער, בין איך פאַרבײַגעגאַנגען דעם פּאַטריאַרך, דעם קליאָן אין דער שוין באַקאַנטער אַלייע און דערנאָך אַרײַן אין דעם געוויסן פּאַווילִיאָן. דאָ האָט מיך באַגעגנט די שיינע העלענע מיט איר ברודער און די פאַנע דאַראָטע מיט אַ גלעזל טיי אין דער האַנט. נאָך דער טיי און אַ פּריילעכן לעבעדיקן שמועס האָט זיך דער העלד מײַנער גענומען פאַר דער קאַטערינקע. זי האָט אָנגעהויבן פּישטשען עפּעס אַ וואַלס, און איך מיט דער שיינער העלענע, ווי אַן אומרויִקער דײַטש, האָב זיך גענומען דרייען אונטער דעם פּישטשערײַ. די פאַנע דאַראָטע האָט אַרויסגעקוקט פון הינטערן סאַמאָוואַר, און ס'איז געווען צו באַמערקן, אַז זי שמייכלט.

דערווײַל האָט שוין אָנגעהויבן טונקל ווערן אין פּאַווילִיאָן. מיר זײַנען אַרויסגעגאַנגען אין סאָד, און דאָ האָב איך זיך דערמאַנט וועגן טראָכימען און האָב געמאָלדן דעם העלד מײַנעם וועגן זײַן קומען. יענער האָט זיך גלײַך געזעגנט, ווי ער האָט געקענט, און איז אַוועק באַגריסן זײַן פּראָפעסאָר און פרײַנט. איך האָב פאַרגעלייגט מײַנע באַגלייטערנס אַ שפּאַציר טאָן איבער דער וואָלפישער סטעזשקע; זיי זײַנען גערן אײַנגעגאַנגען דערויף, און ביז ס'איז אײַנגעגאַנגען טונקל געוואָרן האָבן מיר זיך אָן שום פּאַסירונגען דערקליבן צו דער גרויסער טאָפּאָל-אַלייע, וואָס האָט געפירט

צום הויז. אינ אלייע האָבנ מיר באגעגנט איוואנ איוואנאָוויטש בערגאָפ, ער איז געפאָרנ אינ דראָשקע פונ מײַנ ליבנ קאָרעוו, וואָס איז געווענ אײַנגעשפאנט מיט פיר פערד. שטאָלצ פונ דערפאָלג, האָט איוואנ איוואנאָוויטש געמאכט אנ אָנשטעל, אז ער זעט אונדז ניט, אונ מיר האָבנ זיכ אפילע אָפגעקערעוועט, ווענ ער איז דורכגעפאָרנ פארבײַ אונדז. אונ טאקע אזוי קומט דיר, דו דײַטשישער שולער!

באמ ארײַנגאנג אינ ברייטנ הויפ האָט אונדז באגעגנט דער העלד מײַנער אונ מיט שרעק אונדז געמאָלדנ, אז טראָכים איז פארפאלנ געוואָרנ.

— אָט האָסטו דיר א שפאסעלע! — האָב איכ א טראכט געטאָנ. איכ האָב זיכ געזעגנט מיט מײַנע באגלייטערנס אונ בינ אוועקגעלאָפנ צו מיר אפ דער קווארטיר.

— ווו איז טראָכימ? — האָב איכ געפרעגט גיכ בא פראָכאָרנ.

— דער הייליקער גאָט ווייס אימ, — האָט ער געענטפערט גלײַכגילטיק.

— אונ ער האָט דיר גאָרניט ניט געזאָגט, ווענ ער איז אוועקגעגאנגענ?

— געזאָגט... — אונ פראָכאָר האָט זיכ אָפגעשטעלט.

— וואָס־זשע האָט ער דיר געזאָגט? זאָג גיכער.

— ער האָט געזאָגט... אנו, זאָל ער גיינ! ער האָט געזאָגט נישט קיינ גוט וואָרט.

— זאָג גיכער, איכ וויל אלצ וויסנ!

— ער האָט געזאָגט, אז אײַכ וועט ניט נאָר קיינ גוטער מענטש, קיינ טײַוול וועט אײַכ ניט דאָגאָדזיענ, אונ אז איר וועט אימ דארפנ האָבנ, זאָלט איר אימ אפילע אינ קיִעוו ניט זוכנ.

— פארבעט צו מיר אָסיפ פיאָדאָראָוויטשנ, — האָב איכ געזאָגט פראָכאָרנ.

ער איז גלײַך פֿאַרשװוּנדן געװאָרן, און אין א מינוט אַרום איז אַן אומעטיקער צו מיר אַרײַנגעקומען דער העלד מײַנער. איך האָב אים דערקלערט אין װאָס עס האַנדלט זיך און געבעטן אים גלײַך זיך לאָזן נאָך טראָכימען.

— ער איז איצט זיכער אין בודישטשע, באַם פּאָטער סאַװואַ, — האָב איך צוגעגעבן.

דער העלד מײַנער איז אַרויסגעגאַנגען פֿון צימער, און איך בין געבליבן אינעװייניק, און אַזױװי כ'האָב ניט געהאַט װאָס צו טאָן, האָב איך אָנגעהויבן זיך אַרײַנדרינגען אין דער אומזיניקײַט פֿון דעם שפּאַס מײַנעם.

הייסט עס, אַז איך האָב ניט גוט געקענט מײַן טראָכימען, אַז כ'האָב זיך דערלויבט אַזאַ זאַך. נאַריש, און נאָכאַמאָל נאַריש! און אַפֿילו ניט אָריגינעל נאַריש! פּראָכאָר איז דער ערשטער, װאָס מיינט איצטער, אַז איך בין אַ טיראַן, אַז איך בין אַ מע־שוגענער הונט, אַז ניט נאָר אַ גוטער מענטש, דער טײַװל אַליין קען זיך מיט מיר ניט אײַנלעבן. נאָכאַמאָל נאַריש!

— ביטע, מע בעט אײַך אין צימער, — האָט אַ זאָג געטאָן פּראָכאָר און צעעפֿנט די טיר.

— און אין די צימערן זאָגט מען גאָרנישט װעגן טראָכימען? — האָב איך אים געפֿרעגט.

— דער הייליקער גאָט װייס זיי. דער לאַקיי נאַזאַר זאָגט, אַז...

— װאָס זאָגט דער לאַקיי נאַזאַר? — האָב איך אים איבערגע־שלאָגן.

— װאָס? ער זאָגט, אַז טראָכים איז אַנטלאָפֿן פֿון אײַך.

— ער לײַגט. טראָכים האָט פֿאַרגעסן אין בודישטשע אַ בוך, װאָס איז מיר זייער נייטיק, און איז אַװעק נאָך אים. װער־זשע איז שולדיק?

— פֿארגעס נישט! — האָב איך צוגעגעבנ מיט אנ עקספּראָמט אונ ס'האָט זיך באקומענ ניט געלונגענ אונ נאריש ביז גאָר. נו, צוליב וואָס האָב איך עס באדארפֿט ·לײַגנ פֿאר פּראָכאָרנ? קעדיי פֿארפֿעסטיקנ אינ אים די מײנונג, אז איך בינ א מעשוגענער הונט אונ דערצו נאָך א כיטרער הונט? אײנ טאָעס ציט מיט זיך דעמ צווײטנ — דאָס איז גאנצ נאטירלעך. אָבער וויאזוי דרײט מענ זיך ארויס פֿונ אָט דער נארישער זאכלאגע?

פּראָכאָר האָט א כיטרע קוק געטאָנ אפֿ מיר אונ איך האָב, ווי גאָרנישט ניט באמערקט, רויִק אָנגעהויבנ פֿײַפֿנ דעמ קאטשור־טשע־טאנצ, גענומענ די היטל אונ בינ ארויס פֿונ צימער.

— ער לײַגט אונ פֿײַפֿט נאָך צו דערבײַ, — אזוי האָט זיכער געטראכט פּראָכאָר, — האָב איך געטראכט צו זיך אלײנ. מיט הארצקלעמעניש בינ איך ארײַנ אינ דער באקאנטער קײַלעכיקער זאל אינ סטיל פֿונ א טערקיש בײַדל. אינ זאל איז קײנער ניט געווענ; איך האָב זיך צעלײגט אפֿנ אָטאָמאנ אונ גענומענ ווארטנ. אז מיר איז נימעס געוואָרנ דאָס ווארטנ, בינ איך ארײַנ אינ קאַבינעט פֿונ באלעבאָס אונ זיך אָנגעשטויסנ אפֿ אזא זאך: דער באלעבאָס אונ מײַנ קאָרעוו זײַנענ שווײַגנדיק געזעסנ פֿאר אנ אויסגעשמירטנ לאָמבער־טיש אונ אײַנגעגראָבנ די רויטע אויגנ אונ פּונקט אזעלכע נעזער אינ די גלעזער מיט פּונש, וואָס האָט זיך גערויכערט. אָט האָט זיך דערהערט דאָס וואָרט — מײַנע, אונ נאָכנ וואָרט האָט זיך איבערגערוקט א קערבל פֿונ אײנ עק טיש ביזנ צווײטנ. איך האָב לאנג נישט געקענט פֿארשטײנ, וואָס קומט פֿאָר צווישנ זײ. זײ שפּילנ, דאָס איז אפֿ געוויס, אָבער אינ וואָס פֿאר א שפּיל? ענדלעך האָב איך זיך אָנגעשטויסנ. זײ שפּילנ אינ א פֿליג, דאָס הײסט אינ וועמעס גלאָז ס'וועט פֿריִער ארײַנ־פֿליִענ א פֿליג, דער נעמט דעמ פּריז. נישקאָשע פֿונ יאטנ — האָב איך א טראכט געטאָנ, קוקנדיק אפֿ די פּרײַנט. מיך האָט געעקלט

פונ זייער מיִעסער שפּיל, איכ בינ ארויס פונ קאבינעט אונ זיי האָבנ מיכ אפילע ניט באמערקט. איכ האָב פארלאָזט די פרייַנט. זיי האָבנ זיכ געזידלט איבער אָט דעמ צווייפלהאפטנ געווינס. אינ דעמ זאל־בייַדל איז אלצ קיינער ניט געווענ. איכ בינ פארבייַגעגאנגענ די צענ באוווסטע קעמערלעכ אונ בינ אריַינ אינ דער כינעזישער זאל מיט די אומפארשטענדלעכע פירמעס. נאָר דאָרט איז אויכ קיינער ניט געווענ. איכ בינ ארויס אינ סאָד — קיינער ניטאָ. אינ פאווילִיאָנ — קיינער ניט. וווהינ־זשע איז אהינגעקומענ מייַנ שיינע העלענע מיט איר דוניע? איכ האָב זיכ פארגעבנ אָט די פראגע אונ מיט דעמ פריִערדיקנ וועג האָב איכ זיכ אומגעקערט צוריק אינ מייַנ קווארטיר. איכ האָב זיכ אוועקגעלייגט אונ גענומענ אופמערקזאמ באטראכטנ די סטעליע.

אינגיכנ האָט פּראָכאָר געעפנט די טיר אונ האָט געזאָגט, אז מע בעט מיכ צו דער וועטשערע. איכ האָב זיכ אָפּגעזאָגט פונ דער וועטשערע אונ זיכ ווידער גענומענ פאר דער סטעליע. איכ געדענק נישט, אפ וואָס כ'האָב זיכ אָפּגעשטעלט אינ מייַנע באָבאכטונגענ. איכ געדענק נאָר, אז כ'האָב זיכ אופגעכאפּט, אויסגעלאָשנ די ליכט, זיכ א קער געטאָנ צו דער וואנט אינ בינ ווידער אנשלאָפנ געוואָרנ.

אופגעכאפּט האָב איכ זיכ פרי אונ האָב זיכ פאָרגעשטעלט דעמ שיינעמ האָריזאָנט מיט די צוויי ווינטמילנ. איכ בינ אופגעשטאנענ, אָנגעטאָנ די היטל, גענומענ דעמ שטעקנ אונ בינ ארויס. די גאָלדהאָריקע אווראָרע מיט די רויטע באקנ האָט זיכ שוינ אָפּגעוואשנ מיט דעמ דימענטענעמ טוי אונ האָט פריידיק געשמייכלט צו דער ערד, וואָס האָט זיס געדרעמלט. איכ האָב אנ אָטעמ געטאָנ אונ אָנגענומענ פרישע, פייַכטע לופט, א לייַכטנ ציטער געטאָנ, אָפּגעזאָגט א טפילע אונ זיכ געלאָזט צו דער ברייטער טאָפּאָל־אלייע. איכ בינ פארבייַגעגאנגענ די אלייע אונ

זיך אָפּגעשטעלט פאַר צוויי וועגן. איינער איז מיר באַקאַנט — ער פירט קיין בודישטשע, און דער צווייטער — גאָט ווייס, וווהין ער וועט מיך ברענגען. איך האָב אויסגעקליבן דעם, וואָס גאָט ווייס, וווהין ער וועט מיך ברענגען. איך גיי. רעכטס — וואַלד, לינקס — פעלד, און פון פאָרנט גרויט זיך א דאָרף, וואָס איז פאַרצויגן מיט א וואָלקן פון דורכזיכטיקן רויך. איך גיי אַריין אין דאָרף. א שלענגלדיקע גאַס לאָזט זיך אַראָפּ און גיסט זיך צונויף מיט דער הרעבליע. נידעריקער פון דער הרעבליע איז א מיל און א גוראַלניע, און פון דער צווייטער זייט, קימאַט אַף איין ניוואָ מיט דער הרעבליע, א פינקלדיקער ברייטער טייך. הינטער דעם טייך — פונקט אַזאַ גרויליקער דאָרף און א שלענגלדיקע גאַס ציט זיך איבער א רויטלעכן בערגל. אַפן בערגל — א שענק, הינטער דעם שענק — א צאַרענע, א פעלד און צוויי ווינטמילן. אָט אייך דאָרף איך טאַקע, מיינע ליבינקע!

— א גוט מאָרגן, פּאָטער! — האָב איך געזאָגט אַן אַלטיטשקן מיט א גראָווער באָרד, וואָס האָט צוגעפּאַסט טירלעך פון לוב צו זיין קורען, — זאָל גאָט העלפן, — האָב איך צוגעגעבן און אויפגעהויבן די היטל.

א גוט מאָרגן, זון! זאָל אייך גאָט העלפן, — האָט ער א זאָג געטאָן און אַראָפּגענומען די היטל.

— און וווהין טראָגט אייך גאָט? — האָט ער געפרעגט מיט אָפּשיי.

— איך שפּאַציר, פּאָטער, — האָב איך געענטפערט און בין דורך פאַרביי אים.

— שפּאַציר דיר מיט גאָט, זון, — האָט ער א זאָג געטאָן.

ער האָט אָנגעטאָן די היטל און זיך ווידער גענומען פאַר דער לובענער טיר, ווען איך בין אַרויס אין פעלד און בין זיך אַוועק מיטן שליאַך און געפּייפט עפּעס אַן אוקראַיִנישע ליד.

איכ בינ דורכגעגאנגענ פארבײַ די ווינטמילנ אונ טראָט נאָכ טראָט האָב איכ זיכ אומבאמערקט אופגעהויבנ אפ דעם צוציִענ־ דיקנ בערגל אונ פלוצעמ זיכ אָפגעשטעלט. פאר מיר האָט זיכ צעשפרייט ניט קיינ אָריגינעל אונ ניט קיינ נײַ בילד, אָבער דאָכ א צויבערנדיק. א ברייטע, אומענדלעכ־לאנגע לאָנקע, ארומגע־ רינגלט מיט א טונקעלנ וואלד, האָט זי זיכ צעשפרייט אפ דער ניט מעשופעדיקער זײַט אונ איז ארומגעשטעלט געווענ אָנ א סיי־ דער מיט אלטע טרוקנשפיציקע דעמבעס. איכ האָב זיכ אָנגעקוקט ביז זאט, איז מיר דאנ געקומענ א געדאנק מיט די פיס א טאפ טאָנ אָט דאָס אלטע ניט אָריגינעלע בילד. שטארק פארוואָלט — הייסט האלב געטאָנ... אז כ'האָב ארויסגעזאָגט אָט דעם הייליקנ עמעס, האָב איכ זיכ געלאָזט באטאפנ דאָס אלטע בילד. כ'בינ אי־ בערגעגאנגענ פונ דעמב צו דעמב אונ צופעליק זיכ אָנגעשטויסנ אפ א ברייטנ אונ טיפנ ריוו. כ'גיב א קוק — הינטער דעם ריוו אפ א גרויסנ שעטעכ, אפ צוויי קוואדראַטע ווערסט בערעכ, גרינט אפ א סאמעטענעמ אָרט יונגוויייצ, אונ צווישנ דעם גע־ דיכטנ רײַכנ גרינס האָבנ זיכ ווי טונקעלע סטענגעס א צי געטאָנ צוויי מעזשעס, אונ אפ איינער פונ זיי שפאצירט א הויכער מאנ, אינגאנצנ אינ ווײַסנ. איכ בינ ווײַט פונ גלויבנ אינ פארקישעפ־ טע אויצרעס, וואָס דערשײַנענ פאר די גליקלעכע אויכ אינ ווײַסנ, אָבער דאָ האָב איכ זיכ שיר ניט דערנעענטערט צו אָט דעמ זומ־ געלומפערטנ גלויבנ. גוט, וואָס דער קלוימערשטער אויצער, ווענ ער האָט מיכ דערזענ, האָט ער אָנגעהויבנ זיכ דערנעענטערנ. אז ער איז שוינ געווענ עטלעכע טריט פונ ריוו, האָב איכ אונטער־ געהויבנ די היטל, געזאָגט אימ א גוט מאָרגנ אונ געפרעגט:

— וועמעס איז עס אזא שיינע ווייצ?

— דעמ דאָקטער פרעכטעלס, דאָס הייסט מײַנע, — האָט גע־ ענטפערט דער אומבאקאנטער, ער האָט אונטערגעהויבנ די

ווײַסע היטל און צוגעגעבן: איך האָב די ערע זיך פאָרצו־שטעלן.

איך האָב א קוק געטאָן אפּ אים אופמערקזאמער. דאָס איז גע־ווען א ווײַסער, פרישער, מאָגערער עלטערער מענטש, א הוי־כער, אין א קאוואלערישן ווײַסן קיטל און אין פונקט אזעלכע ווײַסע שאראווארן. א ווײַלע זײַנען מיר שווײַגנדיק געשטאנען אײנער אנטקעגן דעם צווייטן. איך בין שוין גרייט געווען עפּעס זאָגן, אָבער ער האָט צונישט געמאכט מײַן פּראָיעקט מיט א פראגע:

— איר זײַנט ניט קיין היגער? און ווײַזט אויס זיך פארב־לאָנדזשעט?

— איר זײַנט גערעכט. איך בין ניט קיין היגער! איך בין דער קינסטלער דארמאָגרײַ,— האָב איך געענטפערט, ווי איך וואָלט זיך פארלוירן. דאָס טרעפט מיט מיר שטענדיק בא דער ערשטער באגעגעניש.

— אײַער האנט! איך האָב ליב קינסטלער, די עמעסע קינ־דער פון גאָט,— האָט ער א זאָג געטאָן אפגיך און מיר אויסגע־שטרעקט די האנט. איך האָב געטאָן דאָס זעלבע און בין ארײַן אין ריוו. ער האָט מיר פריִער געמאכט א באמערקונג פאר א ניט פאָרזיכטיקער באוועגונג, דערנאָך האָט ער מיר דערלאנגט די האנט און ארויסגעשלעפּט, ווי דעם נאָווי דאניִעל פון דעם לייבנ־גרוב, אביסל אויסגעשמירט מיט בלאָטע.

איצט א גוט מאָרגן אײַך, ווי ס׳באדארפ צו זײַן,— האָט ער געזאָגט מיט א שמייכל און געדריקט מײַנע הענט.

— אײַער נאָמען?— האָב איך בא אים געפרעגט.

— סטעפאן אָסיפּאָוויטש פרעכטעל. אײַער נאָמען?— האָט ער אפגיך צוגעגעבן.

איך האָב אים געזאָגט, ווי מע רופט מיך.

— זייער גוט. איצט לאָמיר גיין צו מײַן אַלטיטשקער. זי האָט אויך ליב קינסטלער, ווי איך.

רעדנדיק האָט ער מיך ארויסגעפירט פון די מעזשעס. און אזויווי דער וועג איז געווען שמאָל פאר צוויי גייער, האָט ער מיך געלאָזט פאָרויס, און אליין איז ער געגאנגען הינטער מיר. שווײַגנדיק זײַנען מיר דורך דאָס גרינע פעלד און ארײַנגעטראָטן אין א יונג וועלדל, וואָס איז געווען אקוראט ארומגערייניקט. דאָ האָט אונדז באגעגנט א שיינער יונגער יאט, אין א ווײַס ריין העמד און אין פונקט אזעלכע ריינע הויזן. דער יאט האָט אראָפּגענו־מען די שווארצע שמויסענע היטל און זיך באגריסט און געזאָגט:

— א גוט מאָרגן אײַך, פעטערל!

— א גוט מאָרגן, סידאָר! — האָט אים געענטפערט מײַן נײַ־ער באקאנטער.

— וואָס וועסטו עפּעס זאָגן גוטס? — האָט ער בא אים גע־פרעגט.

— די מומע סאָפיע סאמוילאָווגע האָט געשיקט אײַך זוכן, — האָט דער יאט געענטפערט און זיך א נויג געטאָן דערבײַ.

— גוט, זאָג, אז מיר קומען, — האָט געזאָגט דער דאָקטער פרעכטעל אף מײַן היימישן לאָשן, וואָס ס'האָט מיך שטארק גע־וווּנדערט. איך האָב גענומען אין אכט זײַן באלערנטקײַט און די דײַטשישע פאמיליע.

מיר זײַנען פארבײַגעגאנגען דאָס דעמבענע וועלדל און צו־געקומען צו א גרויסער ווײַסער כאטע מיט א גאנעק און מיט פיר פענצטער אלע אלצייג גרייס. פון הינטער דער כאטע האָבן ארויסגעקוקט נאָך עפּעס געבײַען, אָבער איך האָב ניט באוויזן זיי באטראכטן, ווײַל אף דער טיר האָט זיך באוויזן א קובאר־טיקע, פרישע, לעבעדיקע אלטיטשקע, אין א ברייטפליגלדיקן ווײַסן טשיפעק און אין א שטארק ווײַסער בלוזע.

— איכ רעקאָמענדיר אײַכ מײַנ סאָפּיע סאמוילאָװנע, — האָט געזאָגט פּרעכטעל, אָנװײַזנדיק אפ דער אלטיטשקער, װאָס האָט זיכ דערנעענטערט צו אונדז.

איכ האָב זיכ א נויג געטאָנ און ארויסגעזאָגט מײַנ נאָ־מענ און פּראָפּעסיע.

— אכ, האָט א זאָג געטאָנ מײַנ נײַע באקאנטע און האָט זיכ געװענדעט צומ מאנ מיט א פראגע:

— װוּ האָסטו עס גענומענ אזא טײַערנ גאסט?

— גאָט האָט אונדז געשיקט, מײַנ פרײַנט, — האָט ער געזאָגט, צארט קושנדיק זײַנ סאָפּיע סאמוילאָװנע.

— איכ װעל אײַכ שיקנ קאװע אינ װאלד. אינ די צימערנ איז אנ אומאָרדענונג, — האָט זי געזאָגט און אפּגיכ ארײַנ אינ שטוב.

טעלעמאָנ און באװקידא, — האָב איכ א טראכט געטאָנ און זיכ אומגעקערט מיטנ באלעבאָס אינ װעלדל.

IX

איצט לאָמיר אָפּרוען, — האָט געזאָגט מײַנ באגלייטער און זיכ אװעקגעזעצט אפ א גראָזיקער האלבקײַלעכיקער באנק.

— לאָמיר אָפּרוען, — האָב איכ געזאָגט און זיכ אראָפּגעלאָזט אפ דער זעלבער באנק.

אינ א מינוט ארומ איז צו אונדז צוגעקומענ א פריש מײדל מיט א װײַס פּאָנעמ אינ א אוקראאיִנישנ אָנצוג. זי האָט זיכ בא־גריסט און האָט קוימ ארויסגעזאָגט:

— װוּ, פעטער, װעט איר הייסנ דעמ טיש אװעקשטעלנ?

— כאָטש הינטער דעמ טויער, מיר איז איגאנצנ אלצײנס, גיב אונדז נאָר קאװע, — האָט געזאָגט מײַנ אמפיטריאָנ מיט א שמײכל.

— דאָס מײדל האָט זיכ פארויטלט און צוגעדעקט דאָס פּאָנעמ מיטנ װײַסנ ברײטנ ארבל פונ העמד.

— דו וועסט קיינמאָל קיין גלייַך וואָרט ניט זאָגן, — האָט געזאָגט סאָפיע סאַמוילאָווגע, וואָס איז אונטערגעקומען, — פּאַראַסקע ברענג גיך דאָס קיילעכיקע טישל, — האָט זי געזאָגט, ווענדנדיק זיך צו איר פאַרשעמטער מיטאַרבעטערן. און דער אַלטער האָט אַ קוק געטאָן אויף מיר און האָט כיטרע אַ ווונק געטאָן מיטן אויג, ווי איינער זאָגט: זעסטו, וואָס איך בין!

אין איין מינוט האָט די ווייַסע העבע־פּאַראַסקע צוגעגרייט פאַר אונדז אַ סודע מיט אַלע קלייניקייַטן. אַלץ האָט זי באַשטאַטן אויף דעם קליינעם קייַלעכיקן טיש: אַ קאַווע־קרוג, אַ קאַווע־קריגעלע, אַ געקאָכטע שמאַנט אין קליינע טעפּעלעך, בולקעס און בולקעלעך, סעכערעס און סעכערלעך און, ענדלעך, צוויי גרויסע שוואַרצע סיגאַרעס און שוועבעלעך. ס'האָט נאָר געפעלט סאָפיע סאַמוילאָוונע. אָבער זי האָט זיך אויך ניט געזאַמט, און באַוויזן זיך שוין ניט אין דער בלוזע, נאָר אין אַ שוואַרץ זייַדן קלייד און אין אַ שיין ווייַס טשיפּעקל האָט זי זיך צוגעזעצט צו אונדז, און נאָכן ערשטן קריגעלע קאַווע האָט זיך פאַרבונדן אַ שמועס. איך האָב זיי אויספירלעך דערציילט, ווער און וואָס איך בין, און זיי, אָדער, בעסער געזאָגט, זי האָט זיך ניט אַרייַנגעלאָזט אין קלייניקייַטן, ווי ס'טרעפט מיט פרויען פון איר עלטער, זי האָט מיר דערציילט וועגן איר לעבן און מיט קיין וואָרט ניט דערמאָנט וועגן אירע שכיינים... אַ ווונדערלעכע זאַך בײַ פרויען אפילו ניט פון איר עלטער. צום שלוס האָט זי מיר דערציילט, אַז זיי האָבן אַ טאָכטער אַ שיינהייַט אין קיִעוו אין אינסטיטוט און אַז אין אַ כוידעש אַרום פאַרלאָזט זי דעם אינסטיטוט, און וויִאַזוי זי וועט זי אינדערהיים לערנען באַלעבאַטעווען, און וויִאַזוי זי דענקט זי באַסענע מאַכן. דאָ האָט זי זיך אַרייַנגעלאָזט אין קלייניקייַטן, אָבער אַ מוטער קען מען עס מויכל זייַן.

ס'זייַנען פאַראַן אויף דער וועלט אַזעלכע גליקלעכע מענטשן,

וואָס באַדאַרפֿן נישט קיין שום רעקאָמענדאַציע, דו באַווײַזט נישט מיט זיי אַפֿילו אַ שמועס טאָן, און דו באַמערקסט נישט, ווי דו ווערסט שוין אַן אייגענער, אָן שום אָנשטרענגונג פֿון דײַן זײַט. און ס'זײַנען פֿאַראַן אַזעלכע אומגליקלעכע מענטשן, מיט וועלכע דו ווּעסט ניט איין זאַך זאָלץ אויפֿעסן, און דאָך וועסטו זיך ניט דערווייסן, וואָס איז עס: אַ מענטש צי אַן אַמפֿיביע.

טאַקע אַזוי זיצנדיק אויף דער באַנק און ניט אויסרויכערנדיק אַפֿילו קיין העלפֿט פֿון דער סיגאַרע, האָב איך זיך דערוווּסט, אַז סטעפּאַן אָסיפּאָוויטש פּרעכטעל איז געווען אַמאָל אַ שטאַב־דאָקטער באַם קורלאַנדישן דראַגונער פּאָלק, וואָס איז איצט אַן אולאַנישער פּאָלק, און אַז געלעבט האָט ער אין דאָרפּאַט און אַז סאָפֿיע סאַמוילעוונע האָט אויפֿגעצויגן די גרעפֿן גודאָוויטש, די פֿרוי פֿון קאָמאַנדיר פֿון דעם זעלבן קורלאַנדישן דראַגונער פּאָלק, אין וועלכן ער האָט אַמאָל געדינט אַלס דאָקטער, און אַז אין שטעטל אָלשאַנע (קיִעווער גובערניע) האָבן זיי זיך באַקאַנט מיט סאָפֿיע סאַמוילאָוונע, דאָרטן טאַקע האָבן זיי חתונה געהאַט, און אַז די ערשטע צײַט איז געווען ניט איבעריק גוט, ביז סטעפּאַן אָסיפּאָוויטש איז ניט עלטער געוואָרן, דאָס הייסט ניט אָפּגעדינט ביז פּענסיע און ניט פֿאַרלאָזט די דינסט. דערנאָך האָבן זיי זיך געקויפֿט אָט דאָס כוטערל, פֿאַרפֿירט זיך אַ שטיקל ווירט־שאַפֿט און לעבן, ווי גאָט אין אָדעס.

איך פֿון מײַן זײַט האָב זיך אויך צערעדט. איך האָב זיי אָנגעמאָלט מיט ליכטיקע פֿאַרבן מײַן וווּנדערשיינע העלענע און איר אָרנטלעכן, גרויסמוטיקן ריטער, איר ברודער. איך האָב אַזוי פֿאַרינטערעסירט די אַלטע לײַט מיט מײַן דערציילונג, אַז זיי האָבן מיט טרערן אין די אויגן גענומען מיך בעטן, איך זאָל זיי באַקענען מיטן ברודער און דער שוועסטער, וועגן וועלכע זיי האָבן שוין געהערט, אָבער נאָך ניט געהאַט דאָס גליק זען אָט

די אײדעלע פאָר. איכ האָב זײ צוגעזאָגט. איכ האָב פונ אָט דער קענטשאפט געזענ, אז ס'וועט ארויסקומענ אסאכ גוטס אונ נוצלעכס פאר מײַנ העלדנ אונ נאָכ מער פאר דער געבילדעטער שײנהײַט, סאָפיע סאמוילאָוונעס טאָכטער.

זײ וועלנ, ווי אײגענע שוועסטער, צעטײלנ זײער מאָראליש גוטס אונ בײדע וועלנ זײ בארײַכערט ווערנ.

די אלטע לײַט האָבנ מיר פאָרגעלײגט בלײַבנ בא זײ אפ מיטיק. איכ האָב זיכ נישט אָפּגעזאָגט, אונ ביזנ מיטיק האָט מיר סטעפּאנ אָסיפּאָוויטש פאָרגעלײגט זיכ דורכשפּאצירנ איבער זײַנ פּאלעסטינע. איכ האָב זיכ אויכ נישט אָפּגעזאָגט, אונ מיר האָבנ זיכ געלאָזט באטראכטנ די נישט שטארק ברײטע, אָבער ליבע, רײנע אונ אקוראטע ווירטשאפט פונ דעם מעדיק־אגראָנאָם.

וועגנ די אײנצלהײַטנ, וואָס איכ האָב געזענ, וועל איכ דערצײלנ אינ אנ אנדער אָרט, אונ איצט איז ניט קײנ אָרט אונ ניט קײנ צײַט דערופ, ווײַל סאָפיע סאמוילאָוונע האָט שוינ געשיקט איר סידאָר־מערקורי אונדז בעטנ צומ מיטיק. אָבער איכ האָב א טאָעס געהאט. סידאָר איז ווירקלעכ געגאנ זוכנ צומ מיטיק, אָבער ניט אונדז, נאָר קאָרעסנ אינ טײַכ. אונ ווענ מיר זײַנענ פארבײַגעגאנגענ די הרעבליע, האָב איכ דערזענ צווישנ אָטשערעט, ווי ער האָט ארויסגעשלעפּט די ווערש אונ פונ איר האָבנ זיכ אינ שיפל ארויסגעשיט גרויסע באגילדעטע קאָרעסנ. איכ האָב א קוק געטאָנ אונ זיכ באלעקט. ווי־זשע וועלנ אויסזענ די דאָזיקע פרײַנט, פארפראוועט מיט סמעטענע, — האָב איכ א טראכט געטאָנ אונ ווידער זיכ באלעקט. די פרײַנט האָבנ זיכ באקומענ פונקט אזעלכע, ווי איכ האָב זיכ פאָרגעשטעלט. אונ ביכלאל האָט דער מיטיק איבערגעשפּיצט מײַנ פאנטאזיע מיט זײַנ פּאָשעטקײַט אונ פּעדאנטישער רײנקײַט. נאָכנ מיטיק האָט סטעפּאנ אָסיפּאָוויטש מיכ אײַנגעלאדנ אינ זײַנ לאבאָראטאָריע — אינ ביבליאָטעק,

איבערלייענען, ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט, דאָס באַוווּסטע ווערק פֿון דעם באַזונדערן און ערשטן כאַכעם מאָרפּיי. דורך דעם היל־צערנעם קאָרידאָר זײַנען מיר אַרײַנגעקומען אין סטעפּאַן אָסיפּאָ־וויטשס העלפֿט. דאָס איז געווען אַ גרויסער צימער מיט פֿיר ניט גרויסע פֿענצטער, באַפּוצט מיט פֿלעשער פֿון פֿאַרשיידענער גרייס, אָנגעפּילט מיט פֿאַרשיידנקאָליריקער פֿליסיקײַט. צווישן די פֿענצטער זײַנען געווען שאַפֿעס, אייניקע מיט אַפּטייק־סלוייען און אַנדערע מיט ביכער; אויף די טישן האָבן זיך געטריקנט די ערשטע פֿרילינגדיקע שמעקעוודיקע גראָזן, און באַקרוינט די אויסשטאַ־טונג האָבן צוויי קויקעס מיט פֿריש בעטגעוואַנט. מיר האָבן זיך אַוועקגעלייגט און אַנשלאָפֿן געוואָרן, און נישט עפּעס אַזוי ביג־נייווע, נאָר באַלעבאַטיש, ד. ה. ביזן זון־פֿאַרגאַנג.

דאָס לייענען דאָס באַוווּסטע ווערק פֿון דעם כאַכעם מאָרפּיי וואָלט געדויערט נאָך לענגער, ווען היינטער דער טיר וואָלט זיך ניט דערהערט די באַקאַנטע קלינגענדיקע שטים פֿון סאָפֿיע סאַ־מוילאָוונע, וואָס האָט געפֿרעגט, צי מיר ווילן טיי. סטעפּאַן אָסי־פּאָוויטש האָט געענטפֿערט לאַקאָניש: מיר ווילן!

— איז אויב איר ווילט, איז גייט אַרויס אין סאָד, — האָט גע־זאָגט סאָפֿיע סאַמוילאָוונע און האָט אַ קלאַפּ געטאָן אין טיר מיט עפּעס אַ מעטאַלענער זאַך, ווײַזט אויס, מיטן שליסל.

מיר האָבן זיך צעבערקעט, זיך אָפּגעוואַשן און, ווי ס'וואָלט גאָרניט ניט געווען, אַרויס, אָבער שוין ניט אין דעם דעמבענעם וועלדל, נאָר אין אַן עמעסן פֿרוכט־סאָד, וואָס געפֿינט זיך אין דער צווייטער זײַט שטוב. מיר האָבן זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ גראָזיקער באַנק אונטער אַן אַלטן שטאַרק גרויסן לינדנבוים, וואָס האָט זיך צעשפּרייט אין מיטן סאָד.

— און טאָמער וואָלט אונדז אונדזער עמעצער דערלאַנגט וואַסער און צוקער אָדער אײַנגעמאַכטס, — האָט געזאָגט סטעפּאַן אָסיפּאָוויטש

צו סאָפּיע סאמוילעוונען, וואָס האָט זיך דערנעענטערט צו אונדז.

— דו ביסט אַן עמעסער דײַטש! — האָט זי געזאָגט און אַ שמייכל געטאָן נאָר מיט איין ווינקל פון מויל, וואָס האָט זי געמאכט פאר גאָר אַ ליבער אַלטינקער. — ער וויל אַלץ וואסער און צוקער. און ווײַן ווײַסטו אהינטון די טיי? אַן עמעסער דײַטש, — האָט זי איבערגעכאַזערט.

— איך בין אפילע ניט געזעסן ליבן אַ דײַטש, — האָט אַן אַ שמייכל געזאָגט סטעפּאַן אָסיפּאָוויטש און פארויכערט די סיגארע.

סאָפּיע סאמוילאָוונע האָט זיך אומגעקערט אין הויז, און אינגיכן האָט די ווײַסע שווארצבערעמיקע העבע־פּאַראַסקע ארויסגעטראָגן אַף אַ טאַץ דעם פּראָדוקט, וואָס מע האָט געפאָדערט, אַוועקגעשטעלט אַף דער באַנק, פארויטלט זיך און געזאָגט:

— פּעטער!... די מומע האָט געפרעגט, צי זאָל מען דערלאנגען נאָך עפּעס.

— פּעפּער מיט ציבעלעס און אַביסל גאָרטשיצע בעט בא דײַן מומע, און דערנאָך טיי, — האָט ער צוגעגעבן און ניט גע־שמייכלט.

ווי אַ רײַפּער עפּל האָט זיך פארויטלט די ווײַסע העבע, זי האָט צוגעדעקט דאָס פּאָנעם מיטן ארבל און איז אַוועקגעלאָפן אין שטוב.

אין אָנהייב האָט דער שמועס בא דער טיי זיך געדרייט ארום די ווערטלעך פון סטעפּאַן אָסיפּאָוויטש, דערנאָך איז דער שמועס ארי־בערגעגאנגען אַף דער שיינער העלענע און איר גרויסמוטיקן ברודער, און ענדלעך אַף דער פאַנע דאָראָטע.

— וואָס פאר אַ סוביעקט איז אָט די שווײַגנדיקע פאַנע דאָראָטע? — האָב איך געפרעגט בא סטעפּאַן אָסיפּאָוויטשן.

— א פינצטערער פסיכישער פענאָמען, — האָט ער געענט־פערט. — זי איז א אידיאָטקע אדאנק דעם, וואָס מע האָט זי אָפּ־געגנארט און באליידיקט. איר טרויעריקע געשיכטע איז ענג און אפילע לייבלעך צונויפגעבונדן מיט דער עקלהאפטער געשיכטע פונעם אלטן קורנאטאָווסקי, דעם פאָטער פון איצטיקן אייגנ־טימער. איך וועל אייך דערציילן איר געשיכטע, מיר איז זי מער ווי עמעצן אנדערש באקאנט. און לויט מיין מיינונג דארף מען אזעלכע געשיכטעס נישט נאָר דערציילן, נאָר אָפּדרוקן. אָט די מערדערס, אָט די אומענטשן, וואָס באגייען אומרעכט, זיינען דורכן געזעץ באשיצט פון דער בייטש, דארף מען און מע מוז זיי דורכן געדרוקטן וואָרט שטראָפן און שענדן, ווי מיִעסע אנטימאָראלישע פאסקודניאקעס.

ווי נאָר סטעפאן אָסיפאָוויטש איז אריין אין טאָכ פון שמועס, איז צו מיר צו די העבע, מיטן ווייסן געזיכט און, רויטלענדיק זיך, מיר געזאָגט מיט א האלבער שטים, אז אפ מיר פרעגט זיך עפּעס א פאָרעצ אָן א האנט. איצטער האָב איך זיך א כאפּ געטאָן, אז כ׳האָב געטאָן א נארישקייט, וואָס מע קען זי ניט מויכל זיין: איך בין אוועק פון דער היים און האָב אפילע פראָכאָרן ניט געזאָגט, וווהין איך בין אוועק. אגעוו, כ׳האָב דאן אליין נישט געוווסט, וווהין כ׳בין אוועקגעגאנ.

— וואָס איז געשען? — האָבן מיטאמאָל בא מיר געפרעגט ביידע מיינע אמפיטריאָנען.

— קיין שום באזונדערע זאך, — האָב איך געענטפערט אין פארלעגנהייט, — מע זוכט מיך אין דער געגנט, ווי אן אנטלאָ־פענעם.

— ווער זוכט אייך?

— א מענטש, פון וועמעס גרויסמוטיקייט איר האָט זיך ערשט געוווּנדערט.

— געשיקט זיך ער אליין? ווו איז ער?

— ער שטייט אָט דאָ הינטער דער שטוב, — האָט געענטפערט די גוטע העבע.

— וואָס־זשע האָסטו זיך אָפּגעשטעלט? פּאַרבעט אים אַהער צו אונדז, — האָט סאָפיע סאַמוילאָוונע געזאָגט צו דער העבע.

— איר האָט אונדז אַ באַרג מיט גאָלד געשענקט, — האָט געזאָגט סטעפּאַג אָסיפּאָוויטש און מיר געדריקט די האַנט.

די העבע מיטן ווייסן געזיכט איז אַוועק פאַרבעטן דעם גאַסט צו דער קאָמפּאַניע, און מיר אַלע אינדרויסן זיינען מיר גלייך נאָך פּאַראַסקען טריומפאַל געגאַן באַגעגענען מיין העלד.

— איר קענט מיך און איך קען אייך נאָך בעסער, און גע־נוג, — אַזוי האָט סטעפּאַן אָסיפּאָוויטש באַגעגנט זיין גאַסט, ער האָט אים די האַנט געדריקט און צוגעגעבן, אָנווייזנדיק אויף סאָפיע סאַמוילאָוונען: אָט איז מיין אַלטע דײַטשקע, איך בעט זי ליב האָבן.

סאָפיע סאַמוילאָוונע האָט געמאַכט אַ קניקסען און מיט אָפּשײַ אַ קוק געטאָן אויף מיין העלד, און ער, דער פּראָסטהאַרציקער מענטש, איז רויט געוואָרן, ווי אַ מיידל, ווען זי באַגעגנט זיך מיט אַן אומבאַקאַנטן יונגן באָכער. ער איז צוגעגאַנגען צו מיר און אַ שעפּטשע געטאָן אויפן אויער: הינטער דעם טויער וואַרט אויף אייך טראָכים.

איך בין פאַרשוווּנדן, ווי אַ קאַץ.

הינטערן טויער איז געשטאַנען אַ בריטשקע, און אין בריטשקע איז געזעסן, אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, מיין באַליידיקטער טראָכים. אַז ער האָט מיך דערזען, האָט ער זיך אָפּגעקערעוועט. איך בין צו צו דער בריטשקע און אַ לײַכטן הוסט געטאָן. ער האָט זיך נאָכמער אָפּגעקערעוועט. איך זע, אַז ס'האַלט שלעכט, בין איך

פאַרגאַנג פון דער צווייטער זײַט, האָט ער זיך אָפּגעקערעוועט אין דער קעגנײַבערדיקער זײַט. שלעכט, מע דאַרף בײַטן דעם מאַנעוור.

— א גוט מאָרגן, טראָכים סידאָראָוויטש! — האָב איך גע־זאָגט און זיך קוים אָפּגעהאַלטן פון געלעכטער.

— א גוט מאָרגן אויך אײַך, — האָט ער געענטפערט און זיך נאָכמער אָפּגעקערעוועט פון מיר.

— צי ווילט איר ניט עפּעס איבערבײַסן?

— איך וויל נישט, — האָט ער אויסגעצויגן און זיך אויסגע־קערעוועט צו מיר מיטן רוקן.

ניט אָן מי האָב איך ווייך געמאַכט מײַן טראָכימען, אַרײַנ־געפירט אים אין דעם באַלויכטענעם געניקיי פון סאָפיע סאַמוי־לאָוונען. אפן גאס איז שוין געווען פינצטער. איך האָב אים פאָרגעשטעלט, ווי מײַן טרײַען דינער און מיטהעלפער און ווי דעם צוקונפטיקן לערער פון דעם העלד מײַנעם.

— בראַוואָ, יונגער פּראָפעסאָר! מיר וועלן זיך לערנען און אַלץ וועט זײַן גוט, — האָט א זאָג געטאָן סטעפאַן אָסיפּאָוויטש און האָט אים געדריקט די האַנט. סאָפיע סאַמוילאָוונע האָט אים ווי א זון א צערטל געטאָן, אים מעכאַבעד געווען מיט א וואַטרושקע און אים אוועקגעזעצט לעבן זיך אפן דיוואַן. טראָכים האָט ניט אָן א צערעמאָניע אויסגעפילט איר ווילן, פריִער האָט ער א קוש געטאָן איר די האַנט, און דאָס האָט מיר געוויזן, אז ער איז א יאַט א געניטער.

נאָך דער גאָרניט קיין גרינגער וועטשערע האָבן מיר זיך, צו דער גרויסער באַוווּנדערונג פון סאָפיע סאַמוילאָוונען, אָנגע־הויבן קלויבן אין וועג. און זי האָט שוין געהייסן אין קלוניע אפן שטרוי אונדז צוגרייטן געלעגערס. אז איך האָב זיך פאָרגע־שטעלט אָט דעם פאַרגעניגן, בין איך שוין ווייכער געוואָרן,

נאָר דער העלד מײַנער, װי אַן עמעסער ספּאַרטאַנער, האָט זיך אַנטשײדן אָפּגעזאָגט פֿון אַזאַ אומשולדיקן געָנוס, און נאָך דער־פֿאַר, װײַל נעכטן אינאָװנט איז די פּאַנע דאָראָטע שטאַרק קראַנק געװאָרן און ס׳איז ניטאָ װער ס׳זאָל פֿאַרבײַטן די שװעסטער לעבן דעם בעט פֿון דער קראַנקער.

— איז אָט אין װאָס ס׳באַהאַלט זיך די סיבה פֿון נעכטיקן שװײַגן, — האָב איך א טראַכט געטאָן. איך האָב געזאָגט די באַ־לעבאַטים אַ גוטע נאַכט, און מיר זײַנען אַרויס אין הויף, מיר האָבן זיי געגעבן דאָס װאָרט באַזוכן זיי אָפּטער און אָפּטער.

— און דאָך װאָלט בעסער געװען, װען איר נעכטיקט איבער, — האָט געזאָגט סאָפֿיע סאַמוילאָװנע, זי איז געװען העל באַלויכטן דורך דער ליכט.

סטעפּאַן אָסיפּאָװיטש האָט אונדז באַגלײט ביזן טויער און, געזעגענענדיק זיך, האָט ער געבעטן דעם לערער און דעם שילער אָן צערעמאָניעס זיך װענדן צו אים נאָך לערנביכער, און אים מעלדן װעגן דעם, װיאַזוי עס גייען זײערע לימודים לויט דער פּעדאַגאָגישער ליניע. איך האָב שװײַגנדיק אַ דריק געטאָן אים די הענט, און מיר האָבן זיך צעשײדט.

X

דער מײַרעװ־האָריזאָנט האָט זיך נאָך געראָיטלט, װי אַ פֿאַר־גײענדיקע פֿײַער־שײַן פֿון אַ װײַטער סרײפֿע. אַפֿן װײכן, רויט־לעכן פּאָן האָט מען געזען דעם טונקעלן־דורכזיכטיקן דעמבענעם װאַלד; פֿון הינטערן װאַלד האָט זיך אַ רויך געצויגן אַרויף מיט אַ פֿיאָלעט־שפּילעװדיק שטראָמעלע, װײַזט אויס, פֿון סאָפֿיע סאַ־מוילאָװנעס קיך איז עס געגאַנגען. איך האָב געקוקט אַף אָט דער

רויִקער שטילקייט פון דער נאַטור, און זיסע באַרויִקנדיקע טרוימען זיינען אַריינגעדרונגען אין מיין אומרויִק האַרץ.

און ניט אַפּ טומל, אַפּ שלאַכט־געוועט —
געבוירן דאָ אַפּ פרייד־געוועבן,
פאַר זיסע קלאַנגען און געבעט!

פּושקינס ליד איז מיר פון מויל ניט אַראָפּ, ביז מיר זיינען נישט צוגעפאָרן צום דאָרף. אָנשטאָט דעם אַלטן צאַרענע־היטער האָט אונדז דעם טויער געעפנט פּראָכאָר, און אָנשטאָט אַ געוויינלעכער באַגריסונג האָט ער אַ שוועע געגעבן, זאָל מען זאָגן, אַז ער איז ניט פּראָכאָר כיוורישט, נאָר אַ הינטישער זון, אויב ער וועט פון איצטיקן מאָמענט מיך אָפּלאָזן פון זיך אַפּילע אַפּ צוויי שפּאַן. איך וועל, זאָגט ער, נעמען אייך אַפּן שטריק און פירן ווי אַ בער, און וואָס פאַר אַן אַנדער אייצע קען ער זיך געבן מיט אַזאַ דולן פּאָרעץ, ווי איך. באַ די דאָזיקע ווערטער האָט טראָכים אַפּ מיר פּילדייטיק אַ קוק געטאָן, ווי איינער זאָגט: וואָס? ס'איז עפּשער ניט עמעס?

— רוק זיך אָפּ אין יענער זייט, — האָט געזאָגט פּראָכאָר צו טראָכימען און איז אַרופגעקראָכן אַפּ דער ברישקע, — פון איינדערפרי אָן אַפּ די פיס, ווי אַ הונט אַפּ דער יאַגד! — פאָר! — האָט ער געזאָגט דעם אָנטרייבער, אָוועקזעצנדיק זיך אַפּן אָרט.

פאַרביי דעם קוים באַלויכטענעם שענק האָבן מיר זיך שטיל אַראָפּגעלאָזט פון בערגל און אַרופ אַפּ דער הרעבליע. אַפּ דעם גלאַטן שפּיגל פון טייך האָט אַ פּליעסקע געטאָן אַ פישל און געלאָזט נאָך זיך אַ קרייז, וואָס האָט זיך שטיל פאַנאַנדערגעשפּרייט אַפּ דער וואַסער. מיר זיינען פאַרבייגעפאָרן דאָס דאָרף און די טאָפּאָל־אַלייע און זיך אָפּגעשטעלט אַפּן ברייטן הויף. פון טונקעלן פּאָן האָט זיך אָפּגעטיילט אַ שוואַרצע פּרויען־פיגור. איך האָב דערקענט די שיינע העלענע.

— צי איז אַלץ אין אָרדענונג? — האָט זי געפרעגט, ווען זי האָט אונדז באַגעגנט.

— אַלץ אין אָרדענונג! — האָב איך געזאָגט, אַרויסשפּרינגענדיק פון דראָשקע.

— ווו זײַנט איר געווען ביז אַהער? — האָט זי מיך געפרעגט און מיך גענומען פאַר דער האַנט.

איך האָב איר דערציילט וועגן דעם, וואָס איך האָב געפונען.

— נו, וואָס, איך האָב דיר ניט געזאָגט, אַז זיי זײַנען אומבאַדינגט דאָרטן? — האָט זי געזאָגט דעם ברודער.

— פונוואַנען האָט איר געוווסט, אַז איך בין דאָרטן? — האָב איך געפרעגט די נאַכט־שיינהײַט.

— דערפאַר, וואָס איר זײַנט גאַנצפרי אוועק הינטער דער צאַרענע און זיך שוין ניט אומגעקערט, און פון דאָרטן ביז פּרעכטעלס כוטער איז שוין נישט ווײַט, האָב איך זיך אָנגעשטויסן.

— אָט א כאַכאַמע! — האָב איך א טראַכט געטאָן און איר דערלאַנגט די האַנט. מיר זײַנען שווײַגנדיק אוועק פון דער בריטשקע.

— וואָס מאַכט אײַער פאַנע דאָראָטע? — האָב איך געפרעגט בא מײַן שווײַגנדיקער באַגלייטערן.

— זייער נישט גוט. מאָרגן וועט מען מוזן אײַנלאַדן סטעפאַן אָסיפּאָוויטשן, און איך ווייס נישט, וויאַזוי מע טוט עס. מײַן מאַן איז אוועקגעפאָרן, און איך...

— וווהין איז אוועקגעפאָרן אײַער מאַן? — האָב איך זי איבערגעריסן, ווי מיר וואָלט שווער געווען פון זײַן אָנוועזנהײַט.

— כ'ווייס נישט וווהין. ער איז אוועקגעפאָרן מיט אײַער קאָרעוו, ווײַזט אויס, קיין בודישטשע, — האָט זי געענטפערט, ניט ענדערנדיק דעם טאָן.

אונדזער שמועס האָט זיך נישט געקלעפּט. העלענע איז הײַנט נישט ענלעך געווען אף זיך. איך האָב עס איר געזאָגט. זי האָט

געענטפערט, אַז איר איז הײַנט אומעטיק. איך האָב איר אויסגעמאָלט די ליבע סאָפּיע סאַמוילאָוונע און צום שלוס געמאָלדן וועגן איר אופריכטיקן ווילן זיך באַקענען מיט איר. אויך צו דער פרײַנטלעכקײַט האָט זיך העלענע באַצויגן קאַלט; איך האָב פאַרשטאַנען, אַז מיר איז נאָר געבליבן איר ווינטשן גוטע כאַלוימעס און זיך פאַרנעמען, וואָס איך האָב טאַקע אויסגעפילט.

וואָס באַאומרויִקט זי אַזוי שטאַרק? געשיקט זיך די קרענק פון דער פאַנע דאָראָטע, אָט דעם לעבעדיקן אַווטאָמאַט, אָדער די אָפּוועזנהײַט פון דעם אויסגעלאַסענעם מאַן? אָדער אי דאָס, אי דאָס צווייטע? אי דאָס ערשטע, אי דאָס צווייטע זײַנען באַזונדער גענומענע מיִעס, און צוזאַמענ — די ערגסטע פּאַסקודסטווע, און זי בענקט אָן זיי. מאָדנע!

לאַנג נאָך האָב איך זיך אַרומגעשלעפּט אינדערפינצטער איבערן הויף הין און צוריק, ביז איך בין ענדלעך מיד געוואָרן און אַוועק צו זיך אַפ דער קוואַרטיר.

ביז איך בין געקומען האָט טראָכים באַוויזן איבערלייענען אַן אַרײַנפיר־לעקציע זײַן שילער. אַז איך בין אַרײַן אין צימער, האָט ער אים געהייסן דערקענען די בוכשטאַבן אַפן טאָוול פון „Морской сборник“ און האָט אים לאַנג קונציק געטאָלקעוועט, וואָס עס באַטײַטן צוויי שטעקעלעך מיט אַ קלאַדקע פונויבן און צוויי שטעקעלעך מיט אַ קלאַדקע אינמיטן. פראָכאָר האָט זיך גאָרניט אומגעקוקט אַפ דער וויסנגיריקער יוגנט. ער האָט אין דער הייך געלייענט דעם פסאַלטיר און האָט פאָרזיכטיק געבלעטערט די געל געוואָרענע בלעטער פון סייפער. אָט די נײַע סצענע האָט מיך באַפרײַט פון דעם שווערן אײַנדרוק, וואָס איז מיר געבליבן פון די פריִערדיקע געפילן. איך האָב אַ ליב געטאָן מײַן העלד פאַר פאַרשטאַנד און פלײַסיקײַט, טראָכימען פאַר דעם פּינקטלעכן אויספילן זײַנע פליכטן, און פראָכאָרן פאַר זײַן גוטן לייענען און שרײַבן. איך האָב זיך

שוין געוואָלט געזעגענען און גיין זיך לייגן שלאָפן, איז פּראָכאָר צו מיר צוגעגאנגען און געפּוילעלט בא זיך בא מיר פרעגן, וואָס עס באַטײַט: „Коль возлюбленна селенія Твоя, Господи сил?“ איך בין זיך מוידע, אז איך בין אַרײַן אין פאַרלעגנהײַט פון אזא פּלוצעמדיקער פראגע. כ'בין אָבער באַלד געקומען צו זיך און אים געענטפערט סטאם אזוי: „גאָטס באַליבט ווינאַרט“, — האָב איך אים געזאָגט, הייסט נישט אנדערש, ווי א מאָנאסטיר. פּראָכאָר האָט א קוק געטאָן אף מיר מיט אָפּשײַ און אף די איבעריקע מיט פארווונדערונג, און מער גאָרנישט.

— איך האָב אליין אויך אזוי געטראכט, — האָט געזאָגט פּראָכאָר, ווען ער איז געקומען צו זיך, — און עפשער איז עס ניט אזוי, — טראכט איך זיך, און פרעגן איז ניטאָ בא וועמען. די פּאנע דאָראָטע, כאָטש זיי לייענען א בוך, איז אָבער נישט אף אונדזער שפראך, נאָר אף פּויליש, איז ניטאָ וואָס צו פרעגן בא איר. דאנקען גאָט, וואָס ער האָט אײַך אראָפּגעשיקט צו אונדז, אנדערש וואָלט איך ביזן טויט ניט פארשטאנען אָט דאָס הייליקע וואָרט.

— האָט איר געגעסן וועטשערע? — האָט ער מיך פּלוצעם געפרעגט.

— געגעסן, — האָב איך געענטפערט.

— איז לייגט זיך מיט גאָטס הילף און שלאָפט. קומט כעווערע! — האָט ער צוגעגעבן, ווענדנדיק זיך צו די יונגעלײַט.

אין מעשעך פון פּראָכאָרס רעדע האָב איך, ניט האָבנדיק וואָס צו טאָן, געבלעטערט דעם „Морской сборник“ און כ'האָב געפונען דאָס אָרט, ווו ס'דערציילט זיך וועגן דער טאַט פון מײַן העלד. כ'האָב געהייסן טראָכימען דורכלייענען עס אין דער הייך. אָט דער אנטדעקטער סעקרעט האָט געבראכט מײַן העלד אין פאַרלעגנהײַט, אָבער ער איז באַלד געקומען צו זיך און האָט געזאָגט:

— ווען נישט דער גראף וועלעגאָרסקי אליין, אָלעוו־האשאָ־

לעמ, וואָלט אונדז ניט אויסגעפרעגט, וואָלט איכ אנ אנדערנ קיינ וואָרט נישט געזאָגט.

— שלאָפּ מיט פרידנ, דו בעקוועדיקער פאָרשטייער פונ מענטשנ־ליבע! — האָב איכ קימאט אינ דער הייכ א זאָג געטאָנ. איכ האָב געווונטשנ א גוטע נאכט דער ווילער קאָמפאניע אונ בינ אריינ צו זיכ אינ צימער.

אז כ׳האָב זיכ צעשיידט מיט מיינע פּראָטעזשע־פריינט, האָב איכ גענומענ מעסטנ דעמ צימער אינ דער ברייט אונ אינ דער לענג. אָבער ווי פלייסיק כ׳האָב ניט געארבעט איבער דעמ אויסמעסטנ דעמ צימער, האָב איכ געענדיקט דערמיט, וואָס כ׳האָב זיכ נישט דערוווסט וועגנ זיינ פינקטלעכער גרייס. כ׳האָב אויסגעלאָשנ די ליכט אונ זיכ געלייגט שלאָפנ. איכ האָב געמיינט, אז כ׳וועל שלאָפנ, ווי ס׳שלאָפט א העלד, אָבער ס׳האָט זיכ באַ־קומענ גאָר עפּעס אנדערש. עפּעס האָט מ׳כ באומרויִקט; אונ וואָס אזוינס האָב איכ נישט געקענט באשטימענ, ווי כ׳האָב זיכ ניט באמיט. אינ אָט די שווערע אומענדלעכע לאנגע מינוטנ בינ איכ אביסל ענלעכ געוואָרנ אפּ א פארליבטנ, דאָס הייסט אפּ א דולנ. אָבער אזא ענלעכקייט איז אומעגלעכ. ערשטנס דערפאר, ווייל איכ בינ ניט קיינ פּראפּאָרשטשיק, אונ צווייטנס דערפאר, וואָס כאָטש כ׳האָב שוינ ניט קיינ טשינעס, אָבער איכ בינ שוינ א באַ־יאָרטער אונ דערצו נאָכ ניט פונ קיינ עראָטישער קאָמפּלעקציע. אונ וועגנ וואָס איכ זאָל ניט אָנהייבנ טראַכטנ: וועגנ די אלטע שיינע דעמבעס, וועגנ דעמ וויסנ פּרעכטעל, וועגנ סאָפיע סאמוי־לאָוונע, וועגנ איר ליבנ אָריגינעלנ שמייכל, — אומעטומ אונ אינ אלצ קוקט ארויס זי — זי, מיינ שיינע, אומשולדיקע פּאָשעטע העלדנ. גאָט מיינער! — האָב איכ, פארטיפט אינ די דאָזיקע געדאנקענ, אויסגעשריגנ, וועט זי אָפּהיטנ אָט די פריש־קייט, אָט די מיידלשע ריינקייט, ווי ס׳האָט זי אָפּגעהיט סאָפיע

סאמוילאָוונע? ווער ווייס. זי איז פול מיט צארטער העכסטער ליבע. זי מוז האָבנ יעדנפאלס צו וועמענ צו זייַנ צוגעבונדנ, זי מוז האָבנ עפעס אנ אָנשפארעניש, אפ וועלכער זי זאָל זיכ קאָנענ קאָנצענטרירנ; זי מוז האָבנ א קלוגנ אונ טרייַענ פרייַנט, אונ ניט קיינ שיקערנ באלטייַוועניק, א רעמאָנטער אָדער א נעבעכדיקע אידיאָטקע, די פאנע דאָראָטע, צו וועלכער זי איז צוגעבונדנ אויס נייטיקייַט זייַנ צו עמעצנ צוגעבונדנ. אונ אויב די דאָזיקע נעבעכדיקע רויִנע וועט זיכ אינגאנצנ צעפאלנ, איז וואָס וועט דעמלט זייַנ? דעמלט... דעמלט קענ אלצ זיכ טרעפנ. ס'וועט נאָכ זייַנ גוט, אויב נאָכ א שווערער קאלטער פוסטקייַט וועט זי ענלעכ ווערנ אפ מייַנ הארצלאָזער קוזינע; אונ עפשער, אונ דאָס איז אויכ נאטירלעכ, וועט זי פארלירנ איר פרויענ־ווערדע אונ וועט ווערנ א דינסט בא איר שענדער, אונ ענדלעכ וועט זי אויסשעפנ די רעשטלעכ פונ אירע מאָראלישע קויכעס אונ וועט מיטאמאָל דערזענ דעמ גאנצנ מיִעסנ עקל פונ איר אייגענעמ אומקומ. דאנ... יאָ, זי איז דער צווייטער עקזעמפליאר פונ דער נעבעכדיקער פארקריפלטער פאנע דאָראָטע! וויִאזוי פארטרייַבט מענ אָט די שווארצע געדיכטע כמארע, וואָס לויערט איבער איר בלישטשענדיק שיינ קעפל? אונ איכ, ווי דער גרויסער פראנקלינ, האָב איכ זיכ פארטראכט, איבער אָט דער מאָראלישער אופווירקונג.

נאָכ א לאנגנ טראכטנ האָב איכ זיכ אָפגעשטעלט אפ סאָפיע סאמוילאָוונע אונ אפ איר טאָכטער די אינסטיטוטקע אונ, נישט אָפלייגנדיק, האָב איכ באשלאָסנ מאָרגנ טאקע צו באקענענ מייַנע פרייַנדנס. אָט דער ניט אָריגינעלער געדאנק איז מיר אזוי שטארק געפעלנ, אז איכ האָב אימ אנטוויקלט ביז א ווילדער פאנטאזיע אונ, אייַנגעשלעפערט דורכ די רעפובליקאנער די אייניקלעכ פונ דער שיינער העלענע, אונ אנדערע ענלעכע טרוימענ בינ איכ אנשלאָפנ געוואָרנ מיט א שלאָפ פונ אנ אומשולדיקנ.

אופגעכאפּט האָב איך זיך שוין גאַנץ שפּעט, און דאָס ערשטע, וואָס האָט זיך פאַרגעשטעלט מײַן וואַכעדיקער פאַנטאַזיע, דאָס איז דער נעכטיקער פּראָיעקט מיט אַלע זײַנע קלענסטע אײנצל־הײַטן. ניט געקוקט דערויף, וואָס דאָס איז געווען אַ פּראָדוקט פון מײַן אײגענער פאַנטאַזיע, האָב איך אים ניט דערקענט. ס'איז געווען צו אויסטערליש. איך האָב אים פאַרניכטעט דעם פּראָיעקט און אויף דעם זעלבן פונדאַמענט גענומען בויען אַן אַנדער געבײַדע, נאָר אַ מער סאָלידערע, אַ פּאָזיטיווע, מער צו־געפּאַסט צו דעם קלימאַט און די מינהאָגים.

— איז ניט צײַט איר זאָלט אויפשטיין? — האָט געזאָגט פּראָ־כאָר און שטילערהייט צעעפנט די טיר.

— איך ווייס נישט, ווי מײנסטו? — האָב איך אים געפרעגט און אויפגעשטאַנען פון געלעגער.

— איך מיין, אַז ס'איז צײַט. מ'איז שוין צוויי מאָל געקו־מען אײַך בעטן אויף טיי אַהין אין סאָד אַרײַן, — האָט ער גע־זאָגט, צעוויקלענדיק דעם האַנטעך.

אין אַ פּאָר מינוט אַרום בין איך שוין צוגעגאַנגען צו דער טיר פון דעם ליבן פּאַוויליאָן. און אַזוי־ווי די טיר איז געווען אָפן, האָב איך שוין פון ווײַטן דערזען אינעווייניק דעם ווײַסן בלישטשענדיקן קאָפּ פון סטעפּאַן אָסיפּאָוויטש.

— וויאַזוי אַרום זײַנט איר דאָ? — האָב איך געזאָגט, צו־גייענדיק צו אים; איינצײַטיק האָב איך זיך באַגריסט מיט זײַן מיטשמועסערן, מיט דער שיינער העלענע.

— גאַנץ פּאָשעט, איך בין אַ מעדיקער, — האָט ער געענט־פערט, אויסשטרעקנדיק מיר די האַנט.

— און ווי פילט זיך אײַער קראַנקע? — האָב איך בא אים גע־פרעגט.

— ווי ביכלאַל קראַנקע, — האָט ער געזאָגט מיט אַ שמייכל.

די באַלעבאָסטע איז אוועק געווירע ווערן צו דער קראַנקער. איך האָב זיך גענומען צו דער טיי. סטעפּאַן אָסיפּאָוויטש האָט פאַרויכערט א סיגאַרע און האָט גענומען זינגען א ליבעגעזאַנג מײַן שיינער העלענע. און ווי ער איז נאָר דערגאַנגען ביזן העכסטן פּאַטאָס, איז אין פּאַוויליאָן ארײַן די העלדן אליין און האָט געמאָלדן איר נײַעם פאַרערער, אז די קראַנקע איז אנשלאָפן געוואָרן.

— און דאַנקען גאָט, — האָט מיט א שמייכל געזאָגט סטעפּאַן אָסיפּאָוויטש. ער האָט פאַרגעלייגט פאַרנעמען א שפּאַציר איבערן סאָד און דערנאָך צו אים אפן כוטער. דער כאָלעם גייט איבער אין וואָר, — האָב איך א טראַכט געטאָן און בין, פאַרשטייט זיך, אײַנגעגאַנגען אפ זײַן פאָרשלאַג. די שיינע העלענע איז אָבער געווען אומרויִק וועגן דער קראַנקער. אָבער סטעפּאַן אָסיפּאָוויטש האָט, ווי א מעדיקער, זי פאַרזיכערט, אז די קראַנקע וועט אָפּשלאָפן ביזן אָוונט און וועט זיך אופכאַפּן א געזונטע. זי האָט מאַסקים גע־ווען, געהייסן צוגרייטן אן עקיפּאַזש, וואָס זאָל זי אָניאָגן הינטער דער צאַרענע.

אונטערוועגנס בין איך ארײַן צו זיך אפ דער קוואַרטיר, גע־נומען דעם פאָרטפעל, א בלײַער, דעם שטעקן און זיך געלאָזט נאָך מײַנע באַגלייטער. מיר האָבן קוים באַוויזן ארויסגיין פון דאָרף, האָט אונדז אָנגעיאָגט א בריטשקע און אונדז ארײַנגענומען אין איר אײַנגעווייד. ווען מיר זײַנען פאַרבײַגעפאָרן דעם אַלטן דעמב, האָב איך געהייסן דעם אָנטרײַבער זיך אָפּשטעלן, און צום גרויסן וווּנדער פון מײַנע באַגלייטער בין איך ארויס פון בריטשקע. אפ דער פראַגע, וואָס וויל איך פאַרנעמען, האָב איך געזאָגט, אז איך וויל אָנמאָלן אָט דעם פּאַטריאַרך מיט דער טרו־קענער קרוין. סטעפּאַן אָסיפּאָוויטש האָט שווײַגנדיק א מאַך גע־טאָן מיט דער האַנט און האָט געהייסן דעם אָנטרײַבער פאָרן

ווײַטער, און איך בין אַרומגעגאַנגען אַרום דעם ברייט־צעצווײַגטן מעשוסעלאַך, און אַזױױ כ'האָב ניט געפֿונען דעם געװוּנטשענעם מאָמענט, אַדאַנק דער האַלבטאָגעדיקער שײַן, האָב איך זיך צוגעלייגט אין דעם שאָטן פֿון דעם זעלבן מעשוסעלאַך, קעדיי פֿונוויַיטנס אַ קוק טאָן אויף זײַנע פֿעסטע כאַווײַרים, און אַזױ אַרום בין איך אַנדרעמלט געוואָרן.

ווען איך האָב זיך אױפֿגעכאַפּט, האָב איך דערזען, אַז דער געדיכטער שאָטן פֿון וואַלד האָט מיך פֿאַראַטן: ער איז אַוועק אַנערעך דרײַ קלאַפֿטער פֿון מיר. ס'איז נאָך גוט, וואָס כ'האָב זיך געכאַפּט און צוגעדעקט דאָס פּאָנעם פֿון פֿליגן, אַנדערש וואָלט פֿון מיר אַרויס אַן עמעסער ענגלענדער. אָבער ווו איז מײַן פּאָרטפּעל? דער וואַנדער־שטעקן איז דאָ, און דער פּאָרטפּעל איז נישטאָ. איך בין עטלעכע מאָל אַרומגעגאַנגען אַרום דעם פּאַטרִיאַרך, אַרײַנגעקוקט אין זײַן ברייטן אויסהויל — נישטאָ מײַן פּאָרטפּעל, און די באַלויכטונג איז פּונקט אַ גוטע, און דער פֿליכעוואַטער מעשוסעלאַך, ווי ער לאַכט עס פֿון מיר, דערבײַ באַווײַזט ער זײַנע צוױבערדיק־באַלויכטענע צווײַגן און צווײַגעלעך. פֿון פּאַרדראָס בין איך צוגעגאַנגען צו אַ צווייטן פּאַטרִיאַרך, צו אַ דריטן, ער איז נאָך בעסער, און דער פֿערטער — ער איז ווי אַנטלאָפֿן פֿון קאַלאַמעס פּאָרטפּעל, און ווידער בעט ער זיך אונטערן בלײַער. איך האָב שיר ניט געוויינט פֿון פּאַרדראָס. איך האָב אָפּגעשיקט אַ טוץ זידלערײַען אויפֿן אַדרעס פֿונעם אומבעראַכמאָנעסדיקן גאַנעוו און בין אַרויס אויפֿן וועג און געווענדעט מײַנע טריט צו פֿרעכטעלס כוטער. אַכוץ סאָפּיע סאַמוילאָוונען און פּאַראַסקעו מיטן ווײַסן פּאָנעם האָב איך קיינעם ניט געטראָפֿן אויפֿן כוטער. אויף דער פֿראַגע, צי איך האָב געגעסן מיטיק, האָב איך געענטפֿערט, אַז ניין, און באַלד בין איך געוואָרן אַרײַנגעפֿירט אין סאָפּיע סאַמוילאָוונעס העלפּט שטוב. דאָרט האָט מען מיך אָנגעפֿילט מיט אַלערליי גוטן

עטנוואַרג און, אגעוו, האָב איך זיך דערוווּסט, אַז מײַן העלדן האָט פּאָשעט פאַרקישעפט סאָפיע סאַמױלאָװנע און זי איז נישט לאַנג געבליבן אין געסט דער פּאַר, װײַל זי האָט איבערגעטראַכט וועגן דער קראַנקער, וועגן דער פאַנע דאָראָטע. און נאָך האָט זי דערציילט, אַז סטעפאַן אָסיפּאָוויטש איז געפאָרן צוזאַמען מיט איר און אַז זי, סאָפיע סאַמױלאָװנע, פאָרט צו איר צו דער אָוונטיקער טיי און בעט מיך, איך זאָל זײַן איר קאַוואַלער. פון אָט דעם קאַ־ווער האָב איך זיך ניט אָפּגעזאָגט, און אין א האַלבער שאָ אַרום האָבן מיר זיך געלאָזט אין וועג אַרײַן.

XI

אין דער טאָפּאָל־אַלייע, פונקט אנטקעגן דער וואָלפישער כטעזשקע, האָב איך געהייסן זיך אָפּשטעלן און האָב געבעטן מײַן באַגלייטערן אַרויסגיין פון דער ברִיטשקע, — איך האָב געהאַט א מיין זי דורכפירן מיט אָט דער סטעזשקע גלײַך אין פּאַוויליאָן, ווו כ'האָב גערעכנט טרעפן די באַלעבאָסטע און איר גראָווג גאַסט. אָבער פון מײַן האַשאָרע האָט זיך אויסגעלאָזט גאָרנישט, װײַל מיר האָבן נאָך נישט באַוויזן אַרופ אַפ דער סטעזשקע, האָט זיך אין עק אַלייע באַוויזן די באַלעבאָסטע אין באַגלייטונג פון סטעפאַן אָסיפּאָוויטש און איר מאַן, דעם ראַטמיסטער. מיר האָבן זיך גע־לאָזט זיי אנטקעגן. מיט אַן עמעסער פרייד האָבן זיך די נײַע באַקענטע אַרומגענומען און צעקושט, און דער באַלעבאָס האָט מיט דער פלינקײַט פון אַן עמעסן הוסאַר זיך פאָרגע־שטעלט פאַר סאָפיע סאַמױלאָװנע און זי פאַרבעטן אין די צימערן.

— האָט זיך אײַך אײַנגעגעבן דאָס מאָלערײַ? — האָט מיך כיטרע געפרעגט סטעפאַן אָסיפּאָוויטש.

— זייער, האָב איך געענטפערט און זיך באמיט זײַן ערנסט.

— איז עס עמעס, וואָס איר זאָגט? — האָט ער געפרעגט און דערבײַ האָט ער אופמערקזאם אפ מיר געקוקט.

— עמעס, — האָב איך געענטפערט מיט דעם זעלבן טאָן.

— צי קענען מיר א קוק טאָן אפ אײַער ארבעט? — האָט די באלעבאָסטע לאכנדיק געפרעגט.

אויך איר זײַנט קעגן מיר, — האָב איך איר געזאָגט און זיך צעלאכט.

א צופרידענער האָט סטעפאן אָסיפּאָוויטש איר פרײַנטלעך א דרוק געטאָן די האנט און דערציילט, ווי ס'איז פאָרגעקומען: ווי־אזוי איך האָב עס פאראטן זייער דרײַבונד און ווי זיי האָבן אפן וועג צוריק באמערקט, אז איך בין טיף איבערגעגעבן דער געט־לעכער קונסט, אזוי טיף, אז כ'האָב אפילע ניט באמערקט, ווי מע האָט בא מיר פון די הענט צוגעגאנוועט דעם פּאָרטפעל. אזוי האָט פארענדיקט זײַן דערציילונג סטעפאן אָסיפּאָוויטש. זײַן דערציילונג האָט ארויסגערופן אן אלגעמיינעם געלעכטער, דערין אויך מײַנעם.

איך האָב באדארפט ארײַנגיין צו מיר אפ דער קווארטיר, און איך האָב ניט אפ לאנג זיך צעשיידט מיט מײַנע פריילעכע פרײַנט. פּראָכאָר האָט מיך באגעגנט אפ די טרעפּ און געשאָקלט מיטן קאָפּ, ווי איינער זאָגט: א הויקערדיקן וועט דער טויט אויסגלײַכן. איך האָב זיך געמאכט, ווי איך האָב ניט באמערקט זײַן איידעלן און ריכטיקן פאָרוווּרף. דאָ האָט מיך באגעגנט מײַן העלד און מיר געמאָלדן, וויפל ביכער סטעפאן אָסיפּאָוויטש האָט זיי געבראכט. דער צימער, וווהין ער האָט מיך ארײַנגעפירט, איז געווען זײַנע און טראָכימס קווארטיר און אויך א קלאס. אפ דער פּאָדלאָגע איז געשטאנען א קויש מיט ביכער פון פארשיידענער גרייס און פאָרמ און איבער אים איז, ווי א ווילדער בערקוט, געזעסן טראָכים, ער איז פארטיפט געווען אין באטראכטן די בילדער פון די היסטאָ־

רישע העלדן, וואָס זיינען לויט יאַווינסקיס מעטאָד אויסגעמאָלט געוווען אויף א קורצינקער טאַבעלע.

איך האָב אונטערוועגנס באַטראַכט די מאַטאָנע און געמאַכט א פאַסיקע באַמערקונג מיינע פריינט, וויאַזוי זיי דאַרפן זיין אויפמערקזאַם און דאַנקבאַר סטעפּאַן אָסיפּאָוויטשן פאַר אָט דער עמעסער ווערטפולער מאַטאָנע. איך האָב געענדיקט מיין רעדע מיט ווערטער פון אַן אָראַטאָר און פאַרלאָזט מיינע פריינט, זיי זאָלן טראַכטן וועגן געשעענעם, און אַליין בין איך אַרויס אויפן הויף. אויפן הויף איז שוין קיינער ניט געווען. איך בין אַריין אין הויז. איך בין פאַרבייגעגאַנגען דעם קאָרידאָר, דעם רויטן צימער און נאָך א קאָרידאָר, איך בין אַריין אין צווייטן קאָרידאָר, דערנאָך אין אַן אַנדער זאַל און אין ביידל, ערשט דאָ האָב איך געפונען די גאַנצע קאָמפּאַניע באַם טיי־טיש. דער העפלעכער באַלעבאָס האָט פאַרווײַלט זײַנע געסט מיט א טריוויאַל־הוסאַרישן אַנעקדאָט. די טיר, וואָס האָט געפירט אין קאָרידאָר מיט די געוויסע צען קעמערלעך, איז פאַרשטעלט געווען מיט א טיש. באַשטעלט מיט פאַרשיידענע זיסע זאַכן און מיט א פלאַש ווײַן. ווער־זשע האָט זיך עס דערטראַכט צו פאַרשטעלן דעם קאָרידאָר פון אומגעזעצלעכקייט? יעדנפאַלס ניט דער באַלעבאָס. ער זעט ניט אין אָט דער מיעסער דעקאָראַציע קיין שום שלעכטס, אַנדערש וואָלט ער זי שוין לאַנג פאַרניכטעט.

צווישן פאַרשיידענע זאַכן, וואָס נישט געשטויגן — נישט געפלויגן, האָט דער באַלעבאָס דערציילט איינע ווירקלעך געשעענע זאַך. מיט וואָס פאַר א טריומף מיין קאָרעווס בייז ווײַב האָט באַגעגנט איר מאַן, וואָס האָט אַזויפיל פאַרמעגן פאַרשפּילט, און ווען די פייערלעכע זידלערייען זײַנען דערגאַנגען צו דעם ווילדסטן געשריי, איז מיטאַמאָל אַרײַן אין צימער איוואַן איוואַנאָוויטש בערגאָפ, ווי מע וואָלט אים פון קרייז אַראָפּגענומען: אַן אויסגעמאַטערטער, א

צעקנייטשטער, אינ עפּעס א לאַקייִשנ קאָזאקינ, אויסגעשמירט מיט בלאָטע אונ בלוט. ער איז, פאַרשטייט איר מיכ, — האָט פאַרענדיקט דער באַלעבאָס די באַלערנדיקע פּאַסירונג,—געטראָפנ אינ א גוט אָרט, צו די אוראַלישע קאָזאקנ אינ זוועניגאָראָדקע. יענע האָבנ אים, דעמ כעוורעמאַנ, פאַר איינ טאָג אָפּגערייניקט, ווי א לינדנבוימ, אונ צומ שלוס נאָכ אָנגעבראָכנ די ביינער. אונ א מיצווע אַפ אימ! אינ א פרעמדנ מאָנאַסטיר שטופּ זיכ ניט מיט דייִנע געזעצנ.—די טראַגישע דערציילונג איז קונציק פאַרענדיקט געוואָרנ מיט א ווערטל. נאָכ טיי האָט מענ מעכאַבעד געווענ מיט קאָנפעקטנ, נאָכ די קאָנפעקטנ — מיט וועטשערע. אונ דאָ האָט זיכ דער ליבער באַלעבאָס שיר־שיר אַפנ הוסאַרישנ אויפנ ניט אָנגעטרונקענ. אָבער אַלצ האָט זיכ געענדיקט, ווי ס'באַדאַרפ צו זייִנ, מע האָט זיכ צעשיידט מיט קושנ אונ מיט פיל מאָל איבערכאַזערנ: צומ ווידערזענ.

איכ האָב באַגלייט מייִנע אַלטע פרייִנט צו דער בריטשקע, געווונטשנ זיי א גליקלעכנ וועג אונ א גוטע נאַכט. כ'האָב א קוק געטאָנ, ווי זיי זינקענ איינ אינ דער נאַכט־פינצטערניש, אונ אַליינ זיכ געלאָזט צו זיכ אינ קוואַרטיר.

דעמ צווייטנ טאָג אונ נאָכ עטלעכע טעג נאָכ אימ האָב איכ, ווי א גוטער אַרטיסט, פאַרבראַכט בא מייִנ אַרבעט. אינ רעזולטאַט פונ מייִנ אַרבעט האָט זיכ באַקומענ אַנ אַקוואַרעל בילדל, וואָס האָט פאָרגעשטעלט מייִנ העלדנ אַזוי, ווי כ'האָב זי געזענ אינ פאַווילאָנ אינ קרייִז פונ אירע אופריכטיקע כאַווערטעס. דאָס בילד האָט זיכ באַקומענ עפעקט אונ אינ זינ פונ ענלעכקייִט זייער געלונגענ.

באַזונדערס גוט האָט זיכ באַקומענ דער העלד מייִנער, וואָס האָט רויִק געדרייט די קאַטערינקע. ווענ כ'האָב געענדיקט אונ כ'האָב באַוויזנ מייִנ בילד, האָט קורנאַטאָווסקי צענ מאָל נאָכאַנאַנד זיכ געשווירנ, אַז ער האָט אַפ זייִנ לעבנ ניט געזענ קיינ שענערס,

קיין מער קינסטלערישס, — אין דעם גלייב איך זייער, ווייל אכוץ א פלאש און קאָרטן האָט ער אפ זיין לעבן מער גאָרנישט ניט געזען. אָבער קעדיי פארענדיקן מיין טריומף, האָב איך צוגעגעבן אויך זיין פאָרטרעט אין האלבן טאָן. אָט דער צוגאָב האָט געמאכט דעם געוווּנטשענעם איינדרוק. קורנאטאָווסקי איז אריין אין אן אומבאשרייבלעכער אנטציקונג: ער האָט מיך אָנגערופן אי פריינט, אי ברודער, אי כאָוועך לויט די געפילן, און צום שלוס האָט ער מיר פאָרגעלייגט טויזנט רובל. איך האָב זיך אָפּגעזאָגט, ווייל איך האָב דאָס בילד געמאכט פאר זיין פרוי און אָן שום לוין. ער האָט זיך פארטראכט איבער מיין אָנייגנגוץ: ער האָט א קוק געטאָן אפ מיר ניט ווי אפ א כאָוועך לויט די געפילן, נאָר ווי אפ א פרעמדלענדישער כייע. ער האָט זיך אויסגעייצעט מיט זיין עקאָנאָם און האָט מיר פאָרגעלייגט א בריטשקע־נעטאטשאנקע, א פאָר גוטע פערד און אן אָנטרייבער. פון דעם לעצטן האָב איך זיך אָפּגעזאָגט, און דאָס איבעריקע האָב איך מיט דאנקבארקייט צוגענומען. איך האָב שוין לאנג געהאט א געדאנק זיך קויפן אזא נייטיק מעבל אין מיין וואנדער־שטייגער. אָבער ס'האָט זיך אלץ ניט איינגעגעבן. און דאָ האָט זיך מיטאמאָל איינגעגעבן און גאָרנישט טייער. פראָכאָרן איז זייער צום הארצן געווען מיין נייע דערווערבונג, און איך האָב פון דעם געמאכט אן אויספיר, אז דער געפיל פון ליב האָבן פי איז בא אים מער פון אלץ אנטוויקלט.

— איז שוין עפשער צייט, מיר זאָלן זיך קלייבן אין וועג אריין? — האָב איך בא אים געפרעגט, נאָכדעם ווי איך האָב דאָס צענטע מאָל באטראכט מיין נייַ גוטס.

— אויב איר שפּילט נישט אין קאָרטן, איז נאָך נישט צייט, און אויב איר שפילט — איז צייט, — האָט ער געזאָגט, כיטרע שמייכלענדיק.

איך האָב אים א לויב געטאָן פאר דעם שארפזיניקן וואָרט,

און מיר האָבן באַשלאָסן טאַקע מאָרגן זיך לאָזן צו זיך אהיים און מיר האָבן וועגן דעם געמאָלדן דער גאַסטפרײַנטלעכער באַ־לעבאָסטע און דעם באַלעבאָס. און אַזױװי ס'איז געװען צו אָװנט־צו און דער װעטער איז געװען אַ גוטער, האָבן מיר באַ־שלאָסן אַלע צוזאַמען אָפּגעבן אַ װיזיט די פּרעכטעלס, און מאָרגן אונטערװעגנס — אַ װיזיט מײַנע ליבע קרויוים. איך האָב געהייסן פּראָכאָרן אָנלאָדן די בריטשקע און זיך אַליין באַװאָפענען. די באַװאָפענונג איז פּאָרגעקומען זייער גיך, און איך בין אַװעקגע־פאָרן צו די פּרעכטעלס אין מײַן אייגנטום.

װען איך האָב געמאָלדן מײַנע אַלטע פרײַנט װעגן מײַן פעסטן באַשלוס מאָרגן זיי פאַרלאָזן, האָבן זיי עס אָנגענומען פאַר אַ שפּאַס און אַפילו ניט קיין פּאַסיקן שפּאַס. זיי האָבן נאָך געמיינט, אַז איך װעל אומבאַדינגט זיך דערװאַרטן ביז זייער ליבע מאַשע װעט זיך אומקערן פון אינסטיטוט, כ'װעל אָנמאָלן איר פּאָר־טרעט און כ'װעל זיך פאָרן, װוהין כ'װעל װעלן, און אויב כ'װעל װעלן, קען איך בײַ זיי פאַרבלײַבן אַפילו דאָס גאַנצע לעבן.

— און סאַראַ אויסגעצייכנטן דײַטש איך װאָלט געמאַכט פון אײַך, — האָט געזאָגט סטעפּאַן אָסיפּאָװיטש און מיר געדריקט די האַנט.

בײַ דיר זײַנען נאָר דײַטשן אין מויעך, — האָט אים איבער־געשלאָגן סאָפיע סאַמוילאָװנע — דאָ דאַרף מען װעגן אַ זאַך רעדן, — האָט זי צוגעגעבן און זיך פאַרטראַכט.

— װעגן װאָס האָסטו זיך אַזוי שטאַרק פאַרטראַכט, מײַן אַלטע דײַטשקע? — האָט זי װייך געפרעגט סטעפּאַן אָסיפּאָװיטש.

— אָט װעגן װאָס, — האָט זי געענטפערט מיט אַ שמייכל, — איצטער איז סאָף מײַ, אין יונ װעט זײַן דער אַרױסלאָז. נעמט מיך אויך מיט זיך קיין קיִעװ, — האָט זי צוגעגעבן, װענדנדיק זיך צו מיר.

— מיט פאַרגעניגן, — האָב איך געזאָגט. איך האָב בוכשטעבלעך פאַרשטאַנען אירע ווערטער, און סטעפּאַן אָסיפּאָוויטש האָט זי איבערגעציילעמט מיט א גרויסן ציילעם. זי האָט דערופֿ א שמייכל געטאָן און אים געייצעט, ער זאָל זיך אליין איבערציילעמען, וואָס ער האָט אויסגעפּילט.

— און איצט, וואָס וועט איר באַפֿוילן? — האָט ער געפרעגט, אויסציִענדיק די הענט איבער די הויזן־נעט.

— איצט גאָרנישט, און מאָרגן גרייטן די בריטשקע און די פערד, און איבערמאָרגן וועל איך אוועקפֿאָרן קיין קיִעוו. אָט דאָס איז אייך אינקורצן, — האָט זי צוגעגעבן און א קנאַק געטאָן מיט די פינגער.

אזויארום האָב איך, לויטן ווילן פֿון סאָפֿיע סאַמוילאָוונע, אָפּגעלייגט מיין רייזע אף איבערמאָרגן. נאָכדעם האָב איך און די קורנאַטאָווסקיס געוווּנטשן די אַלטע לייט א גוטע נאַכט און מיר זיינען אוועקגעפֿאָרן צו זיך אהיים.

דער צווייטער טאָג איז אוועק אין קלויבן זיך אין וועג אריין, אין געבן אָנווייזונגען טראָכימען, וויאזוי מע דאַרף זיך באַגיין מיט פֿרעמדע מענטשן. איינאָוונט בין איך געוועזן בא מיינע אלטע פֿריינט, כ'האָב זיך דערוווּסט, וויאזוי און ווען פּינקטלעך וועלן מיר זיך לאָזן אין וועג. מע האָט באַשלאָסן ארויספֿאָרן פֿון דער היים אינדערפֿרי, קעדיי צו מיטיקן אין באָסלעוו און אף באַנאַכט אָנקומען קיין פֿאַטאָק. ווען מיר האָבן באַשלאָסן אָט דעם וויכטיקן פּונקט, האָב איך זיך צעשיידט מיט די אלטע לייט.

באַם אָוונטברויט האָב איך די קורנאַטאָווסקיס געמאָלדן וועגן אונדזער פֿעסטן באַשלוס. מיין העלדן האָט לאַנגזאַם, ווייך און האַרציק א קוק געטאָן אף מיר, און דער באַלעבאָס האָט געהייסן דערלאַנגען א פֿלאַש שאַמפּאַניער אף געזעגעניש.

די זון האָט נאָך געררוט הינטער דעם האָריזאָנט, און מיר

זייַנענ שוינ געווענ אפ די פיס. פראָכאָר האָט זיכ געפּאָרעט לעבנ
דער בריטשקע אונ לעבנ די פערד; דער העלד מייַנער צוזאמענ
מיט טראָכימענ — לעבנ טשעמאָדאנ אונ קוישלעכ מיט פירעזשקעס
אונ נאָכ אזא גוטס, אונ איכ האָב גאָרנישט גיט געטאָנ. אז
אלצ איז געווענ פארטיק אונ פראָכאָר איז פייַערלעכ ארופ אפ
די קאָזלעס, בינ איכ ארויס אינ הויפ, זיכ איבערגעציילעמט, אונ
די פראָצעסיע האָט זיכ אָנגעהויבנ רירנ. נאָכ דער בריטשקע איז
נאָכגעגאנגענ טראָכימ מיט מייַנ שטעקנ אונ מיטנ פּאָרטפעל אינ
דער האנט, נאָכ טראָכימענ זייַנענ מיר מיטנ העלד מייַנעמ גע־
גאנגענ געאָרעמט. אינ אזא אָרדענונג זייַנענ מיר דורכ דעמ הויפ
אונ א טייל פונ דער טאָפּאָל־אלייע; דאָ איז די אָרדענונג פונ
גייַנ צעשטערט געוואָרנ דורכ דעמ פלוצעמדיקנ קומענ פונ מייַנ
שיינער העלענע. ווי א העלע זונ האָט זי זיכ פאר אונדז באוויזנ
אונ באלויכטנ אונדזער טונקעלע פראָצעסיע. אָבער אָט די העלע
שייַנ איז אינ איינ אויגנבליק פארשווונדנ געוואָרנ: זי האָט
טרויעריק אראָפּגעלאָזט איר שיינ קעפל אפ דער ברוסט אונ
שווייַגנדיק געגומענ גיינ צווישנ מיר אונ איר ברודער, אונ ווענ
די בריטשקע איז ארויס פונ דער אלייע, גענומענ רעכטס אונ
פארשווונדנ הינטער דיביימער, האָט זי זיכ אָפּגעשטעלט, אפגיכ
א כאפ געטאָנ מייַנ האנט אונ זי צוגעטראָגנ צו אירע ליפנ. איכ
האָב ניט באוויזנ זיכ ארומקוקנ, אונ זי האָט זיכ שוינ געטראָגנ,
לייַכטער ווי א גאזעל, איבער דער אלייע צומ הויז־צו. איכ האָב
א קוק געטאָנ אפ מייַנ שמייכלענדיקנ באגלייטער אונ ניט גע־
ווּסט, וואָס צו זאָגנ דערופ.

— זי וועט קומענ זיכ געזעגענענ מיט אייַכ, סאָפיע סאמוי־
לאָווּנע, — האָט ער פאָשעט א זאָג געטאָנ, אונ מיר זייַנענ שווייַגנ־
דיק אוועק נאָכ דער בריטשקע.

הינטער דעמ דאָרפ איז צו אונדזער פראָצעסיע צוגעשטאנענ

מײַן אלטער באקאנטער, דער אלטער צארענע־היטער. און װען מיר האָבן זיך אַרײַנגעזעצט אין ברישקע, האָט זיך פּראָכאָר געזעגנט מיט זײַן כאװער און אים געזאָגט:

— איז זע מאכ עס!

— גוט! — האָט יענער געענטפערט, און אונדזער ברישקע האָט זיך גענומען קײַקלען איבערן װעג. א שטילקײַט האָט גע־הערשט איבער אונדזז ביזן סאַמע כוטער.

אפן כוטער האָבן טעלעמאַן און באװקידא זיך געייסעקט ארום זייער טייװע, ד. ה. לעבן דער בריטשקע אָדער, ריכטיקער געזאָגט, ארום דעם פארמאכטן פורגאָן. די װײַספּענעמדיקע פּא־ראסקע האָט פון שטוב ארויסגעטראָגן װאָרעטשיקלעך, זעקעלעך, קוישעלעך און דאָס אלץ איבערגעגעבן סטעפּאן אָסיפּאָװיטשן, און ער האָט אופמערקזאם באטראכט יעדע דערלאנגטע זאכ, פּאָרזיכ־טיק זי איבערגעגעבן סאָפיע סאמוילאָװנען, יענע האָט עס אויכ באטראכט, דערנאָך שוין אװעקגעלייגט אפן אָרט.

— גאָט העלף! — האָב איך געזאָגט, צוגייענדיקן צו דער ברישקע.

— גוט מאָרגן! — האָט מיר געענטפערט סטעפּאן אָסיפּאָװיטש מיט א שמייכל.

אין דער זעלבער צײַט האָט מען פון שטוב ארויסגעטראָגן קישנס און גרויסע פּערענעס, און װען אָט דאָס גוטס איז אויכ אַרײַנגעשטופּט געװאָרן אין דער טייװע, האָט סטעפּאן אָסיפּאָ־װיטש אראָפּגענומען זײַן װײַס היטל, זיך איבערגעציילעמט און געזאָגט: א דאנק דיר, גאָט!

— און דעם טעפּיכ האָט מען, ליבינקער, פארגעסן, — האָט געזאָגט סאָפיע סאמוילאָװנע, ארויסקוקנדיק פון פורגאָן.

מע האָט ארויסגעטראָגן דעם טעפּיכ.

— איצטער אלץ, ליבינקע? — האָט געזאָגט סטעפּאן אָסיפּאָװיטש,

— — אלצ! — האָט געענטפערט סאָפיע סאמוילאָװנע.

— נאָכאמאָל אדאנק דיר, גאָט! און... — דער אלטער האָט נאָכ עפעס געװאָלט זאָגנ, אָבער ער האָט ניט באװיזנ: אינ דער זעלבער צײַט זײַנענ צו אונדז צוגעגאנגענ די קורנאטאָװסקיס. זײער עקיפאזש האָבנ זײ געלאָזט הינטערנ טויער.

נאָכ געמײנזאמע באגריסונגענ און קושנ האָט דער גאנצער קאָמיטעט באטראכט די טײווע. נאָכ דעם באפרידיקנדיקנ באקוק האָט די באלעבאָסטע פאָרגעלײגט קאװע און א לײַכטינקנ פרישטיק, װאָס איז באשטאנענ פונ א געפרעגלטער אינדיטשקע, א טוצ יונגע אויפעלעכ און פארשײדנ גרינס. באַם פרישטיק האָט סטעפאנ אָסיפאָװיטש געבעטנ דעם העלד מײַנעמ און זײַנ פראָפעסאָר זײַנ זײַנע באשטענדיקע געסט, ביז ס'װעט קומענ די יונגע באלעבאָסטע. אויכ סאָפיע סאמוילאָװנע האָט זיכ געװענדעט צו זײ מיט א ביטע, זײ זאָלנ אָפהיטנ איר אלטנ דײַטש, און דער װײַספענעמדיקער פאראסקע האָט זי אָנגעזאָגט, זי זאָל זענ, אז די געסט זאָלנ אָנ איר דאָ ניט הונגערנ, װײַל אנדערש װעט זי איר פונ קיִעװ ברענגענ א פײַג, און נישט קײנ מאטאָנע.

— דו װײסט דאָכ, װאָס ער איז, — האָט זי צוגעגעבנ, אָנװײַזנדיק אפ סטעפאנ אָסיפאָװיטשנ, — פונ זײַנעטװעגנ זאָל דער װאָלפ אפילע גראָז עסנ, אימ איז אלצײנס. דו גיב אימ נאָר פלײש, און אנדערע זאָלנ אפילע פונ הונגער שטארבנ, ער װעט װעגנ אנדערע אפילע קײנ טראכט ניט טאָנ. איכ האָב אימ שוינ, — האָט זי געזאָגט, װענדנדיק זיכ צו די געסט, — צוגעװוינט אביסל צו פיש, און פריִער האָט ער ניט געװוסט ניט פונ קײנ מיטװאָכ און ניט פונ קײנ פרײַטיק: אנ עמעסער טאָט... — און אפ אָט דעם „טאָט” האָט זי זיכ אָפגעשטעלט און װײכ א קוק געטאָנ אפ איר שמײכלענדיקנ טעלעמאָנ, װי זי װאָלט געבעטנ אנטשולדיקונג פאר אזא ניט־קריסטלעכע פארגלײַכונג!

נאָך דער קאווע און אזויגערופענעם לײַכטן פרישטיק האָבן מיר אָפּגעזאָגט א טפילע, אפּ א מינוט זיך צוגעזעצט לויטן אָנגענומענעם מינהעג, נאָכאמאָל אָפּגעזאָגט א טפילע און אוועק יעדער אפּ זײַן אָרט. די קורנאטאָווסקיס האָבן ארויסגעזאָגט זייער ווילן אונדז באגלייטן ביז שענדעריווקע, וואָס האָט מיך זייער געפרייט. קורנאטאָווסקי, ווי אן עמעסער קאוואלעריסט, איז אוועקגעפאָרן רײַטנדיק. איך האָב פארנומען זײַן אָרט אין בריטשקע לעבן דער שיינער העלענע.

ביזן סאמע אָרט פון צעשיידן זיך האָט די שיינע העלענע גאָרנישט ניט געזאָגט. איך האָב אויך געשוויגן. מיר זײַנען זייער ענלעך געווען אפּ כאָסן־קאלע, וואָס פאָרן צו דער כופּע לויטן ווילן פון זייערע עלטערן.

ענדלעך איז געקומען די סצענע פון שיידונג. מײַן העלדן האָט שווײַגנדיק מיר א דריק געטאָן די האנט און קוים ארויס־גערעדט: א דאנק אײַך פארן ברודער. דער ראָטמיסטער איז נישט אראָפּגעקראָכן פונעם פערד, ער האָט מיר אויך א דריק געטאָן די האנט און געדאנקט פאר עפּעס א טויווע. סטעפּאן אָסיפּאָוויטש האָט מיר די האנט געדריקט און געבעטן היטן זײַן גוטע אלטע דײַטשקע. און אפּ דעם האָבן מיר זיך צעשיידט.

XII

דער העלד מײַנער איז נישט אזוי פּאָשעט, ווי איך האָב זיך פאָרגעשטעלט. ער האָט פארשטאנען, אז דאָס נעכטיקן אין פּאָ־טאָק, וואָס מיר האָבן זיך פאָרגענומען, וועט ניט קענען פאָרקו־מען איבער דעם אזויגערופענעם לײַכטן פרישטיק און ביכלאל איבער דעם צעשיידן זיך. נעמענדיק אין אכט דאָס אלץ, האָט ער אומבאמערקט אונדז איבערגעיאָגט, נישט אָפּגעשטעלט זיך אין

שענדעריווקע, זיכ געלאָזט ווייַטער קיינ באָסלעוו מיטנ געדאנק, וואָס האָט געקענט מאכנ ערע אוועלכנ ניט איז לעמפערט, מיטנ געדאנק צוגרייטנ א קווארטיר פאר סאָפיע סאמוילאָוונע. ווי געפעלט אייַכ אָט דער מאטראָס! די זונ האָט זיכ שוינ אראָפגעלאָזט הינטערנ האָריזאָנט, ווענ ער מיט זייַנ פראָפעסאָר האָבנ אונדז באגעגנט אפ יענער זייַט ראָס אונ אונדז באגלייט אינ דער צוגעגרייטער קווארטיר. סאָפיע סאמוילאָוונע איז ביז טרערנ גערירט געוועזנ פונ אָט דער אומדערווארטער פרייַנטשאפט. דער העלד מייַנער איז אינ די אויגנ פונ סאָפיע סאמוילאָוונע שטענדיק געוועזנ אנ אויסערגעוויינלעכער מענטש, אונ איצטער איז ער געוואָרנ אויכ א מענטש א וועלטלעכער: אינ די אויגנ פונ א פרוי איז דאָס די העכסטע שטופע פונ אלערליי אופטועג. אלצ איז גוט געוועזנ. אָבער ס'האָט זיכ געטראָפנ אָט וואָס: ווי נאָר סאָפיע סאמוילאָוונע האָט זיכ באוויזנ אפ דער גאס לעבנ דער קווארטיר, האָט זי ארומגערינגלט א געדיכטער אוילעמ מעקלערס אונ האָט זי קימאט אפ די הענט ארייַנגעטראָגנ אינ צימער. זי האָט זיכ, נעבעכ, אזוי פארלוירנ פונ אָט דער צופעליקייַט, אז זי האָט קיינ וואָרט ניט געקענט אויסריידנ אונ אלצ זיכ אָפגעפאָכעט מיט דעמ נאָזטיכל פונ זיי, ווי פונ פליגנ. אָבער אָט דאָס באשיידענע מיטל האָט ניט געהאָלפנ: זיי האָבנ אפילע ניט געטראכט זי לאָזנ צורו. האָט זי דאנ א כאפ געטאָנ מיט ביידע הענט איר שטארק גרויסנ רידיקול אונ גענומענ זיכ דורכלייגנ א וועג צוריק צו איר טייווע. איכ האָב זיכ ארייַנגעמישט אונ מיט דער הילפ פונ דעמ סעוואסטאָפאָלער העלד האָב איכ צעטריבנ דעמ אוילעמ אונ אייַנגערעדט סאָפיע סאמוילאָוונע, זי זאָל זיכ אומקערנ אינ צימער, אונ אפנ פאל פונ א פלוצעמדיקנ אָנפאל האָב איכ אוועקגעשטעלט בא דער טיר דעמ בראוונ טראָכימ.

אפֿן צווייטן אינדערפֿרי, נאָכדעם ווי מיר האָבן צוזאמענגעפּאַקט אונדזערע זאַכן, האָבן מיר געזעגנט זיך מיטן פֿאַטער, און מיט די שוועסטער, און מיט אַלע אַנדערע בעלי־בתים, און די באַלעבאָסטע האָט אונדז נאָך מיטגעגעבן צום דערנאָך.

פֿון באָסלעוו דורך ראַסאָווע און פּאָטאָק זײַנען מיר אפֿן צווייטן טאָג בעשאָלעם געקומען קיין טריפּאָליע, און פֿון טריפּאָליע און איבערן דניעפּער זײַנען מיר מיט א געדיכטן וואַלד געקומען אפֿן צווייטן טאָג קיין קיִעוו, און אויך בעשאָלעם. מע האָט געקענט דעם דאָזיקן וועג מאַכן אין דרײַ טעג, נאָר מיר, אַלס גוטע באַלעבאַטים, האָבן מיר געזשאַלעוועט די פֿערד, און ווי מענטשן, וואָס זײַנען ניט גלײַכגילטיק צו די שיינקייטן פֿון דער נאַטור, האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט אָנפֿאַסן די פֿערד לעבן א טײַכל אָדער אפֿ א ברייטער לאָנקע לעבן דניעפּער, וואָס האָט זיך ווי ניט אומיסטן ארײַנגעשניטן אין געדיכטן וואַלד. און ביז סאָפֿיע סאַמוילאָוונע מיט פֿראָכאָרן האָבן זיך געפּאָרעט מיטן קאַווע־טשײַניק, האָב איך געמאָלט א סאָסנע אָדער א בערעזע, און די פֿערד האָבן פֿארטראַכטערהייט געשטשיפּעט דאָס גראָז און געפּאָכט מיט די וויידלען. מיט איין וואָרט, מיר האָבן געמאַכט א רײַזע, ווי ס'דאַרפֿן טאָן אַלע לײַטישע מענטשן. אפֿן לעצטן אָרט, ווו מיר האָבן געפֿאַסעט די פֿערד, האָב איך אָנגעמאָלט א גרויסע סאָסנעס און צוליבן מאַסשטאַב וועגן — א פֿערד, וואָס פֿאַסעט זיך. סאָפֿיע סאַמוילאָוונע האָט געקאָכט קאַווע און צופֿעליק האָט זי עפּעס מיט פֿראָכאָרן פֿארפֿירט א שמועס וועגן דער פֿאַנע דאָראָטע און וועגן דעם אַלטן קורנאַטאָווסקין. איך האָב אָנגעשטעלט די אויערן, און דעם בלײַער האָב איך סטאַם אַזוי געהאַלטן אין דער האַנט, און אין מעשעך פֿון איין האַלבער שאָ האָב איך זיך דערוווּסט די גאַנצע מיִעסע געשיכטע פֿון אַלטן באַלטײַוועניק און די רירנדיקע טרויעריקע געשיכטע פֿון דער

אומגליקלעכער פּאָנע דאָראָטע, א געשיכטע וואָס איז צום באַ־דויערן, א גאַנץ געוויינלעכע אפילו אין אונדזער צײַט.

בײַ א געלעגנהײַט וועל איך נאָך דערציילן מײַנע געדולדיקע לייענער אָט די טיפע טרויעריקע און באַלערנדיקע געשיכטע, און אויב ס'וועט זיך מיר אײַנגעבן, וועל איך זי דערציילן מיט פּראָ־כאָרס ווערטער. און איצטער וועל איך דערציילן וועגן סאָפיע סאַמוילאָוונעס זײַן אין קיִעוו.

מײַן קוואַרטיר אין קיִעוו איז געווען פּונקט אַנטקעגן דעם אינסטיטוט. ניט אף קרעשטשאַטיק, נאָר אויפן באַרג. איך האָב פאַרגעלייגט סאָפיע סאַמוילאָוונען זיך באַזעצן אין מײַן קוואַרטיר, און אליין האָב איך זיך צײַטווײַליק באַזעצט אין טראַקטיר, אָבער ניט בײַ די וואַסערן, נאָר אף קרעשטשאַטיק, אין הויז פון אַרכי־טעקטאָר בערעטי. אין דעם זעלבן טאָג האָב איך מיט דער הילף פון גוטע מענטשן צוגעשטעלט מײַן באַגלייטערן א ריינע, באַ־שיידענע און פלינקע דינסט מאַרינע, וואָס האָט איר אינ־גאַנצן פאַרביטן די ווײַספּענעמדיקע פּאַראַסקע. אַז מיר האָבן אַלץ אײַנגעאָרדנט, ווי ס'באַדאַרף צו זײַן, האָבן מיר זיך געהאַלטן אַן אייצע, צי זאָלן מיר באַזוכן מאַשען אין אינסטיטוט, אָדער אָפּ־וואַרטן די עקזאַמענעס און שוין קומען גלײַך אפן אַקט. ווי א קלוגע און צאַרטע מאַמע, האָט זי זיך אָפּגעזאָגט פון דער פרייד א קוש טאָן איר איין־און אײנציק קינד פאַרן עקזאַמען, קעדיי ניט צעשטערײַטן עס און ניט שטערן דעם אינעם טאָג פון עם אויספּרווו.

וואַרטנדיק אף אָט דעם גליקלעכן טאָג, האָב איך דערווײַל פאַרווײַלט מײַן גאַסט, מיט וואָס כ'האָב נאָר געקענט און וויאַזוי כ'האָב געקענט: זי מעכאַבעד געווען מיט שפּאַצירן אין די קלויסטערס און מאָנאַסטירן, צוויי מאָל געפירט זי קיין קין־גרוסט, כ'האָב זי שוין אפילו אָנגעהויבן באַקענען מיט די געהיימניסן פון קיִעווער אַלטערטימער, און פלוצעם האָט זיך צעטראָגן א

קלאַנג וועגן ארויסלאָז־אקט און באַל אין אינסטיטוט, ווו ס'וועלן זיך עפנטלעך באווייַזן די צוקונפטיקע פּאַנטערעס און לייבן.

איך געדענק נישט, איבער וואָס איך האָב נישט געקענט באגלייטן מייַן גאסט אפ אָט דער הויכער פייַערונג און זען איר שיינהייַט מאשע אין די קריטישע מינוטן פון גרויסן פרווו.

אפן צווייטן טאָג האָב איך זי שוין געזען אין די אָרעמס פון דער גליקלעכער מוטער.

דאָס איז געווען א יונגע, שלאנקע, ווי א געשטרויך פון א טאָפּאָל, א בייגעוודיקע, שיינע ברונעטקע, מיט א מאטעוון פּאָנעם און מיט גרויסע קלוגע שווארצע אויגן. אין א האלבער שאָ ארום זייַנען מיר שוין געווען היימישע מענטשן, און צו דער אומבאשרייַבלעכער אנטציקונג פון דער מוטער האָבן מיר צוזאמען געזונגען אן אוקראַיִנישע ליד:

אופגעגאנגען איז דער שטערן,
ס'האָט זיך אָבער ניט אויסגעשטערנט.
געקומען איז מייַן פרייַנט פון קריג.
ניט באוויזן אים אָנקוקן און אויסצוהערן.

זי האָט געהאט א גלענצנדיקן באריטאָן, וואָס האָט מיר אין אָנהייב אויסגעזען אביסל צו גראָב פאר איר עלטער. איך האָב זי דאָ אפן אָרט געקרוינט מיטן באוווסטן נאָמען אלבאָני. ס'איז אריבער נאָך א האלבע שאָ, און מיר האָבן שוין פארגעטערט איינס דעם צווייטן. זי האָט מיר, דעם פארגעטערטן און פארגעטערער, דערציילט, פארשטייט זיך, בעסאָד, וועמען פון די לערער האָבן אלע מיידלעך פארגעטערט, און וועמען — נאָר אייניקע, און דעם לערער פון מינעראלאָגיע פ., לעמאָשל, האָבן די מיידלעך אָנגערופן העגדלער דערפאר, וואָס ער פלעג אפ דער לעקציע קומען מיט א קעסטעלע, און דעם אינספעקטאָר אי., —

האָט זי פאַרענדיקט איר קינדערשע ווידע, — האָט קיין איין מיידל ניט פאַרגעטערט, ווײַל ער האָט קעציש איגגנ.

אז מיר האָבן זיך אָפּגעסוידעט וועגן די וויכטיקסטע איניאָ־נים, האָב איך איר, אויך בעסאָד, דערציילט די געשיכטע וועגן זײַן צויבערדיקער שוועסטער.

זי האָט אופמערקזאַם אויסגעהערט מײַן דערציילונג, און וואָס כ'האָב נישט דערוואַרט פון איר עלטער, זי האָט דערנאָך זיך שטאַרק פאַרטראַכט. איך האָב זיך אויך פאַרטראַכט. איך האָב געקוקט אַף איר און באַ זיך געפרעגט, צי פאַרפאַסט זי ניט איצטער אַ פּאָעמע אַף אָט דער הויכער טעמע, ווי איך האָב עס פאַרפאַסט. און פאַרוואָס דען נישט? איר אומשולדיקער נעשאָמע איז עס צוטריטלעכער, איידער אַ פּראָפּעסיאָנעלן פּאָעט.

— סאַראַ וואונדערבאַרער, סאַראַ אָרנטלעכער ברודער! — האָט זי אַ זאָג געטאָן און האָט קוים אײַנגעהאַלטן די טרערן. — מאַ־מע! — האָט זי געזאָגט צו דער מוטער — און ווען וועלן מיר אהיים פאָרן?

— ווען מיר וועלן אָפּפאַסטן, מײַן האַרץ, דאַן וועלן מיר אהיים פאָרן, — האָט געענטפערט סאָפיע סאמוילאָוונע און געקושט איר פאַרטראַכט קינד. — וואָס ביסטו עס אַזוי אומעטיק, מײַן פייגעלע, פישעלע מײַנס רויטפעדערדיקס? דו בענקסט נאָכן טאַטן? בענק נישט, נעשאָמע מײַנע, גיך, גיך וועסטו אים שוין זען.

אַף אָט די צאַרטע ווערטער פון דער מוטער האָט זי פאַר־טראַכטערהייט אַ זיפץ געטאָן.

— וואָס האָט איר מיט איר געטאָן? — האָט מיך געפרעגט סאָפיע סאמוילאָוונע.

— זיי האָבן מיר דערציילט די געשיכטע וועגן מאַטראָס.

— וועגן אונדזער שאַכנ? וועגן אָסיפ פיאָדאָראָוויטשן? — האָט איבערגעריסן סאָפיע סאמוילאָוונע, און זי האָט באַגײַסטערט

איבערגעכאַזערט מײַנ דערציילונג מיט אַזאַ האַרציקער, שיינער שפּראַכ, אַז איכ האָב זי געהערט, אַזויווי כ'וואָלט קיינמאָל ניט געהערט וועגנ דעמ געשעענעמ. זי האָט אינ מײַנ העלד געפונענ אַזויפיל ראָמאַנטישע שיינקײַטנ, וועגנ וועלכע איכ האָב קיינ אַנונג ניט געהאַט. לעמאָשל, מיר איז אינ קאָפּ ניט אײַנגעפאַלנ, אַז דער העלד מײַנער קאָנ אַזוי גוט ריידנ, און לויט סאָפיע סאַמוילאָוונעס ווערטער איז ער אַנ עמעסער זלאַטאָוסט, האָט אַ גאָלדענעמ לאָשנ.

די דערציילונג וועגנ פאַרגעטערטנ מאַטראָס און וועגנ זײַנ שוועסטער האָט זיכ איבערגעכאַזערט יעדנ טאָג מיט נײַע וואַריאַציעס. איכ האָב אָנגעהויבנ מוירע האָבנ, אַז דער העלד מײַנער זאָל פונ אָט די אָפּטע איבערכאַזערונגענ ניט געמיינ ווערנ אינ דער פאַנטאַזיע פונ זײַנ הייסער פאַרערערנ. אָבער מײַנ מוירע איז געווענ אומזיסט. אינ דער לעצטער נאַכט פאַרנ אַוועקפאָרנ פונ קיִעוו האָט זי אימ שוינ אינ כאָלעמ געזענ אַ שיינעמ, אַ צויבערהאַפטנ.

מײַנע שיינע פרײַנדנס האָבנ אָפּגעדינט אַ גאָטדינסט דער גרויסער לײַדנדער וואַרוואַרע און אינ איינעמ אַ שיינעמ פרימאָרגנ זיכ פאַרפּשאַרט אינ זייער טייווע און זיכ געלאָזט אַהיימ. איכ האָב זיי באַגלייט ביז צו דעמ אָרט, ווו כ'האָב געמאָלט די אַלטע סאָסנעס און ווו כ'האָב געהערט פונ פראָכאָרנ די ריִרנדיקע געשיכטע וועגנ דער פּאַנע דאָראָטע און וועגנ דעמ אַלטנ זינדיקנ קורנאַטאָווסקינ. באַמ געזעגענענ זיכ האָט סאָפיע סאַמוילאָוונע מיכ געבעטנ, איכ זאָל אינ קיִעוו פאַר איר מאַשענקענ צוזוכנ אַ פּאָרטעפּיאַנאָ און ביזווינטער די פּיאַנע איבערשיקנ אָפנ כוטער. איכ האָב עס באַוויזנ אויספילנ און זייער געלונגענ.

אינ קיִעוו האָט זיכ מיר ניט געוואָלט בלײַבנ. איכ האָב זיכ אויסגעצײַטעט מיט פראָכאָרנ, און אינ אַ שיינעמ פרימאָרגנ האָב איכ צוזאַמענ מיט פראָכאָרנ פאַרלאָזט די שטאָט.

אויסגעצייכנט איז די לאגע פונ א מענטשנ, וואָס הענגט ניט אָפּ פונ קיינעמ. דו פאָרסט זיכ, ווּהינ דו ווילסט אינ דיינ בריטשקע, אפ דיינע אייגענע פערד, דו שטעלסט זיכ אָפּ, ווּ דו ווילסט, דו מאָלסט דיר אָנ, וואָס דיר געפעלט, אונ פאָרסט דיר ווייטער. א צויבערדיקע לאגע! אונ וויפל איז פאראנ אזעלכע ניט אָפּהענגיקע גליקלעכע מענטשנ אפ דער וועלט, וואָס וויסנ אפילע ניט וועגנ זייער אומאָפּהענגיקייט. אָרעמע, נעבעכדיקע קנעכט פונ זייערע שמאָלינקע ליידנשאפטלעכע אונ איידל פארטראכטע נויטנ!

איכ האָב אויסגעמאָסטנ אינ דער ברייט אונ אינ דער לענג גאנצ וואָלינ אינ פּאָדאָליע, אינ זשיטאָמיר האָב איכ אָפּגעוואַרט די הארבסטיקע בלאָטע אונ האָב זיכ בעשאָלעמ אומגעקערט קיינ קיִעוו.

פונ זשיטאָמיר האָב איכ סטעפאנ אָסיפּאָוויטשנ אוועקגעשיקט א פעקל גאָרטנ-אונ סאָד-זוימענ, וואָס איכ האָב צונויפגעקליבנ בא די וואָלינער אונ פּאָדאָליער אגראָנאָמענ, אונ פאר די יונגע פריינט מיינע האָב איכ געשיקט א העפטל אוקראַאינישע לידער, וועלכע איכ האָב אופגעשריבנ בא די וואָלינער אונ פּאָדאָליער איינוווינער. אונ נאָכ מיינ קומענ קיינ קיִעוו אינ א וואָכ צוויי ארומ האָב איכ פונ סטעפאנ אָסיפּאָוויטשנ באקומענ א בריוו מיט אזא אינהאלט:

„ליבער אונ אומפארגעסלעכער לאנדסמאנ!

פריִער פאר אלצ וווּנדערט זיכ נישט, וואָס איכ רופ אייכ אָנ לאנדסמאנ. ביז אהער בינ איכ אליינ זיכער געווענ, אז איכ בינ אנ עמעסער דייטש, אונ ס'האָט זיכ אויסגעלאָזט, אז איכ בינ פּונקט אזא דייטש, ווי איר, ד. ה. אנ עמעסער אוקראַאינער. אונ ווייסט איר וועמענ איכ דארפ דאנקענ פאר אָט דער דערפינדונג? פריִער פאר אלצ אייכ, ד.ה. אייער פּאָרטעפּיאנאָ אונ דעמ העפטל אוקראַאינישע לידער, דערנאָכ מיינ מאשענ אונ אייער פריינדנ דער קורנאטאָווסקע אונ אויכ

מײַנ אלטער. אָבער אײנ מינוט געדולד איכ װעל אײַכ, אלצ דער־
ציילנ לויט א סיידער. פונ דעמ ערשטנ װיזיט האָט זיכ מײַנ
מאשע אײַנגעליבט אינ אײַער פרײַנדנ ביז פארגעטערונג, װי זי
האָט זיכ אליינ אויסגעדריקט. איכ אונ סאָניטשקע האָבנ זיכ זיי־
ער געפרייט איבער זייער דערנעענטערונג. ס׳גייט אריבער א
װאָכ, צװיי, אונ די נײַע פרײַנט צעשיידנ זיכ נישט, װי קאסטאָר
אונ פאָלוקס. אָבער מיר האָבנ באמערקט, פריִער סאָניטשקע, דער־
נאָכ איכ, אז די ניט צעשיידבארע פרײַנט לייענענ בעסאָד פונ
אונדז עפּעס א ביכל. דאָס איז אונדז ניט געפעלנ. איכ האָב אָנגע־
הויבנ אופמערקזאמער נאָכשפּירנ נאָכ דער אופירונג פונ די פרײַנט,
אונ אינ איינעמ א פרימאָרגנ האָב איכ אָנגעטראָפנ אָט די פרײַנדנס,
װאָס זײַנענ געזעסנ אונטער א לינדנבוימ. — װאָס פאר א ביכל
האָסטו עס באהאלטנ אינ קעשענע ? — פרעג איכ מײַנע. — כ׳װעל
ניט װײַזנ, — זאָגט זי. אונ די פרײַנדנ אײַערע איז שטארק רויט
געװאָרנ. איכ האָב לעבנ מײַנער געמאכט א קונציקנ דריי אונ
ארויסגעכאפּט דאָס ביכל פונ קעשענע. שטעלט זיכ פאָר מײַנ פאר־
װוּנדערונג! אָנשטאָט א געמיינעמ ראָמאנ איז בא מיר אינ האנט
געװענ א דײַטשישע גראמאטיק. — נארעלעכ! — זאָג איכ זיי, — פאר־
װאָס־זשע באהאלט איר זיכ מיט אָט דעמ גוטס ? — העלענע, — זאָגט
מײַנ מאשע, — האָט געװאָלט אײַכ א סיורפּריז מאכנ. אונ מיטאמאָל
מיט אײַכ א רעד טאָנ אפ דײַטש, — װי געפעלנ אײַכ די דאָזיקע
שטיפערנס ! דערנאָכ האָט זיכ מײַנע מיר אופגעהאנגענ אפנ האלדז
אונ בעט מיכ, איכ זאָל אויסלערנענ העלענענ דײַטש אונ זי
װעט זי אויסלערנענ פראנצויזיש. איכ האָב, פארשטייט זיכ,
זיכ גערנ גענומענ פאר אָט דער הייליקער ארבעט, אונ נאָכ־
מער גערנ דערפאר, װאָס איכ, אלטער נאר, האָב זיכ פאָרגע־
שטעלט, אז איכ בינ ארומגערינגלט פונ דײַטשקעס מיט שילערנ
אינ דער האנט. אונ סארא װוּנדערבארע פייִקייטנ פארמאָגט

אײַערע פרײַנדנ! די פּאָרטעפּיאַנאָ האָט קאַליע געמאַכט די גאַנצע זאַכ, ד. ה. נישט אַלצ, דער דײַטש אונ דער פראַנצויז גײט זיכ לויט זײער סײדער, אָבער איכ האָב זיכ שטאַרק באַנאַרישט. אָנשטאָט צו לײענענ שילערנ אונ געטענ, זינג איכ אוקראַיִנישע לידער אונטער דעמ אַקאָמפּאַנימענט פונ פּאָרטעפּיאַנאָ אונ טופּע נאָכ צו מיט די פיס. אָט וואָס פונ מיר האָבנ געמאַכט אײַערע אוקראַיִנערנס! איכ האָב געפּרוווט באַהאַלטנ דעמ שליסל פונ אינסטרומענט אונ פאַרגעבנ גרויסע לעקציעס — ס'האָט גאָרנישט ניט געהאָלפנ. אינ א האַלבער שאָ אַרומ איז די לעקציע געמאַכט געווענ, אונ לויטנ אָפּמאַכ מוז דער אינסטרומענט געעפנט ווערנ. אָט סאַראַ אומשטאַנדנ! אונ דעמ ראָטמיסטער קורנאַטאָווסקינ וואָלט איר איצטער ניט דערקענט. אַנ עמעס שעפּעלע. ער שרײַבט אויס פונ פּעטערבורג א ראָיאַל פאַר זײַנ געליבטער העלענע. אונ איר שיקט מיר צו נאָכ א העפטל אוקראַיִנישע לידער אונ אויב ס'איז מעגלעכ מיט נאָטנ. אַפּ יאָנטעוו וועלנ צו אונדז קומענ צו גאַסט דער העלד אײַערער אונ זײַנ געלערנטער פּראָפעסאָר. קומט איר אויכ מיט פּראָכאָרנ, אונ דערווײַל קושנ אײַכ אײַערע אוקראַיִנערנס אונ מײַנע צוקונפטיקע דײַטשקעס אונ אויכ איכ.

זײַט געזונט. איכ דאַנק אײַכ פאַרנ פּעקל פונ זשיטאָמיר.

פּ. ס.

די פּאַנע דאָראָטע — צומ באַדויערנ! זי האָט ניט אויסגעהאַלטנ, נעבעכ, זי איז אינגאַנצנ דול געוואָרנ. אונ, גאָטעניו, ווי נעבעכדיק זי איז! איכ האָב אַפּ מײַנ לעבנ ניט געזענ אַזאַ נעבעכדיקנ סוביעקט. איר דולקײַט איז א שטילע, א רויִקע אונ דערפאַר טאַקע טרויעריקער אונ האָפּענונגלאָזער. אָט דער סאַמ איז נאָכ אינ די יונגע יאָרנ ארײַנ אינ איר צאַרטנ אָרגאַניזמ, אינ איר באַשײדענער אומשולדיקער נעשאָמע. אונ גאָט ווײס, ווענ ס'וועט א סאָפּ נעמענ צו אָט דעמ ביטערנ לעבנ אירנ. זי

קען נאָך אָפּלעבן נאָך עטלעכע יאָרן: אין דער געשיכטע פון נערוון־קראַנקייטן זײַנען אַזעלכע בײַשפּילן ניט זעלטן. וואָס האָט באַדאַרפט זײַן אָט דער מענטש, וואָס האָט באַשלאָסן צו פאַר־פעסטן די דאָזיקע נעשאָמע אין דער זעלבער צײַט, ווען זי האָט נאָרוואָס אָנגעהויבן צו באַנעמען די שיינקײַט און דעם צויבער פון לעבן! א שרעקלעכער אומבאַשטראָפטער פאַרברעכן!

אָבער איך האָב זיך פאַרעדט מיט אײַך. די קינדער האָבן געענדיקט דאָס פאַרגעבענע און פאָדערן דעם שליסל פון דעם אינסטרומענט. כ'וועל גיין! פאַרגעסט נישט אײַער אַלטן לאַנדס־מאַן און מײַנע צוקופנטיקע דײַטשקעס. נאָכאַמאָל זײַט געזונט!"

און אַזוי ווײַטער...

איך האָב א גוטע געוווינהײַט באַלד ענטפערן אַפּ א בריוו, וואָס איך באַקום. אונטער דער ווירקונג פון די איבערגעלייענטע ידיעס, וועלכע זיי זאָלן ניט זײַן, שרײַבט זיך עפּעס גרינגער. דו פילסט נישט די אַרבעט, דו באַמערקסט נישט אָט די שווערע מי, וואָס איז צונויפגעבונדן מיטן פאַרשפּעטיקטן ענטפער, ווי מע מוז זיך שוין אַנטשולדיקן, און אָפט אויך זאָגן א ליגן, און אָט דאָס איז פאַר מיר ערגער, ווי דער טויט. אומשולדיקסטער ליגן זעט אויס אין מײַנע אויגן, ווי א קרימענעלער פאַרברעכן. אָט וויאַזוי איך האָב אָנגעהויבן מײַן בריוו:

„מײַן פּילגעשעצטער פרײַנט און נײַער לאַנדסמאַן"!

כ'האָב נישט באַוויזן אָוועקצושטעלן דעם אויסרופּצייכן, איז אין צימער אַרײַן פראָכאָר און האָט געזאָגט, אַז הײַנט איז אַזא שיינער וועטער, אַז ס'איז א פאַרברעכן צו זיצן אינדערהיים און אַרויסקוקן דורכן פענצטער, און נאָכמער דערפאַר, אַז בא אונדז איז, דאַנקען גאָט, אַלץ פאַראַן צום פאָרן.

— „ביסט גערעכט, פראָכאָר,— האָב איך אים געזאָגט און גענומען צוטראַכטן, וווהין גיט מען נס א פאָר, נאָר — טאַקע

וואָס ווײַטער. אונ ביז ס׳וועט קומענ דער גוטער געדאַנק, האָב איכ דערווײַל איבערגעלייענט פּראָכאָרנ סטעפּאַנ אָסיפּאָוויטשעס בריוו, אונ ער האָט באַמערקט, אַז אַלצ איז זייער גוט אָנגעשריבנ, נאָר וועגנ איינעמ איז אינגאַנצנ ניט אָנגעשריבנ.

— וואָס פעלט דאָ נאָכ דײַנ מיינונג? — האָב איכ באַ אימ געפרעגט.

— לויט מײַנ מיינונג פעלט דאָ אָסיפּ פּיאָדאָראָוויטש אונ טראָכימ סידאָראָוויטש!

— ביסט גערעכט! איכ וועל אימ וועגנ דעמ אָנשרײַבנ, אונ דו גיי דערווײַל אונ גרייט אַלצ צו אינ וועג.

פּראָכאָר איז ארויסגעגאַנגענ, אונ איכ האָב גענומענ טראַכטנ, פאַרוואָס שרײַבט מיר ניט דער אַלטער דײַטש וועגנ מײַנ העלד אונ וועגנ זײַנ לערער, ער האָט נאָר געזאָגט, אַז זיי וועלנ צו אימ קומענ אַפ די יאָנטעוו־טעג, אונ פונוואַנענ זיי וועלנ קומענ איז ניט באַוווּסט. מאָדנע! מײַנע האַשאָרעס וואָלטנ גאָר קיינ סאָפ ניט געהאַט, ווענ פּראָכאָר קלאַפּט ניט אָנ אינ פענצטער אונ זאָגט ניט, אַז ער איז גרייט פאָרנ אַפילע אינ עק וועלט.

XIII

לויט מײַנ נאַטור געהער איכ צו דער קאַטעגאָריע מענטשנ צעשטרײַטע אונ וואַקלדיקע. די דאָזיקע, קענ מענ זאָגנ, אומשולדיקע כעסרוינעס מײַנע האָבנ מיכ אָפט געבראַכט אינ א קאָמישער לאַגע, אונ אמאָל אַפילע אינ אַנ אומאָנגענעמער לאַגע. איצט, לעמאָשל, האָב איכ אַזוי אומשולדיק געמאַכט פונ זיכ א נאַר, אַז כאָטש אַפ דער אויסשטעלונג שיק. מיר זײַנענ מיט פּראָכאָרנ אָוועקגעפאָרנ קיינ בראָוואַרי. נו, איז גענוג! וואָלטנ מיר זיכ באַדאַרפט אומקערנ, אָנשרײַבנ א בריוו פּרעכטעלנ, אונ אַלצ איז אינ

דענונג. ניין, האָט מען באַדאַרפט דורכפּאָרן אָגלאָוו און פאַרפאָרן קיין באַרישעווקע באַזוכן דעם אַלטן פּראָקוראָר דעם באָריספּאָלער. שטאַרק נייטיק געווען! און ס'איז דערווייַל אַריבער א כוידעש, און דער בריוו איז נישט אָנגעשריבן. ס'איז נאָך גוט, וואָס כ'האָב זיך געכאַפּט און אַוועקגעשיקט נאָטן־ביכער און א העפטל אוקראַיִנישע לידער. אַנדערש וואָלטן מייַנע גוטע כוטערלייַט געקענט טראַכטן, אַז איך בין שוין אַף דער וועלט ניטאָ.

ווייניק צו זאָגן — ס'איז ניט גוט, דאָס איז אינגאַנצן אָן יוישער! א ווונדערבאַרער געדאַנק! און פּונקט לויט מייַן קאָמפּלעקציע: נישט שרייַבן ביז פרילינג, און מיטאַמאָל ווי פון הימל אַראָפּפאַלן. און וואָס פאַר א עפעקט דאָס וועט זייַן! און נאָך אָט דעם עפעקט וועט פונדעסטוועגן אויסקומען זיך אַנטשולדיקן, לייַגן און זיך רויטלען. בעסער וועל איך איצטער אָנשרייַבן, זאָלן זיי זיך טראַכטן, וואָס זיי ווילן. אָבער מייַן געוויסן וועט יעדנפאַלס זייַן ריין: מע דאַרף נאָר אָנשרייַבן אַזוי, אַז מע זאָל זען דעם עמעס, נאָר דעם פּאָעטיזירטן עמעס.

דערפאַר טאַקע האָב איך אָנגעהויבן דעם בריוו מיט פאָלגנדיקן עפּיגראַף:

„אין אונדזערע בעסטע יאָרן
מיר פליִען גיך, ווי אויגנבליק,
אָן מיטגעפיל, אָן עמעס גליק.
מיר זייַנען יונג און שטאָלץ אָן ברעג,
וויפל האָזע און וויפל האָנאָר!
פאַר אונדז זיך שפּרייט א העלער וועג,
עס גייען דורך די בעסטע יאָרן".

און אָנשטאָט איין קופּליעט האָב איך אָנגעשריבן דעם גאַנצן געדיכט, און אין דעם זעלבן טאָג אָנגעשריבן דעם גאַנצן בריוו. דער עפעקט איז געווען אַן אויסערגעוויינלעכער. אונטער דעם געדיכט האָב איך פאַרגעסן אָנשרייַבן: ב. קוראָטשקין, און די

פרײַנדנס מײַנע האָבנ ניט לאנג געטראכט אונ מיכ אײַנגעשלאָסנ אינ פאנטעזאָנ פונ די וועלט־פּאָעטנ. אָט סארא פאָלגנ ס׳קענענ זיכ באקומענ פונ אזא אומשולדיקער צעשטרײַטקײַט! אָנ א שום מיינ קענ מענ ארײַנפאלנ אינ דער צאָל פונ די אוזורפּאטאָרס. איכ האָב זיכ באנוגנט נאָר דערמיט, וואָס כ׳האָב אָפּגעשיקט מײַנע כור־טער־לײַט דאָס דעקאבער־ביכל פונ „Библиотека для чтения“ פונעמ 1856 יאָר, אונ נאָכ אזא ארגומענט האָבנ זיי זיכ אינ מיר אנטוישט נאָר אפּ האלב. אינ זייער פאָרשטעלונג בינ איכ אלצ געבליבנ א גרויסער פּאָעט נאָר דערפאר, וואָס כ׳האָב זיי איבער־געגעבנ אָט דעמ געניִאלנ געדיכט.

דער ווינטער מיט די קאָנטראקטנ אונ אלע אנדערע פארגע־ניגנס איז פאר מיר דורכ אומבאמערקט. דער ווײַסער שניי האָט זיכ פארשעמט פאר דער מארטאָווער זונ אונ איז שווארצ געוואָרנ. די ריטשקעס האָבנ זיכ פריילעכ א ריר געטאָנ אינ די בערג אונ אוועק צו זייער עלטער־זיידע, צומ דניעפּער־בעלאָגרוד, קעדיי מעלדנ וועגנ דעמ, אז ס׳דערנעענטערט זיכ דער יאָנטעוו פונ דער געטנ יארע מיט ליבע האָט דער אלטער בעלאָגרוד אופגענומענ די פּלאפּלענדיקע ברעקעלעכ אונ פאנאנדערגעשפּרייט זײַנ בלויע ריזע קימאט ביז בראָווארי.

ריאזאנאָווס טראקטיר, ווי א קאָפּ פונ א דערטרונקענעמ, בא־ווײַזט זיכ פונ וואסער, אונ דער גיגאנט דער בריק, ווי א יאמי־שער בייזוונדער, האָט זיכ צעצויגנ פּאָפּערעק דעמ דניעפּער אונ באווײַזט דעמ פארוווּנדערטנ מענטשנ זײַנ טונקעלנ רוקנ פונ דעמ בלישטשענדיקנ שוימ. א וווּנדערבאר פּרעכטיק בילד! איכ זאָג שוינ נישט — פרילינג! דער פרילינגדיקער רייעכ אליינ איז פייִק מיכ ארויספירנ אינ פעלד נישט נאָר פונ קיִעוו, נאָר אפילע פונ פּאריזש. דאָס האָב איכ שוינ דערוויזנ פאראיאָרנ מיט מײַנ טשע־רעפּאכע־שפּאציר איבער דער אומענדלעכער בלאָטע.

אָבער איך בין עלטער געוואָרן אַפּ א יאָר, כ׳בין געוואָרן קאַלטבלוטיקער צו די אויסערלעכע אײַנדרוקן, און דאָך איז מיר שווער געוואָרן ארויסזאָגן דאָס וואָרט: איך פאָר נישט! — ד. ה. ביז די בלאָטע וועט זיך נישט איבערנעמען. דאָך האָב איך געזאָגט אָט דאָס וואָרט, און אויב איך האָב שוין איינמאָל עפּעס יאָ געזאָגט, איז עס אַלציינס, ווי אָפּגעדרוקט: קיין שום קויעך אין דער וועלט וועט מיך ניט צווינגען ענדערן מײַן באשלוס, וואָס איך האָב אָנגענומען. דערמיט קען איך אָן בארימערײַ זיך א לויב טאָן.

זיצ איך מיט א צעקלעמט הארצ אין קיִעוו, און דער זיבעטער אפּרעל, דער טאָג פון פּאסכע, איז שוין אָט־אָט. און די בלאָטע, ווי אפּצולאָכעס, ווערט אלץ שיטערער און שיטערער. ס׳גייט א רעגן נאָך א רעגן. אלץ איז קעגן מיר — אי דער הימל, אי די ערד! מיר וועלן זען, ווער ס׳וועט גויווער זײַן. און איך וואָלט אוואדע איבערגעשפּארט אי דעם הימל, אי די ערד, אָבער אָט וואָס ס׳האָט זיך געטראָפן. פּונקט אין לאזאר־זונטיק באקומט זיך א בריוו פון מײַן נײַעם לאנדסמאן, פון פּרעכטעלן, א בריוו מיט זייער א קוריאָזן אינהאלט. און אָט דאָס האָט טאקע א וואקל געטאָן מײַן ענערגישע, אָדער בעסער געזאָגט, מײַן אוקראַיִנישע נאַטור. און קעדיי אומפּארטרוילעכע לייענער זאָלן ניט זאָגן, אז איך דריי זיך אפּן קאָרעק, איז אלס א באווײַז פון מײַן אומשולד ברענג איך דאָ דעם אינהאלט פון דעם בריוו פון מײַן פּילגעשעצטן סטעפּאן אָסיפּאָוויטש פּרעכטעלן, און זאָלן זיי אליין באשליסן, צי איך האָב ריכטיק געהאנדלט אין אָט דעם אומגעוויינלעכן פאל.

„פּילגעליבטער לאנדסמאן!

„איך הייב אָן דערפון, אז איר זײַנט אן עגאָיִסט, און א „פארביטערטער, קאלטער עגאָיִסט. כאָטש מײַנע גוטמוטיקע דײַטש־

„קעס פאַרזיכערן מיך, אַז איר זייַנט נאָר אַ פּויליאַק צונג, הייסט
„עס, איינער פון די גרעסטע פּאָעטן־קינסטלער (אַ נאַיִווע פאָר־
„שטעלונג, ניט אַזוי?), נאָר מיך, דעם אַלטן וואָראָבייִ, וועט איר
„ניט אָפּנאַרן. כ׳האָב געזען אייַערע כעוורע, די גרויסע באַל־
„מויפסים! אָבער ס׳גייט דאָ ניט אין דעם, נאָר אָט אין וואָס.
„מיר אַלע, אָנהייבנדיק פון אייַער פרייַנדן העלענע, האָבן מיר די
„אויגן אויסגעקוקט. מיר האָבן אַלץ געוואַרט, אַז איר וועט קו־
„מען אַף יאָנטעוו, און איר!... נו, זייַנט איר ניט קיין עגאָיִסט
„נאָך אָט דעם אַלעמען? און ווי פריילעך ס׳איז בייַ אונדז געווען,
„פּאָשעט אַ וווּנדער! דעם העלד אייַערן און זייַן בעקאָוועדיקן
„פּראָפעסאָר וואָלט איר ניט דערקאָנט! עלעגאַנטן, ערשטסאָרטיקע
„עלעגאַנטן! מאַשע מייַנע... אָבער גאָט איז מיט איר! איך דאַרף
„האָבן אַ מענטשן, און נישט קיין שמאַטע. און דער העלד אייַע־
„רער... נאָר וועגן דעם דערנאָך. אַ שאָד, וואָס איר זייַנט נישט
„געקומען. נאָר איר האָט געפעלט צו אָט דער פולער אוקראַיִנישער
„אַסאַמבלייע. קומט־זשע צו פּאַסכע, אומבאַדינגט קומט. איר וועט
„בייַ אונדז געפינען גרויסע ענדערונגען. מייַן סאָניטשקע איז
„ייִנגער געוואָרן און שענער, איך אויך. מאַשע און איר פרייַנט
„העלענע זייַנען געוואָרן עמעסע דייַטשקעס, און איך רעכן צו
„אייַער קומען עפּענען דייַטשישע ליטעראַרישע אָוונטן, אויב איר
„וועט נאָר ניט ברענגען קיין נייַע אוקראַיִנישע לידער. דעם ראָט־
„מיסטער קורנאָטאָווסקין וועט איר נישט דערקענען. אַ טייַערער
„מענטש! אייַער קוזינע רופט ער קאַלטע קוקלע און איר ציכטיקן
„מאַן — אייזל אין הוסאַרישן וויצמונדיר. די פּאַנע דאָראָטע וועט
„איר איינגאַנצן ניט זען, און איר וועט זאָגן: גאָט צו דאַנקען —
„זי איז נישט לאַנג דערין געשטאָרבן. קומט צו פאָרן, איך וועל
„אייַך דערציילן אינטערעסאַנטע זאַכן פון איר טרויעריק־באַלערנדיקע
„ביִאָגראַפיע, און איצטער, קעדיי אייַך מער פאַרינטערעסירן, וועל

„איך אײַך זאָגן, אז זי איז געווען דעם ראָטמיסטער קורנא־
„טאָווסקיס אן אייגענע מוטער. זײַט געזונט. מײַנע דײַטש־
קעס און איך קושן אײַך.

„ פ. ס.

„געפלאפלט, געפלאפלט, און דאָס וויכטיקסטע נישט געזאָגט:
„נישט געזאָגט, אז קורנאטאָווסקי ווערט פון א הוסאר א מענטש.
„אָט האָט איר א באווײַז: ער צעברעכט דעם טאטנס געבײַדע,
„שפילט נישט אין קאָרטן, טרינקט נישט, און אײַער געוועזענעם
„דינער טראָכימען דערציט ער אף זײַן כעזשבן אין דער בעלע־
„צערקאָווער גימנאזיע. ווי די סוויוועו בײַט דעם מענטשן! פון
„פאראיאָרן הארבסט ווינט דער העלד אײַערער און זײַן גימנא־
„זיסט־פראָפעסאָר אין בעלעצערקאָוו און לערנען דאָרט. אָט דעם
ארטיקל, דעם עמעס גערעדט, האָב איך באארבעט מיט דער הילף
פון אײַער שיינער העלענע. אָבער ס'איז אלציינס, ווער ס'זאָל עס
„ניט טאָן, אבי גוט. און ס'וועט זײַן א זינד פון אײַער זײַט, אז
איר וועט נישט קומען צו אונדז אף יאָנטעוו, אפילע נאָר צוליב
„דעם, קעדיי א קוק טאָן אף אײַער טראָכימען דעם גימנאזיסט
„און אף דעם דרייסטן באשיצער פון סעוואסטאָפאָל און מײַן
צוקונפטיקן... — אָבער וואָס איז דאָ פאר א סאָד, אף מײַן צו־
„קונפטיקן איידעם”

— פראָכאָר! פראָכאָר! — האָב איך אויסגעשריגן און בין
ארויסגעלאָפן אין פאָדערצימער.

מיטן פסאלטיר אין דער האנט איז ארײַן פראָכאָר.

— מיר פאָרן, קלויב זיך! הײַנט פאָרן מיר! — האָב איך אים
אפגיך געזאָגט. ער האָט קאלטבלוטיק א זאָג געטאָן: גוט! —
און איז אוועק זיך גרייטן אין וועג ארײַן.

פעווראל, 1858

ק. דארמאָגרײַ.

רעדאקטאָר — מ. מײַדאנסקי
טעכנישער רעדאקטאָר — ג. פריצקער
קאָרעקטאָר — ע. מעלניקאָווא.

פאפיר 108×70 — 1/32 — 53 קג. 7,5 דרוק־
בויגנ. 10,35 דיסקאָנט־אווטאָר־בויגנס.
טיראַזש 150+1850 עקז. 9־טע פאָליגר. פאב־
ריק גופקפ. קיִעוו, רויטער פלאצ 2a.
באשט. נומ. 141. באפולמ. פונ הויפטליט
נומ. 241. פארלאג־נומ. 145 אָפגע־
געבנ אינ זאצ 16/I — 1939. אונטער
געשריבנ צומ דרוק 3/II — 1939.

Ціна 2 крб. 50 коп. Оправа 1 крб. 50 коп